STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01096

DER HESHBM BLAYBT OFN

Leon Leneman

Permanent preservation of this book was made possible
by Shulamit & Stephen Bernard
in honor of
Seth & Ariele Bernard

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָן לענעמאַן

דער חשבון בלייבט אָפן

ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

133

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס־לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

לעאָן לענעמאַן

דער חשבון בלייבט אָפן...

וועגן די באַציאונגען פון פּאָליאַקן צו יידן בעת דער היטלער-תקופה

*

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ח

הילע־צייכענונג: ב ע ן, פּאַריז

דעם הייליקן אָנדענק פון מיינע נאָענטע און טייערע:

מוטער חיה,

ערשטע פרוי חנה און בכור טוביהלע,

שוועסטער גאָלדע, איר מאַן מאטע טעמקין און זון וואָלף,

ברודער אברהם, זיין פרוי גוטע און קינדער יהודית און טוביה,

פעטער איטשע־מאיר לענעמאַן, מומע יהודית און זייערע זין:

ד״ר בנציון און אדם

/אומגעקומענע אין די געטאָס פון לובלין און וואַרשע, אין טרעבלינ־קע און אויף דער אַרישער זייט/

און מיין ברודער ברוך

/געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד אין פראַנקרייך, אין קאַמף קעגן היט־לערס חיילות/

איז מיין בוך געווידמעט.

דער מחבר.

אינהאַלט

ווען אונדזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן... 9

דער קליינער „פאַן איזאַק" דערפילט די גרויסע עוולה 18

„די אָרעמע יידן, נעבעך..." 29

נישט בלויז איך האָב געזען 44

נישט אַלע זענען זיי שונאים 59

די שאָסן אין באַגינען 74

„פּאַראַן פרישע סחורה"... 95

וויטעל איז זייער ווייט פון געטאָ... 123

די אָפּערע פון „האָטעל פּאָלסקי" 140

די היימישע געשטאַפּאָ־העלפער פאַרן געריכט 163

די דערפער אַרום טרעבלינקע זענען רייך און פריילעך! 173

ד"ר קאַזימיעזש וויענצקאָווסקי ביי יידישע שרייבער 182

גיין, נישט וויענצקאָווסקי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פונעם פּאָליאַק צום געראודפן יידן (נאָכוואָרט) 198

ווען אונדזערע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן...

(אָנשטאָט אַן אַריינפיר־וואָרט)

געווען איז דאָס אין חודש יולי פון יאָר 1946, אין דער רעדאַקציע פון דער פוילישער פרעסע־אַגענטור אין וואַרשע, ווו כ׳האָב געאַרבעט פון זינט ב׳בין צוריקגעקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד. דאָס הייסט — דעם דריטן חודש.

פון די געשפרעכן מיט מייגע רעדאַקציע־קאָלעגן האָב איך געוווסט, אַז ער באַמיט זיך שטאַרק מ׳זאָל פאַרגעסן אין דער שוואַרצער גלאַנציקייט פון זיינע האָר און נישט באַמערקן די אויגן זיינע און די נאָז. רעדט פויליש מיט אַ ריינערן אַקצענט, ווי דער „עכטסטער״ פאָליאַק און זיין נאָמען איז אַזוי צונויפגעהאַרמאָניזירט מיטן „סקי״ביים סוף, אַז דאָס דאַרף נישט אַרויסרופן קיין שום ספק בנוגע דעם סלאַווישן אָפּשטאַם פון זיין טרעגער.

היות דער רוב פוילישע חברים האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן טאַקע געגלייבט (און אַ טייל האָט, משמעות, אויפריכטיק אַזוי געמיינט) אין זיין „אַרישקייט״, האָב איך געטראַכט ביי זיך: — זאָל אים וויל באַקומען... און כ׳האָב נישט געזוכט קיין שום קאָנטאַקט מיט אים.

אָבער ס׳האָט געטראָפן אַ פאַל, ווען זיינע טיף־שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן האָבן זיך צופעליק צונויפגעטראָפן מיט מיינע. עס האָט פון זיי אַזאַ אומענדלעכער ווייטיק און אומעט אַ שיין געטאָן, אַז ס׳האָט מיר אַזש אַ ברי געגעבן אין האַרצן. דער יונגערמאַן האָט שנעל אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נערוועז געגומען גלעטן די שוואַרצע האָר־כוואַליע אויפן קאָפּ.

פון דעמאָלט אָן האָב איך אָבער באַמערקט, אַז די אויגן זיינע זוכן אַלץ אָפטער אַ ראַנדעוו מיט מיינע און יעדעס מאָל קוקט ער מיך לאַנג אָן און אויסגעדוכט האָט זיך מיר, אַז כ׳לייען אין די אויגן ווי עפּעס אַ פאָרוואורף און אַ פראַגע און אַן אָנבאָט.

— וואָס פאַראַ טענה קען ער צו מיר האָבן? — האָב איך געזוכט

מײַן חטא — אפשר איז ער מיך מקנא מיט מײַנע בלאָנדע האָר און בלויע אויגן? יאָ, ער וואָלט מסתם פיל געגעבן דערפאַר כ׳זאָל מיט אים מאַכן אַ טויש...

בקרוב איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט אים נענטער. כ׳האָב דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז נישט יעדער, וואָס באַהאַלט נאָך הײַנט זײַן ייִדישקייט — איז שוין טאַקע אינגאַנצן אויס ייִד, און אַז אויך פון אַזאַ אײנעם קען מען נאָך געוויר ווערן פיל, פיל זאַכן פון אַ ריין ייִדישן אינהאַלט.

און פאַרטשעפּעט האָט ער — מיך.

בעת אַ מיטאָג אין דער רעדאַקציאָנעלער „סטאָלוּװקע״, ד״ה אינעם רעסטאָראַנדל פאַר די מיטאַרבעטער, איז אַמאָל אַזוי אויסגעקומען, אַז מיר ביידע זענען פאַרבליבן אַליין. ער האָט זיך דאַן איבערגעזעצט נענ־טער צו מיר און פלוצלינג שטיל אַ זאָג־געטאָן:

— מען האָט מיר דערציילט, אַז איר האָט אין סעקרעטאַריאַט פון דער רעדאַקציע געבעטן, מען זאָל פאַר אײַך באַהאַלטן די ייִדישע צײַטונ־גען, וואָס קומען אָן פון אויסלאַנד. איז דאָס אמת?

— יאָ! אמת...

— אַזוי־אַרום זײַנען דאָך אַלע געוויר געוואָרן, אַז איר זײַט אַ ייִד!

— האָט דען עמעץ וועגן דעם נישט געוווסט? מײַן פאַמיליע־נאָמען איז גאָרנישט קיין פּוילישער?...

— יאָ. דאָס איז אמת, איר זײַט נאָך אָבער צו קורץ אין פּוילן, כּדי אַלץ צו פאַרשטיין. ווען עס קומט אַזאַ אײנער, ווי איר, פון סאָוויעט־רוס־לאַנד, פאַרנעמט גלײַך אַ הויכן אַמט אין אַ פּוילישער רעדאַקציע, אָדער אין אַ מיניסטעריום, האַלטן אים אַלע פאַר אַ פּאָליאַקן פאַר אַ... ייִד. מעג ער אויסזען אַזוי פּויליש ווי איר און טראָגן אַזאַ פּוילישן פאַמיליע־נאָמען, ווי איך. מען פאַרשטייט, אַז ער האָט דעם נאָמען געענדערט. היות אָבער איר זענט זיך געבליבן בײַ אײַער „מאַן״ און נישט געענדערט דעם נאָ־מען, און געבענטשט מיט אַ „סלאַווישן״ אויסזען זענט איר אויך — האָבן אַלע געזאָגט, אַז איר זענט זיכער אַ פּאָליאַק, ווײַל אַ ייִד וואָלט זיך גלײַך צוגעטשעפּעט צום נאָמען אַ „סקי״, אָדער אַ „טשאַק״. מען וואָלט אײַך

טאָקע געהאַלטן פאַר אַ פּאָליאַק, ווען איר נעמט נישט נאָכפֿרעגן זיך אויף יידישע צייטונגען.

— און וואָס שאַדט דאָס מיר? — האָב איך געפרעגט — פאַרוואָס זאָל מען מיינען, אַז כ׳בין אַ פּאָליאַק? אדרבא, זאָל מען וויסן, ווער כ׳בין. איז דאָך די דייטשע אָקופּאַציע שוין, מיט מזל, לאַנג פאַרביי און קיין געפאַר דראָט מער נישט.

— עס דאַכט זיך אייך — האָט ער מיר איבערגעריסן און אומרואיק זיך אַרומגעקוקט — אַז איר ווייסט שוין עפּעס... ער האָט מיך ווידער לאַנג אָנגעקוקט מיט זיינע אַזוי טרויעריקע און אַזוי טיף־יידישע אויגן.

— איר דיספּאָנירט אפשר מיט אַביסל פרייע צייט און האָט חשק זיך מיט מיר צו טרעפן ווו ערגעץ, ווו מיר וועלן קענען פרייער זיך דורכשמועסן? — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט.

— אָ, ביטער זייער...

און אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע טרעפונגען, בעת וועלכע איך האָב בלויז אויסגעהערט. טיילמאָל פאַרצייכנט. ער האָט דערציילט, דערציילט...

זיין מאַמע שטאַמט פון אַ נגידיש־אַריסטאָקראַטישער יידישער משפּחה, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין גזשיבאָווער ראַיאָן אין וואַרשע אין דער זעלבער צייט, ווען ישעיה פּריוועס האָט דאָרט גענומען ציען די גאָלדענע קייט פון סוחריש־יחסניש לעבן. די מוטער פון מיין יונגן דערציילער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַדוואָקאַט — אַן אַסימילאַטאָר. דער אַדוואָקאַט האָט זיין פאַמיליע־נעסט געבויט שוין ווייט פון יידישקייט. דערציגן די קינדער אַלס פּאָליאַקן, געגלייבט, אַז אַזוי וועט פאַר זיי זיין בעסער.

היטלערס ממשלה האָט אים ערשט ווידער דערמאָנט, ווער ער איז. ביים שאַפן דעם געטאָ האָט די גאַנצע משפּחה באַשלאָסן נישט אַריבערצוציען זיך דאָרט אַהין, נאָר צו פאַרבלייבן „אויף דער אַרישער זייט“. פאַרבליבן דאָרט אויך נאָך דער אָקופּאַציע...

— איך קען שוין נישט ווערן קיין ייד... — האָט צו מיר געשעפּטשעט דער יונגערמאַן — צו ווייט האָט אונדז דער פאָטער פאַרשלעפּט

אין דער נישט־יידישער סביבה אַריין. נאָר אויב אַמאָל האָב איך געגלייבט, אַז אפשר איז דער פּאָטער טאָקע גערעכט געווען, איז היינט פאַר מ׳יר טראַגיש דער באַוווסטזיין, אַז איך אַסימיליר זיך מיט אַ פאָלק, אַ פאָלק, וואָס איך...

— האָס — האָב איך געפּרווּוט ענדיקן זיין געדאַנק, זעענדיק, ווי שווער עס איז אים אַרויסצוזאָגן דאָס וואָרט.

ער האָט נישט געזאָגט: „יאָ״, און נישט געזאָגט: „ניין״, נאָר גע־רעדט ווייטער:

— איך בין אַ זשורנאַליסט און ליטעראַט, ווּעמען מען זאָגט פאָרויס אַ גרויסע צוקונפט. אין צוויי קאָנקורסן — אויף אַ נאָוועלע און אַ רע־פּאָרטאַזש — האָב איך געוּנומען די ערשטע פּריזן. איך שרייב אַרטיק־לען, פעליעטאָנען, רעפּאָרטאַזשן פאַר טעגלעכע צייטונגען און זשורנאַלן. עס דרוקט מיך אַ קאַטוילישער זשורנאַל און אַ פּויערישע צייטונג. אָבער דאָס אַלץ גיט מיר נישט קיין שום סאַטיספאַקציע. איך האָב מיין לעבן פאַרשפּילט, נישטאָ פאַר מיר קיין אָרט אין דער וועלט אין וועלכער איך בין אַריין — אָן מיין ווילן...

— און זינט איך האָב אייך דערזען... — האָט ער נאָך אַן אָפּרו פאָרגעזעצט — מאַטערט מיך אַ געדאַנק: צי וואָלט איר מיר נישט וועלן העלפן דעריין, אַז כאָטש אַ טייל דערפון, וואָס איך האָב איבערגעלעבט „אויף דער אַרישער זייט״, אָדער וואָס אַנדערע האָבן דאָרט איבערגע־לעבט און איך ווייס וועגן דעם, זאָל פאַרצייכנט ווערן און יידן, איר פאַר־שטייט, יידן אויף דער וועלט, זאָלן דאָס קענען איבערלייענען... דעם אָנ־הייב וועל איך, אפשר אַליין אָנשרייבן, אויף פּויליש. פאַרשטייט זיך, און איר וועט דאָס איבערזעצן און פאַרעפנטלעכן? נאָר געדענקט, איך באַ־שווער אייך! — האָט ער אויסגערופן און זיינע אויגן, די שוואַרץ־סאַ־מעטענע, ווונדערלעכע יידישע אויגן, האָט אָנגעפילט אַ מורא — איר זאָלט קיינמאָל קיינעם נישט אויסגעבן, ווער עס האָט דאָס אַלץ דער־ציילט און פאַרשריבן, איר זאָגט דאָס מיר צו?...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער מיר געבראַכט די ערשטע בלעטלעך פונעם כתב־יד און איך האָב אים פייערלעך צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס

נאָר מעגלעך, אַז ער זאָל וואָס שנעלער פֿאַרעפֿנטלעכט ווערן. אויב דאָס געשעט מיט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון אַזוי פֿיל יאָרן, איז עס נישט צוליב מיין שולד...

דעם כתב־יד ברענג איך איצט מיט געוויסע ענדערונגען און פֿאַר־קירצונגען. איך פֿלעכט אים אַדורך מיט אַ ריי אייגענע באַמערקונגען און דערגענצ מיט דערציילונגען, וואָס כ׳האָב געהערט ביי אַנדערע פּוילישע שרייבער, ווי אויך מיט גביית־עדותן פֿון לעבנגעבליבענע יידן.

דאָס, וואָס כ׳וויל דערציילן

דער כתב־יד הייבט זיך אָן אַזוי:

פֿאַראַן פֿיל סיבות, צוליב וועלכע מענטשן נעמען היינט די פֿעדער אין דער האַנט אַריין. אייגער וויל פֿאַר די קומענדיקע דורות פֿאַראייביקן דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט; אַן אַנדערער טרויט אָן דעם פּאַפּיר דאָס אַלץ, וואָס ער וואָלט נישט אימשטאַנד געווען צו דערציילן אַפֿילו דעם נאָענטסטן און האַרציקסטן פֿריינד זיינעם; נאָך אַן אַנדערער שרייבט גאָר — פֿאַר געלט.

דאָס שרייבן איז פֿאַר מיר גישט קיין נאָווינע. פּוילישע לייענער האָבן גאַנץ אָפֿט די געלעגנהייט צו לייענען דאָס, וואָס כ׳שרייב. הגם איך בין אַ ייד, און אַ ייד אין דער צייט, ווען ס׳ענדיקט זיך די ערשטע העלפֿט פֿון טראַגישן 20סטן יאָרהונדערט און ס׳גייט אויף די נייע עפּאָכע פֿון אַטאָמישער ענערגיע, שרייב איך נאָר אין דער פּוילישער שפּראַך און נאָר פֿאַר פּאָליאַקן.

געבוירן געוואָרן בין איך אין וואַרשע, אין אַ שטוב, וואָס שטאַמט פֿון איין זייט פֿון אינטעליגענץ און פֿון דער אַנדערער זייט — פֿון סוחרים. אינדערהיים ביי מיר האָט מען שוין גערעדט — נאָר פּויליש. מיין נאַ־ציאָנאַלער דיכטער איז געווען — אַדאַם מיצקיעוויטש, מיין קאָמפּאָזי־טאָר — שאָפּען. אויב איך ווייס עפּעס וועגן ביאַליקן, צי וועגן שלום־עליכם — איז עס נאָר דאָס, וואָס די פּוילישע איבערזעצונג האָט מיר אונטערגעטראָגן. אין דער גימנאַזיע בין איך געווען דער איינציקער ייד.

כ׳האָב שטודירט אין אויסלאַנד און נאָכן צוריקקומען — געבליבן אויס־שליסלעך אין דער פּוילישער סביבה.

און פּלוצים...

די דייטשן זענען אָנגעפאַלן אויף פּוילן.

פון דער רייכער שטוב בין איך אַרויסגעריסן געוואָרן און כ׳בין אַריינגעפאַלן אין דחקות. אויסנוצנדיק מיינע באַקאַנטשאַפטן צווישן פּאָליאַקן און אַ דאַנק דעם, וואָס כ׳האָב אַזוי באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און אַזוי געווען איינגעטאָן אין די פּוילישע מינהגים, אַז כ׳האָב נאָך אין דער גימנאַזיע אַלעמאָל געדינט אַלס ביישפּיל און מוסטער פאַר די „עכטע" זין פון דער פּוילישער ערד — האָט זיך מיר איינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן אויפן דאָרף, ווייט פון די געטאָ־פייערן און ווייט פון מיינע אמתע ברידער. דאָרט האָב איך פון מיין באַהעלטעניש אַרויס, געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דאָס לעבן פון אַנדערע יידן, וועלכע זענען געגאַנגען אין מיינע שפּורן, זעענדיק אין אַזאַ וועג די איינציקע רעטונג. איך האָב זיך צוגעקוקט צום לעבן און צו די טאַטן פון מיין פּוילישער סביבה. כ׳האָב געזען פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאָלפן יידן און פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיי געראָדפט, כ׳האָב געזען די דייטשן — די רעזשיסערן פון מוראדיקן ספּעקטאַקל. כ׳בין אייניקע יאָר געווען אינמיטן פון אַ לאַנד, וווּ יעדער שפּאַן ערד האָט אין זיך איינגעזאַפּט יידיש בלוט און וווּ ס׳איז היינטצו־טאָג נישט פאַראַן קיין איין דערוואַקסענער איינוווינער, וואָס זאָל מיט די אייגענע אויגן נישט זען, וויאַזוי ס׳ווערט דערמאָרדעט אַ ייד.

פאַרשידנאַרטיק האָבן רעאַגירט די פּאָליאַקן אויף דעם בלוטיקן שפּיל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין פּוילן, ווי נאָר די דייטשן זענען געוואָרן די מושלים. אין איין עק פון דער געזעלשאַפט קאָן מען שטעלן יענע, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר פאַרלוירן יעדע וואָך, אין וועלכער ס׳איז זיי נישט געלונגען אויסצושפּירן אַ באַהאַלטענעם ייד, כדי אים אויסצוזויגן ביזן ביין און דערנאָך צו פאַרמסרן פאַר די תליונים. אויפן פּונקט פאַרקערטן פּאָליוס פון פּוילישן פאָלק זענען ווידער געשטאַנען יענע, וואָס האָבן אין יידן געזען מענטשן און מענטשן געפּייניקטע און געפּלאָגטע, און געהאָלפן זיי טיילמאָל אַפילו מיט רירנדיקער מסירת־נפש.

די געשיכטע וועט אַמאָל אַרויסטראָגן איר משפט וועגן דער דאָזי־קער צייט. פאַר אונדז, די נישט ווילנדיקע צושויער און אויפגעצווונגענע אַקטיאָרן פונעם ספעקטאַקל, וואָלט דאָס דערגיין דעם אמת געהאַט אַן אומגעהויערע באַדייטונג.

וויאַזוי האָט פאַקטיש אויסגעזען די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו זייערע מיטבירגער, וועלכע די דייטשן האָבן אַרויסגעשטויסן אויסער די ראַמען פון געזעץ און וואָס האָבן בלויז געבילדעט דעם אַוואַנגאַרד פון גראַנדיעזן צוג פון אונטערדריקטע פעלקער — צו די טויט־לאַגערן און גאַז־קאַמערן?

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב נישט בדעה צו פאַרמעסטן זיך צו געבן אַן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע אין איר גאַנצער ברייט און טיף. איך וויל בלויז אָביעקטיוו איבערגעבן פאַקטן. איך וועל זיך נישט אַריינ־לאָזן אין וויסנשאַפטלעכע סטאַטיסטיקעס און פאַרשונגען. כ׳וועל איבער־געבן נאָר דאָס, וואָס כ׳האָב אַליין איבערגעלעבט און געזען, אָדער וואָס כ׳האָב געהערט פון אַנדערע און געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו קאָנ־טראָלירן.

ווען איך שרייב דאָס און דערצייל וועגן דעם, וואָס כ׳האָב איבער־געלעבט — טו איך עס אויך פאַר זיך אַליין. איך מאַך דערמיט, ווי אַ חשבון־הנפש און כ׳שטיל דערביי מיין געוויסן. כ׳וויס, אַז צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס געפינען זיך היינט אין פוילן, פירן מ׳יט זיך אַן אי־נערלעכן קאַמף און זוכן אַ תשובה אויף דער פראַגע: — פאַרבלייבן אויפן דאָזיקן ריזיקן בית־הקברות, אָדער אַנטלויפן, אַנטלויפן?...

איך אַליין האָב שוין כמעט נישט די ברירה.

ווען ס׳וועט מיר אַזוי אומעטיק אויפן האַרצן, אַז כ׳בין שוין נישט אימשטאַנד איבערצוטראָגן די יסורים, גיי איך אַוועק אויפן וואַרשעווער בית־החיים. די שטילקייט דאָ — באַרואיקט מיך. ס׳איז שטיל דאָ און טראַגיש ביז גאַר. דאָס לעבעדיקע יידישע וואַרשע איז שוין נישטאָ, אָבער דאָס טויטע יידישע וואַרשע — איז פאַרבליבן, ווי אַ ריזיקער דענקמאָל, ווי אַ בוך, וואָס דורות וועלן קענען אין אים בלעטערן געשיכטע.

אויפן געגשער בית־עולם טרעפט מען היינט זייער זעלטן אַ מענטש, אַ לעבעדיקן. זייער זעלטן הערט מען דאָ אַ קדיש איבער אַ קבר.

דערפאַר קען מען אָפטער פון צווישן די ווייטע קברים און מצבות דערהערן דעם גרילץ פון אַן אייזן און דעם געקלאַפּ פון אַ קילאָף. ביי־נאַכט איז די געקלאַפּעריי גאָר אַ שטאַרקע. דאָס אַרבעטן אַזוי די „דענ־טיסטן" און „גאָלד־גרעבער". באַגינען קריכן די שוואַרצע שאָטנס צוריק אַריבער איבערן מויער און פאַרשווינדן. עס בלייבן נאָך זיי שפּורן: אויפ־געבראָכענע קברים, אַ שאַרבן, פון וועלכן מען האָט נאָר וואָס אַרויסגע־ריסן די גאָלדענע ציין־רעשטלעך...

וויפל מאָל איז אויך פאַר אָט די מענטשן, וואָס זייער אַש איז נאָר וואָס געשענדעט געוואָרן, געשטאַנען די פראַגע: אַוועקגיין, צי פאַר־בלייבן?

זיי זענען פאַרבליבן. פאַרוואַנדלט געוואָרן ביים לעבן אין חיות, נאָך וועלכע געניטע יעגער האָבן זיך געיאָגט. און נאָכן טויט לאָזט מען זיי אויך נישט צורו...

ליידער האָב איך נישט די מעגלעכקייט צו ווילן: גיין, אָדער בלייבן.

אָבער כדי אַביסל מיין אייגן געוויסן צו באַרואיקן דערמיט, וואָס כ'וועל אַנדערע העלפן ביים לייזן די פראַגע — וועל איך דערציילן דאָס אַלץ, וואָס כ'ווייס וועגן דעם, וויאַזוי דאָס פּוילישע פאָלק האָט זיך באַ־צויגן צו די יידישע מיטבירגער.

***

ס'איז שפּעטע נאַכט, ווען כ'שרייב די דאָזיקע ווערטער. לייכטער איז מיר צו שרייבן — אין וואַרשע, ווען אונטער די פענצטער ליגט פו־נאַנדערגעשפּרייט דער אימהדיקער ים פון חורבה און פאַרוויסטונג.

איך וואַרף פון זיך אַראָפּ דעם סלאַווישן נאָמען מיט דעם „סקי" ביים סוף, דער נאָמען, וואָס דינט מיר אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי אַ פאַנצער. איך רייס אַראָפּ די שוואַרצע הויט, וואָס האָט פאַרוואַקסן די ווונדן. איך וואָלט וועלן אין די נעכט, ווען כ'שרייב די דאָזיקע ווערטער, זיין אַ ייד, אַ „יאָסעק", אָדער „סרולעק", פון וועלכן די פּאָליאַקן האָבן

במשך פון יאָרהונדערטער געלאַכט און אָפּגעשפּאָט. כ׳וואָלט וועלן ווערן אַזאַ ייד, וואָס וועט שוין מער קיינמאָל אויף דער פּוילישער ערד נישט וויינען אין אַזעלכע מאַסן, ווי אַמאָל. „אַמאָל״ — מיט נישט מער, ווי אייניקע יאָר צוריק.

איך וועל אַראָפּרייסן די הויט, וואָס האָט שוין פאַרוואַקסן די ווונדן, נישט כדי צו גריבלען זיך אין זיי; איך וויל זיך צוריק דערנענטערן צו יענער צייט, וואָס האָט מיך אַזוי טיף פאַרוווּנדעט. איך וויל אָפּפרישן אין זכרון די איבערלעבענישן און דערציילן עס רואיק און אָביעקטיוו.

און אינדערפרי — וועל איך צוריק ווערן איינער פון זיי. לעבן מיט זייער לעבן...

קאַפּיטל איינס

דער קליינער „פּאַן איזאַק" דערפילט די גרויסע עוולה

באַקענט זיך מיט אים האָב איך שוין אין דער מלחמה־צייט. דאָס איז געווען אַן עלטערער הער מיט קיילעכדיקע בעקעלעך, אַלעמאָל אַ שמייכלדיקער, אַ לעבנסלוסטיקער. איך זע נאָך, גלייך ווי דאָס וואָלט גע־ווען נעכטן, זיין פליכעוואַטן קאָפּ און די אַביסל בולטע אויגן זיינע הינ־טער די ריין־אויסגעווישטע פּאַנסנע. אָבער ווען כ׳וויל אים כאַראַקטערי־זירן מיט איינאיינציק וואָרט, וואָלט מיר נישט שווער געווען דאָס וואָרט צו געפינען: ער איז געווען אַן א פ ט י מ י ס ט.

„פּאַן איזאַק" — אַזוי פלעגט מען אים רופן פאַרן קריג — איז גע־ווען אַ געבוירענער אָפּטימיסט. דער אָפּטימיזם איז געווען די דינאַמישע הויפּט־קראַפט, וואָס האָט אים זיין גאַנץ לעבן געשטופּט פאָרויס. געקומען צייטן, ווען דער איינגעבוירענער אָפּטימיזם איז געוואָרן אַ מין שפּאַניש ווענטל, וואָס האָט צוגעדעקט שוין נישט מער, ווי הוילע אילוזיעס, אָבער דאָס איז געשען שפּעטער...

ביזן קריג האָט, אַלזאָ, „פּאַן איזאַק" געפירט זיך אַ לעבן פון אַ דורכשניטלעכן געשעפטס־מאַן, פאַר וועלכן די געשעפטן זיינען אַלעמאָל געשטאַנען אויפן צווייטן אָרט, ווייל דאָס ערשטע האָט געהערט צו דער משפּחה. דאָס ווייב, די טאָכטער און דעם זון האָט ער ליב געהאַט מער, ווי אַלץ. דער זון איז שוין געווען אינזשיניער און די טאָכטער האָט אין מאָמענט פון מלחמה־אויסברוך געזאָלט ענדיקן די גימנאַזיע.

ווען די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט וואַרשע, האָט „פּאַן איזאַק" אָנגע־ווענדעט אַ טאַקטיק פון נישט־אויספילן דעם אָקופּאַנטס באַפעלן. ער איז נישט אַריבער פון זיין וווינונג אין געטאָ אַריין, ער האָט נישט אָנגעטאָן די לענטע מיטן מגן־דוד. ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ נייע דירה — צווישן פּאָליאַקן, וואָס האָבן אים נישט געקענט.

שוין אין יאָר 1939 האָט איזאַק דערפֿילט, אַז ער האָט אויסגעוויילט גאָרנישט קיין לײַכטן וועג. אַ וועג — צווישן אַ באַפֿעלקערונג, וואָס איז צו אים נישט גינסטיק געשטימט.

אין אַ געוויסן אָוונט איז ער שנעל געגאַנגען אַהיים, געשאַרט זיך האַרט בײַ די ווענט, ווען פּלוצלינג האָט אים אין העלן ליכט פֿון אַ לאָמ־טערן (דאָס פּאַרטונקלען די שטאָט איז אין וואַרשע אײַנגעפֿירט געוואָרן דורך די דײַטשן ערשט ערב דעם קריג מיט רוסלאַנד) פֿאַרהאַלטן אַ פּוי־לישער פּאָליציאַנט.

— איין מאָמענט, הער בלום — האָט דער פּאָליציאַנט אַ זאָג גע־טאָן — איך וויל אײַך עפּעס זאָגן...

— איר האָט אַ טעות — האָט דער פֿאַרהאַלטענער דערקלערט — איך הייס נישט בלום, נאָר סקאָוראָנסקי. אָט האָט איר מײַן דאָקומענט — דאָ האָט איזאַק גענומען אַרויסשלעפּן זײַנע „אַרישע פּאַפּירן".

— איר מעגט היינט הייסן סקאָוראָנסקי, ווישניעווסקי, אָדער מאַ־ליגנאָווסקי — האָט יענער זיך צעלאַכט — פֿאַר מיר בלײַבט איר אויף אַלעמאָל „בלום", איר הערט? — „בלום"! איך געדענק דאָך גוט אײַער געשעפֿט אויף דער גענשע גאַס... אָבער גענוג זיך געוויצלט, וואָס וועל איך מיט דיר, „טי זשידזשיע" לאַנג אײַנטענהן. דו ביסט אַרעסטירט און קום מיט מיר...

הגם דאָס האָט פּאַסירט נאָך אין יאָר 1939, איז דער המשך אין אַזעלכע פֿאַלן געווען שאַבלאָנמעסיק. אויפֿן וועג אין קאָמיסאַריאָט אַרײַן האָט דער פּאָליציאַנט גענומען דערציילן, ווי שטרענג און אַכזריותדיק די דײַטשן שטראָפֿן די יידן וואָס מען כאַפּט אָן דער לענטע מיטן מגן־דוד אויף דער האַנט און וואָס באַנוצן זיך מיט פֿאַלשע פּאַפּירן. שפּעטער האָט ער זיך „מודה געווען", אַז אײגנטלעך האָט ער גרויס רחמנות אויף די „אָרעמע יידן נעבעך" און דער ענין איז רייף געוואָרן אויף אַזוי ווײַט, אַז איזאַק איז אַרײַן מיטן פּאָליציאַנט אין אַ טויער אַרײַן. דאָ האָט דער חברה־מאַן אין גראַנאַטענעם מונדיר אָראָפּגעשלעפּט בײַ זײַן קרבן דעם זייגער פֿון דער האַנט, צוגענומען אים דאָס גאַנצע געלט וואָס ער האָט

געהאַט ביי זיך און נישט אויפהערנדיק צו טענהן, אַז „נאָר צוליב סימ־פּאַטיע צום אומגליקלעכן ייִדישן פאָלק" האָט ער נישט אָפּגעפירט דעם „פאַן איזאַק", „ווו מען דאַרף", איז ער נעלם געוואָרן.

פאַר איזאַקן איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. צום ערשטן מאָל האָט ער דערפילט די גרויסע עוולה, וואָס עס איז דירעקט לגבי אים באַ־גאַנגען איינער פון דעם פאָלק, צווישן וועלכע ס'איז געבוירן געוואָרן און געלעבט נישט בלויז ער אַליין, נאָר אויך דער טאַטע זיינער און דער זיי־דע, און דער עלטער־זיידע. אַ גאַנץ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט צווישן דעם פאָלק, שווער געאַרבעט אויפן טאָג־טעגלעכן ברויט און קיינעם קיינמאָל די מינדעסטע קריוודע נישט געטאָן. פאַרוואָס קומט אים אַזאַ פּסק?...

דער אָפּטימיזם האָט אָבער גלייך גובר געווען און „פאַן איזאַק" איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַן אויס־ווורף, אַ יוצא־מן־הכלל און אַז דער כלל האַנדלט און וועט האַנדלען גאָר אַנדערש.

זיין גאַנצע ענערגיע האָט ער איצט געווידמעט דעם פאַרשפּרייטן אַנטי־דייטשע פּראָפּאַגאַנדע. ער האָט אויסגעזוכט פאַליאַקן, וועלכע האָבן אין געהיים געהערט ראַדיאָ־ידיעות (פאַר באַזיצן אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט געדראָט טויט־שטראָף סיי ייִדן און סיי פאַליאַקן). ער פלעגט די נייעס־טע ידיעות זיך פאַרשרייבן אויף אַ פּיטשעדיק שטיקעלע פּאַפּיר און יעדן אָוונט האָט זיין קליינע וווינונג געדינט אַלס אַ מין אינפאָרמאַציע־צענ־טער. פון גאַנצן הויז פלעגן זיך צונויפקומען די לאָקאַטאָרן פונעם הויז, צו וועלכע מען האָט געקענט האָבן צוטרוי, און אויסהערן דעם נייעס־באַ־ריכט פון קליינעם אָפּטימיסט. אין די דאָזיקע אייגנאַרטיקע טרעפונגען פלעגט ער אַלעמאָל זען אַ געוויסע סימבאָלישקייט: פון דער גאַס טראָגט זיך דער געקלאַפּ פון שווערע דייטשע שטיוול. דאָס מאַרשירן די היטלער־ריסטישע פּאַטרולן, וועלכע היטן אָפּ די „נייע אָרדענונג" — און דאָ אין דער ענגער דירה אויפן 4טן שטאָק קומט דער קליינער ייִד מיט די קיי־לעכדיקע בעקעלעך און קוקט זיך איין מיט זיינע גוטמוטיקע אויגן אין די פוילישע שכנים, וועלכע ער גיט צו מוט און רופט צו אויסדויער. אויפן סמך פון די נאָר־וואָס געהערטע ידיעות פאַרזיכערט ער זיי, אַז אָט־אָט

און עס וועט זיך אָנהייבן, די ברוינע בעסטיע וועט פאַלן אַ באַזיגטע...
מען דאַרף נאָר האָבן געדולד און מוט און גלויבן...

און געווען איז דאָס אין יאָר 1940.

בעת אַזעלכע טרעפונגען ביים „פאָן איזאַק״, וועלכער האָט שוין איצט געהייסן „פאָן וולאַדיסלאַוו״, פלעגט אַלעמאָל אויך פאָרקומען אַ דעבאַטע אַרום דעם, ווי אַזוי דאַרף מען האַנדלען לגבי די דײַטשן און זייערע פאַר־אָרדנונגען. דער „פאָן איזאַק״ האָט געהאַט איין עצה: האָרכט נישט די דייטשן, ווי לאַנג ס׳איז נאָר מעגלעך. אויב איר מוזט שוין באַצאָלן אַ שטייער אָדער קאָנטריבוציע — טוט דאָס אין דער לעצטער רגע, קיינמאָל נישט פריער, מיידט אויס די דייטשע פאַרשריפטן, פירט נישט אויס די באַפעלן...

זיינע ווערטער האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די שכנים. ביי זייער פיל פאַליאַקן איז זייט דורות געווען איינגעוואָרצלט דער גלויבן אין יידישער קלוגשאַפט. „ווער, ווי ווער — פלעגט מען זאָגן — נאָר די יידן ווייסן שוין זיכער, וואָס זיי טוען...״ די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן זיך אָפט געטראָפן מיט שפורן פון דער „געשעפטשעטער פּראָפּאַגאַנדע״, וואָס איז הויפּטזעכלעך פאַרשפּרייט געוואָרן דורך יידן און ווער ווייס, צי איינפירנדיק דאָס געטאָ האָבן זיי נישט געטראַכט אויך וועגן דעם, אַז דאָס וועט זיין אַ סגולה אויף אָפּצוצוימען די פוילישע באַפעלקערונג פון יידישן מאָראַלישן איינפלוס, וואָס איז געווען אַ ברויזנדיקער קוואַל פון שנאה צום אָקופּאַנט.

דער איינפלוס פון „פאָן איזאַק״ אויף זיינע שכנים האָט אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן עטלעכע לייט אין מונדירן פון פוילישע באַן־אָנגעשטעלטע נאָכגעשפּירט איזאַקס טאָכטער, ווען זי איז אַהיימגעגאַנגען. דער נייער שאַנטאַזש האָט זיך געענדיקט מיט אַ גרויסע סומע אויסקויף־געלט, אָבער גלייכצייטיק האָט איזאַק מיט דער פאַמיליע געמוזט זיך איבערטראָגן אין אַן אַנדער דירה. און געפינען אַ וווינונג אויף דער „אַרישער זייט״ איז שוין געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער.

„פאָן איזאַק״ האָט נאָך אַלץ נישט פאַרלוירן זיין אָפּטימיזם, אָבער

כ׳האָב געזען ווי זיינע אויגן ווערן אַלץ מער אויסגעלאָשן און כ׳האָב גע־פילט, אַז דאָס געשעט נישט אַזוי צוליב דער מורא פאַרן אָקופּאַנט און זיינע רדיפות, ווי צוליב די אַלץ נייע קלעפּ מצד די מיטבירגער.

אַמאָל האָט אים אויף דער גאַס דערקענט און פאַרהאַלטן דער פּוי־לישער אָנגעשטעלטער, וועמען ער האָט מיט יאָרן צוריק באַזייטיקט פון זיין געשעפט פאַר אַ גנבה; קוים ער האָט באַוויזן זיך פון אים אויסצו־קויפן און צו פאַרווישן נאָך זיך יעדן שפור, ווען עס האָט אים דערטאַפּט זיין אַמאָליקער קאָנקורענט, וועלכער האָט זיך איצט גאָר אַרויסגעוויזן אַלס „פאָלקס־דייטש״. דעם דאָזיקן פאַרשוין איז נאָך ווייניק געווען, וואָס די דייטשן האָבן אים אַוועקגעשאָנקען דאָס גאַנצע געשעפט מיט דער איינ־ריכטונג און סחורה פון „פאַן איזאַק״. ער האָט אים כסדר נאָכגעשפּיאָ־נירט און ווי נאָר ער איז געוווירן געוואָרן זיין אַדרעס, האָט ער גלייך אונטערגעשיקט עטלעכע אַגענטלעך, וועלכע ער האָט גוט באַצאָלט פאַר אויסגעבן דעם ייד צו געסטאַפּאָ. די אַגענטלעך האָבן דעם האָנאָראַר איינ־קאַסירט פון פאַרויס, ווען זיי זענען אָבער אַריין צום „פאַן איזאַק״ אין דער וווינונג, האָבן זיי דערשנאַפּט, אַז דאָ איז אַ קוואַל, פון וואַנען מען קען נאָך שעפּן און שעפּן. די חברה־לייט האָבן דאַן דערציילט איזאַקן די גאַנצע מעשה: אַז געשיקט האָט זיי דער נייער „באַלעבאָס״ פון זיין גע־שעפט, אַז ער האָט באַצאָלט דערפאַר זיי זאָלן אים אָפּפירן אין געסטאַ־פּאָ, כדי ער זאָל פון אים אויף אַלעמאָל פּטור ווערן (מאַלע וואָס ס׳קען נאָך פּאַסירן? גלייכער אַז אַזאַ עדות זאָל אויף דער וועלט נישט זיין...) נאָר דאָס האַרץ לאָזט זיי נישט אָפּטאָן אַזאַ זאַך. זיי שענקען דעריבער גרויסמוטיק אים דאָס לעבן, פאַר דער טירחה זאָל ער בלויז איינצאָלן כך־וכך...

„פאַן איזאַק״ האָט גענומען פאַרשטיין, אַז דער אָפּטימיזם זיינער איז נישט באַגרינדעט. די כסדרדיקע שאַנטאַזשן האָבן צעטרענצלט זיין פאַרמעגן. די פלייצעס האָבן זיך אים אַלץ מער איינגעהויקערט און די אויגן זענען געוואָרן מאַטער און מאַטער...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיטן „פאַן איזאַק״. איך בין געווען באַהאַלטן ביי אַ פריינד און זייער זעלטן

פלעג איך אַרויסגיין אין גאַס. ווען עס האָט אויף דער גאַס אַמאָל אַ שיין געטאָן אַ באַקאַנט פּנים, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצער ווייַלע, אַריין אין אַ טויער און שנעל, שנעל איבערגעגעבן די נייעסטע אינפֿאָרמאַציעס וועגן בשותּפֿותדיקע פֿריינד און באַקאַנטע: דער און דער איז געשטאָרבן — אין געטאָ, פֿון טיפֿוס, יענעם האָט מען געכאַפּט „אויף דער אַרישער זייַט" און דערשאָסן, נאָך אַן אַנדערער האָט געפֿונען אַ גוט באַהעלטעניש אין אַ וואַלד... מיר האָבן זיך שוין קיינמאָל קעגזייַטיק נישט איבערגעגעבן קיין שום קאָנספּיראַטיווע אַדרעסן, ווייַל יעדער פֿון אונדז האָט צו יעדער מינוט געקענט אַרייַנפֿאַלן. און ווער האָט דאָס געקענט זייַן זיכער, אַז ער וועט אויסהאַלטן דעם נסיון און ביים געפּייניקט ווערן נישט אויסגעבן, וואָס ער ווייסט?

וועגן „פֿאַן איזאַק" האָב איך דעמאָלט בלויז געוווּסט, אַז ער לעבט. מער גאָרנישט.

ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1943, האָט זייַן טאָכטער אָנגעטראָפֿן אויף מייַנע שפּורן און געקומען צו מיר. די גאַנצע צוויי יאָר האָבן זיי געלעבט אַ לעבן פֿון חיות, וואָס ווערן אומאויפֿהערלעך געיאָגט דורך יעגער און זייערע שפּיר־הינט. העכער צען מאָל האָבן זיי געענדערט די דירות און איצט „וווינען" זיי אין עפּעס אַ קעלער־שטוב, נישט ווייַט פֿון מיר. „פֿאַן איזאַק" ליגט אַ שווער־קראַנקער. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען וואָלט אַזאַ חולאַת געקענט אפֿשר אויסגעהיילט ווערן, אָבער אין איצטיקן מאָמענט „דערלויבן נישט די אויסערלעכע אומשטענדן — ווי די טאָכטער האָט זיך אויסגעדריקט — צו פֿירן וועלכע נישט איז קוראַציע".

מיט אַ קורצער צייַט צוריק — האָט די טאָכטער דערציילט — האָט „פֿאַן איזאַק" באַשלאָסן גיין צו אַ דאָקטער. ער האָט צונויפֿגעזאַמלט די גאַנצע ענערגיע און זיך דערשלעפּט צו אַ דאָראָזשקע, אָנגעבנדיק דעם אַדרעס פֿונעם דאָקטער. נאָכן אָפּפֿאָרן אָבער עטלעכע גאַסן, האָט „פֿאַן איזאַק" באַמערקט, אַז דער דראָזשקאַזש פֿירט אים אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג.

— איך בין נישט קיין אויסלענדער, וועמען איר פֿירט בכיוון מיט אַ לענגערן וועג, כּדי צו הייסן זיך מער באַצאָלן... — האָט „פֿאַן איזאַק"

דערקלערט דעם דראָזשקאַזש. באַלד האָט ער אָבער דערהערט אַן ענטפער, וואָס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון. יאָ, ער ווייסט גאַנץ גוט, דער דראָזשקאַזש, אַז ער פירט נישט קיין אויסלענדער. ער ווייסט אָבער אויך, אַז דער פּאַסאַזשיר זיינער איז אַ „זשיד״ און דעריבער פירט ער נישט מיטן ווייטסטן וועג, נאָר מיטן קורצסטן — גלייך צום נאָענטסטן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט...

וויאַזוי האָט אויף אַזאַ פּזמון רעאַגירט דער אַלטער, אויסגעמאַטערטער און קראַנקער ייד? ער האָט אַפילו נישט געפּרוווט אַנטלויפן, אָדער קעגנשטעלן זיך דעם גורל, וואָס האָט זיך אויף אים אָנגערוקט. ער האָט זיך טיפער איינגעגראָבן אינעם ווייכן אָנלען פון דער דראָזשקע און מיט פאַרשטאַרטע אויגן געקוקט דורך די אויסגעווישטע גלעזער אויף די גאַסן און די מענטשן, וואָס זענען שנעל געלאָפן אַהין און צוריק. גאַסן פון דער שטאָט, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און ווו ער האָט פאַרבראַכט זיין לעבן. יעדע גאַס, יעדעס הויז דאָ איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שטיק פון זיין לעבן. אָט די אַלע מענטשן אַרום זענען אויך שטיקער פון זיין לעבן, נאָר איצט זענען זיי אַלע פרעמד און קאַלט, פרעמד זענען אויך די גאַסן און קאַלט די הייזער... דער איינגעהויקערטער ייד אין דער דראָזשקע האָט זיך שטילערהייט געזעגנט מיט דער אַרומיקער וועלט און געטראַכט וועגן זיין טאָכטער, וואָס וועט אויף אים מיט אומרו וואַרטן און זיך מער נישט דערוואַרטן...

שוין זייענדיק עטלעכע צענדליק טריט פונעם קאָמיסאַריאַט, פאַר וועלכן עס איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע פּוילישער פּאָליציאַנט, סאַלוטירנדיק צוויי געשטאַפּאָ־לייט, האָט דער דראָזשקאַזש זיך געכאַפּט, אַז דער קרבן זיינער שווייגט עפּעס מאָדנע. ער האָט זיך אויסגעדרייט אויפן קאָזשעל, אָנגעוויזן מיט דער בייטש אויף די מיט שוואַרצע קראַטן באַדעקטע פענצטער פונעם קאָמיסאַריאַט און אַ געשריי געטאָן: — העי זשידזשיע! דאָ אָהער פיר איך דיך, פאַרשטייסט? — דאָס איז געווען די שטים פון טריאומפירנדיקן כאַם, דאָס הנאה־קול פונעם פּראָסטאַק, וועלכער האָט דערפילט, אַז הגם ער געהערט נישט צו דער העכסטער ראַסע, איז אָבער זיין ראַסע העכער, ווי די, צו וועלכער ס׳געהערט אָט

דער נפש, צו ווען ער מעג רעדן „דו" און ווען מ'נס לעבן ליגט אין זיי־נע הענט...

ס'איז נישט כדאַי צו דערציילן די גענויע פּרטים דערפֿון, ווי אַזוי דאָס איז געשען. גענוג, אַז דאָס קדושין־רינגל, וואָס איזאַק האָט נישט אַראָפּגענומען פֿון פֿינגער זינט דער חופּה, איז אַריבער אין די גראָבע לאַפּעס פֿונעם דאַראַזשקאָזש און דער אַלטער איז אָנגעקומען צום דאָקטער.

ווי נאָר איזאַק האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, כדי דער דאָקטער זאָל אים גענוי באַטראַכטן, האָט דעם דאָקטערס אַסיסטענטין גענומען היס־טעריש שרייען, אַז זי וויל נישט איינשטעלן דאָס לעבן דורך היילן אַ ייד, זי איז נאָך יונג און האָט נישט בדעה פֿאַרפֿוילט צו ווערן אין אַ לאַגער. דער דאָקטער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער אַליין וואָלט יאָ דעם קראַנקן באַטראַכט, נאָר היות די אַסיסטענטין פּראָטעסטירט אַזוי שאַרף, באַדויערט ער זייער און בעט דעם אַלטן תּיכף־ומיד צו פֿאַרלאָזן דעם קאַבינעט.

„פֿאָן איזאַק" האָט זיך אומגעקערט „אַהיים" אַ באַרויבטער און אַ נאָך שלאַפֿערער, ווי פֿריער.

— מיט וואָס וואָלט איך אים געקענט העלפֿן? — האָב איך געפֿרעגט די טאָכטער, וויסנדיק, אַז אייגנטלעך איז דאָס בלויז אַ רעטאָרישע פֿראַ־גע. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז כ'בין נאָך ביכולת עפּעס צו טראָגן הילף. דער אַלטער האָט געוווּסט, אַז איך בין אין אַ קאָנטאַקט מיט פּאַ־ליאַקן, וועלכע הערן דעם אויסלענדישן ראַדיאָ. ער האָט דעריבער גע־בעטן די טאָכטער זאָל מיך פֿאַר יעדן פּרייז אָפּזוכן און געוווויר ווערן, וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט. איך האָב מבטיח געווען דער טאָכ־טער, אַז ווי נאָר כ'וועל הערן עפּעס אַ דערפֿרייענדיקע ידיעה, וועל איך נישט קוקן אויף קיין שום געפֿאַר, זיך דערשלאָגן צום אַלטן.

דערווייל איז געפֿלאָסן אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך און דער עטער האָט נישט געבראַכט קיין שום ידיעה, וואָס זאָל קענען דער־פֿרייען, אָדער דערמונטערן דעם קראַנקן. ביז אין אַ געוויסן טאָג...

איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן מיין לעצטן צונויפֿטרעף מיטן „פֿאָן איזאַק". דער ראַדיאָ האָט געבראַכט די ידיעה וועגן דעם, אַז טשער־

טשיל איז אָנגעקומען קיין אָראַנא, כּדי דאָרט צו קאָנפערירן מיט איסמעט אינאָנו. דאָס האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן, אַז „ס׳וועט זיך בקרוב אָנהייבן — דורך טערקיי״ און איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן אויפן אַדרעס, וואָס דעם אַלטנס טאָכטער האָט מיר איבערגעלאָזן. דאָס איז געווען אַ שפּאָגל־נייער אַדרעס. מען האָט מיך אַריינגעלאָזן מיט טויזנטערליי פאַר־זיכטס־מיטלען. בלויז דער באַלעבאָס פון דעם הויז האָט געוווסט וועגן לאָקאַטאָר אין דעם בוידעם־שטיבל. נישט די קינדער זיינע און נישט דאָס דינסטמיידל האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז עמעץ געפינט זיך דאָרט. „פאַן וולאַדיסלאַוו״ איז געקומען צום באַלעבאָס שפּעט אין אָוונט און איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אַלס פריץ פון עפּעס אַ גוט אין דער ווייַ־טער פּראָווינץ. ער האָט איבערגענעכטיקט און צומאָרגנס זיך געמאַכט אַוועקפאָרן... אין דער אמתן האָט ער זיך צוריק אַריינגעשלייכט אינעם קעמערל אויפן בוידעם און דאָרט שוין פאַרבליבן. די טאָכטער זיינע ווי־דער האָט מען פאַרגעשטעלט אַלס דעם „פּריצס״ קרובה, וועלכע איז אַ סטודענטין פון אוניווערזיטעט און האַלט זיך דערוויַיל אויף אינעם צי־מער אויפן בוידעם. יעדן טאָג איז זי אַרויסגעגאַנגען „שטודירן״ — פּאַק־טיש איז זי אַרומגעלאָפן, כּדי צו שאַפן עפּעס צו עסן, אָדער אַ הייל־מיטל פאַרן פאָטער. ביים פאַרלאָזן דעם בוידעם פלעגט די טאָכטער גוט פאַר־שליסן דאָס צימערל. וועגן דעם, אַז דער אַלטער זאָל אַמאָל אַרויסגיין, כּדי צו דערליידיקן די מענטשלעכע געברויכן — האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין. די טאָכטער פלעגט אַרויסטראָגן די כּלי אין שטרענגסטער געהיים, ווען דאָס גאַנצע הויז איז טיף געשלאָפן.

דער „גוטהאַרציקער״ באַלעבאָס האָט פאַר דער „דירה״ איינקאַסירט פאַרויס אַ היפּשע סומע געלט און דער אַלטער האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן דירה־געלט מאָנאַטלעך אין אַ באמת פאַנטאַסטישער הויך. באַלד נאָך דער ערשטער וואָך האָט אָבער דער באַלעבאָס גענומען חושד זיין, אַז דער אַלטער וועט נישט זיין אימשטאַנד אַזויפיל צו צאָלן און ער האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן פון דער טאָכטער — זיי זאָלן זיך ווי אַמשנעלסטן אַרויסציען, ווייל „די ריזיקע איז צו גרויס״. ער האָט דערוויַיל דערציילט אַ ריי געשיכטעס, וואָס האָבן „נאָר־וואָס״ פּאַסירט מיט זיינע באַקאַנטע

פּאַליאַקן, וועלכע האָבן אויך פּאַרמאָגט „אַזאַ ווייך האַרץ, ווי ער" און געהאַלטן ביי זיך יידן, זיי זענען אַריינגעפאַלן און...

ווען די טאָקטער האָט מיך געבראַכט צו פירן, האָט עס געהייסן, אַז דער אַלטער „פריץ" איז גראַד אין אָוונט אָנגעקומען אויף אַ באַזוך.

איך האָב זיך דערנענטערט צו זיין בעט און גלייך דערזען, אַז דער קליינער אָפּטימיסט האַלט ביים שטאַרבן. איך האָב זיך מעכאַניש אַ ריס געגעבן אויף צוריק, נישט וועלנדיק שטערן די רו פון זיינע לעצטע מי־נוטן. די טאָקטער האָט אָבער געגעבן מיר מיט אַ צייכן צו פאַרשטיין, אַז כ'זאָל פאַרבלייבן. זי האָט מיר נאָך אַריינגעשעפּטשעט אין אויער, אַז אינדערפרי האָט דער פאָטער בפירוש געזאָגט, אַז ער ריכט זיך אויף מיין באַזוך און אַז איך וועל זיכער ברענגען וויכטיקע נייעס. זי האָט מיר ווייטער געזאָגט, אַז זייט אַ צייט לעבט דער פאָטער נאָר מיטן געדאַנק וועגן מיר. נאָר די האָפענונג, אַז איך וועל אַ ליאַדע מינוט אַריינקומען מיט אַ גוטער בשורה, דערהאַלט אין אים די לעצטע פונקן פון לעבן...

אויף די שפּיץ־פינגער בין איך צוגעגאַנגען נענטער. דער אַלטער האָט מיך אָנגעקוקט און פריינדלעך אַ שמייכל געטאָן. ער האָט שווער געאָטעמט און געקוקט אויף מיר מיט אויגן, וואָס זענען פול געווען מיט שטומער פראַגע און מיט האָפענונג.

איך האָב פונעם באַהעלטעניש אין שטיוול אַרויסגעצויגן דאָס דיגיטש־קע ביבעלע־פּאַפּיר, אויף וועלכן ס'איז פאַרשריבן געווען דער לעצטער „נייעס ביולעטין" און כ'האָב עס דערלאַנגט דעם אַלטן. די טאָקטער האָט געוואָלט די ידיעות איבערלייענען אויפן קול, אָבער דער אַלטער האָט איר מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן, זי זאָל אויסזוכן זיינע פּאַנסנע. ער האָט אַליין, מיט די אייגענע אויגן געוואָלט איבערלייענען ידיעות פון דער וועלט, פון אַ וועלט, וו עס לעבן נאָך פרייע מענטשן...

פּאַמעלעך האָט ער געלייענט די אינפאָרמאַציעס פון די פראָנטן. זיינע אומעטיק פאַרלאָשענע אויגן האָבן פּלוצלינג אויפגעשיינט, ווען ער איז דערגאַנגען צום ראַנד פון פּאַפּירל, וו עס האָט פיגורירט די ידיעה „פון דער לעצטער רגע". ער האָט מיך ווידער אָנגעקוקט. טרערן פון פרייד האָבן מיט דינע שנירעלעך גערונען איבער די איינגעפאַלענע באַקן... ער

האָט מיט אַ שטילן קרעכץ אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם קישן און אַרויס־געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול: — און איצט וועלן זיי אַדורכגיין דורך טערקיי... גאָט זיי דאַנק...

דער קאָפּ איז אים האַסטיק צוריקגעפאַלן. ער האָט אַרויסגעלאָזט ס׳פּאַפּירל פון דער האַנט.

ער האָט מער נישט געלעבט.

***

די לעצטע האָפענונג פון קליינעם אָפּטימיסט איז קיינמאָל נישט מקוים געוואָרן. אָבער דערווייל האָט דער טויט נאָך נישט פאַרענדיקט די צרות פון זיין גוף. היות ער האָט דאָ בכלל נישט עקזיסטירט, נישט געווען געמאָלדן און נישט פיגורירט אין קיין שום קאַרטאָטעק אָדער בוך, איז גאָר קיין רייד נישט געווען דערפון, מען זאָל קענען פאַר זיין גוף געפינען אַן אָרט אויף עפּעס אַ בית־עולם.

אינעם גאָרטן, נישט ווייט פון דעם הויז, וווּ דאָס איז פאָרגעקומען, איז געווען אַ זאַמד־בערגל. וואַרשיינלעך האָט מען אַמאָל דעם זאַמד אָנ־געשיט, כדי די קינדער זאָלן זיך דאָרט שפּילן. ביינאַכט האָט דער בעל־הבית, צוזאַמען מיטן פאַרשטאַרבענעמס טאָכטער, אויסגעגראָבן אינעם דאָ־זיקן זאַמד־בערגל אַ טיפן גרוב, אַריינגעלייגט דאָרט דעם גוף און צוריק פאַרשיט מיט זאַמד.

קינדער שפּילן זיך אויפן דאָזיקן בערגל עד־היום און קיינער ווייסט נישט, אַז דאָרט ליגט באַגראָבן אַ מענטש, וואָס איז אַמאָל געווען אַן אָפּטימיסט און פאַר וועמען ס׳האָט נישט געסטייעט קיין פּיצל אָרט אויף דער ערד, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן און וווּ ער האָט אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן. די טאָכטער פון „פאָן איזאַק" איז אַוועק אין ווייטערדיקן וואַנדער־וועג. זי האָט זיך געטראָפן מיט דער מוטער, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַן אַנדערער פּוילישער משפּחה. מען האָט זייער באַהעלטעניש אויס־געגעבן און זיי זיינען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

אַזוי זיינען פון אַ משפּחה, וואָס אירע מיטגלידער האָבן געהאָט נע־מען און פאַמיליע־נעמען — פאַרבליבן דריי נאָמענלאָזע קברים. און מער גאָרנישט.

קאַפּיטל צוויי

„די אָרעמע יידן, נעבעך..."

די טראַגישע געשיכטע, וועלכע וועט איצט דערציילט ווערן, איז כאַראַקטעריסטיש און כמעט טיפּיש פאַרן גורל פון די יידן „אויף דער אַרישער זייט".

דער אָנהייב איז געווען אַ באַנאַלער, אויב מען קאָן אָנרופן באַנאַל דאָס לעבן פון אַ דורכשניטלעכער קליין־בירגערלעכער יידישער משפחה אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן. אַלץ וואָס גייט אַריין אין די ראַמען פון אַזאַ לעבן, האָט געהאַט זיין באַשטימט אָרט און יעדעס אָנקומענדיקע יאָר איז געווען אַזוי ענלעך ווי אַ צווילינג צום יאָר, וואָס איז אַוועק. דאָס טאָג־טעגלעכע גיין אין געשעפט אַריין, די וועקסעלעך און די „פּראָטעסטן", די משפחה, די נאָענטע און פריינט, מיט וועלכע מען זעט זיך כמעט יעדן טאָג, די ווייטערע קרובים, צו וועלכע „מען גייט צו גאַסט" אין אַ שבת און אַ יום־טוב; דאָס יידישע טעאַטער און דער קינאָ; דער אַרויספאָר אויף זומער־וווינונג און אין אַ קוראָרט — אַ קייטעלע פון וואָכעדיקע דאגות און יום־טובדיקע פריידן, אָט דאָס איז ס׳וועלטל, צו וועלכן עס האָט געהערט דאָס לעבן פון דער פאַמיליע זיסקינד.

אויך דער המשך איז „באַנאַל". עס ברעכט אויס די מלחמה, וועלכע מאַכט אַ תל פון דורכשניטלעך־רואיקן און ביז איצט נאָרמאַלן לעבן פון צענדליקער טויזנטער אַזעלכע זיסקינד־משפחות. אַרום האַלדז נעמט זיך אַלץ ענגער צוזיפּציען די פּעטליע פון אָקופּאַנטס פאַראָרדענונגען. יעדן טאָג רויטלען זיך די מויערן און די ווענט מיט די נייע אַפישן און פּלאַ־קאַטן: „בעקאַנטמאַכונג", „אַנאָרדנונג", „אויפרוף", „וואָרנונג"...

אין די גאַסן פון דער פּוילישער געגנט שטעלן זיך די דורכגייער אויף אָפּ פאַר יעדער נייער פאַראָרדענונג. זיי צוקן אָבער מיט די אַקסלען און גייען זיך רואיק ווייטער. עס האַנדלט זיך, גאָט זיי־דאַנק, נאָר וועגן יידן... ווי גוט איז אונדז, וואָס מיר זיינען פּאָליאַקן! פאָרט אַ העכערע ראַסע,

ווי די יידישע. און אַזעלכע חכמים זענען זיי אַלע געווען, אַזוי אונדז תמיד אויסגענוצט און באַשווינדלט... ביז עס זענען געקומען די דייטשן און וויזן איצט ווי אַזוי מען גיט זיך מיט זיי אַן עצה...

דאָס יאָר 1940. די יידן מוזן שוין טראָגן די לענטעס מיטן מגן־דוד. באַזונדערע באַשפּייזונג־קאַרטן פאַר יידן. ערשטע קלאַנגען וועגן אַ גע־פּלאַנטן געטאָ. איבער די גאַסן פון וואַרשע, דער אַמאָליקער בליענדיקער הויפּטשטאָט פון פּוילן, און איצטיקע פּראָווינץ־שטאָט פון „גענעראַל־גוווערנעמענט", זעט מען יעדן טאָג שלעפּן זיך גרופּעס אויסגעבלייכטע, דערשראָקענע יידישע יונגעלייט מיט לאָפּעטעס און קילאָפּן אויף די פּליי־צעס. דאָס איז דער סטאַבילער קאָנטיגענט פון יידישע אַרבעטער, וואָס מוזן ווערן צוגעשטעלט דורכן „יודענראַט" פאַר דער מאַכט. די יידישע אַרבעטער גייען אונטער דער שמירה פון אַ ס.ס.־מאַן, וועלכער פּאַכעט כסדר מיט אַ שפּיצרוט איבער זייערע קעפּ און האַלט אין איין שרייען:

— זינגען, זינגען!

די שקלאַפן פון 20טן יאָרהונדערט זינגען טאַקע. כמעט אַלע מאָל דאָס זעלביקע ליד, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך עפּעס אַ „ווי־ציקן" פּאָליאַק, אָדער אַ פאָלקס־דייטש. אינעם ליד רעדט זיך וועגן יידישן שאַכער־מאַכער און יידישער חוצפּה. דער רעפריין הילכט ווייט אָפּ צווישן די וואַרשעווער גאַסן און רופט אַרויס אַ קרום צופרידנקייט־שמייכעלע ביי פיל דורכגייער:

„מאַרשאַלעק שמיגלי רידז
ניע נאַוטשיל נאַס ניץ...
לעטש פּזשישעדל פּאַן היטלער זלאָטי —
אַן נאַוטשיל נאַס ראַבאָטי..."

דער טייטש פון דער דאָזיקער חכמהדיקער סטראָפע איז אַזאַ: „דער מאַרשאַל שמיגלי־רידז (פּוילנס ביז מלחמהדיקער הערשער) האָט אונדז גאָרנישט אויסגעלערנט, איז אָבער געקומען דער גאָלדענער הער היטלער און ער וועט אונדז שוין אויסלערנען אַרבעטן..."

פריער האַרבסט פון יאָר 1940. עס ווערט געשאַפן דער געטאָ. פאַר טויזנטער יידישע משפחות שטעלט זיך דער פּראָבלעם: גיין אין געטאָ,

אָדער בלייבן „אויף דער אַרישער זייט"? ווו וועט זיין לייכטער זיך צו ראַטעווען, אָדער — ווו וועט דער אומקום זיין פאַרבונדן מיט קלענערע יסורים?...

גלייך ווי טויזנטער אַנדערע משפחות האָט מען אויך ביי די זיס־קינדס גאַנצע טעג און נעכט נישט אויפגעהערט צו באַטראַכטן די פראַגע און נישט אויפגעהערט צו זוכן דעם ריכטיקן ענטפער. די משפחה איז באַשטאַנען פון טאַטע־מאַמע, אַן 18־יעריקע טאָכטער, שילערן פון 8טן קלאַס גימנאַזיע, און אַן אַלטיטשקן יידן, וואָס איז געלעגן צו בעט שוין זינט יאָרן. אַלע באַראַטונגען זענען פאָרגעקומען ביים זיידנס בעט. דער זקן האָט זיך בלויז צוגעהערט צו די געשפרעכן און נישט אָנגערופן זיך מיט קיין וואָרט. ערשט ווען די קינדער זענען צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל זאָגן זיין מ'יינונג, האָט ער געענטפערט:

— מען דאַרף גיין דאָרט אַהין ווו עס גייען אַלע יידן, אָדער בלייבן אויב עס בלייבט דער רוב...

ער האָט דאָס דערביי אַרויסגעזאָגט מיטן טאָן פון חידוש הלמאַי האָבן יידן בכלל געקאָנט שטעלן אַזאַ פראַגע, וואָס דער ענטפער איז דאָך אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכער. מיט צוויי טעג שפּעטער האָבן די זיסקינדס זיך שוין געזעגנט מיטן הויז, אין וועמענס מויערן איז געבליבן איינגע־פלאָכטן אויף אייביק אַ גרויס שטיק פון זייער לעבן.

***

קיין סך וועגן זייער לעבן אין געטאָ איז נישטאָ וואָס צו דערציילן. אין אייניקע חדשים אַרום האָבן זיי שוין געפילט דחקות. דער זקן איז געשטאָרבן און די זיסקינדס האָבן זיך איינגעהויקערט, אַלץ מער דער־נענטערט דעם קאָפּ צו דער אומדאַנקבאַרער ערד. זיי האָבן געגומען באַ־גרייפן, אַז קיין לעגאַלער אַרויסגאַנג פון געטאָ איז מער נישטאָ. נאָר בלייבן אין גיהנום איז אויך געווען נישט מעגלעך. האָבן זיי באַשלאָסן — זיך אַרויסצורייסן פאַר יעדן פּרייז. מען וועט קודם־כל אַרויסשיקן די טאָכ־טער, זי וועט זוכן אַ וועג פאַר די עלטערן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט מען אָפּגעמאַכט, אַז די טאָכטער וועט

אַרויס פון געטאָ און וועט אויפזוכן אינעם קליינעם פאַבריק־ישוב היג־טער וואַרשע די אַמאָליקע דינסט פון די זיסקינדס, וואָס וווינט דאָרט. דאָס מיידל וועט ביי איר זיך אויפהאַלטן ביז זי וועט געפינען די מעג־לעכקייט אַרויסצובאַקומ'ען די עלטערן און צוזאַמען מיט זיי אַוועקצופאָרן אויף דער פּראָווינץ, ווו מען קאָן — אַזוי זאָגט מען — אין אַ פאַרוואָרפן אָרט רואיקער און ביליקער איבערוואַרטן דעם שטורעם. דער פּלאַן האָט אויסגעזען צו זיין גוט און אויסגעהאַלטן און נישט שווער דורכצופירן.

האָט מען וואַנדאַ — אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן — איבערגעגעבן אַ נישט גרויסע געלט־סומע, זי האָט באַהאַלטן אין טאַש די אויף שנעל געשאַפענע פּאַלשע פּאַפּירן און אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז זי אַרויס פון געטאָ צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרבעטער.

זי איז איינגעשטיגן אין דער הינטערשטאָטישער קאַלייקע און צוגע־פאָרן צום קליינעם פאַבריק־ישוב, ווו זי האָט באַלד אויסגעפונען די דירה פון וולאַדיסלאַוואַ, די דינסט, וועלכע האָט נאָך געאַרבעט ביי אירע באַבע־זיידע און איז אַוועק פון זיי נאָר צוליבן חתונה האָבן.

די אַלטע וולאַדיסלאַוואַ האָט זיך זייער דערפרייט דערזעענדיק וואַנ־דאַן. דאָס אַרויסווייזן גאַסטפריינטלעכקייט איר אַמאָליקער „פּאַניענקע" האָט זי געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך. אָבער עס האָבן זיך גלייך אַריינגעמישט די דערוואַקסענע קינדער, סטראַשענדיק די אַלטע מיט כלערליי רעפּרעסיעס מצד די דייטשן. די אַלטע האָט לכתחילה נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אָבער וואַנדאַ האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז לאַנג קאָן זי ביי איר נישט בלייבן.

נאָך אַ ריי שמועסן מיט דער עלטסטער טאָכטער איז געפונען גע־וואָרן אַזאַ אויסוועג: אין אַ נאָענטער דאַטשע האָט דער אַלטערס אַ באַ־קאַנטער געהאַט אַ נישט פאַרענדיקטע ווילע און ער זוכט פאַר איר אַ וועכטער. וועט מען וואַנדאַן דאָרט רעקאָמענדירן און זי וועט זיך קאָנען רואיק פאַרבלייבן אין דער האַלב־אויפגעבויטער ווילע.

אין גענעראַל־גוווערנעמענט האָבן די דייטשן געהאַט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגן פאַרבאָט צו בויען וועלכע עס איז בנינים, וואָס זאָלן נישט זיין באַשטימט פאַר דער ווערמאַכט, אָדער פאַר אַ דייטשן אַמט. אָבער

די „באַוראַטן" האָבן דעם דאָזיקן פאַרבאָט באַטראַכט נאָר אַלס נאָך איין מיטל צו שלעפן געלט ביי דער באַפעלקערונג. פאַר כאַבאַר פלעגט אַ „באַוראַט" מאַכן „אַן אויסנאַם" און דערלויבן צו בויען אַ ווינהויז אָדער פּריוואַט־ווילע. אָבער ווי נאָר די בוי־אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן, פלעגט דער זעלביקער „באַוראַט" פאַראָרדענען די אַרבעט תיכף איבערצורייסן. ביז מען האָט אים ווידער געגעבן אין יד־אַריין און מען האָט געקאָנט די אַרבעט פאָרזעצן...

ווי מען האָט אויפגעקלערט וואַנדאַן, האָט מען גראָד געדאַרפט האָבן אַ וועכטער אין אַזאַ נישט פאַרענדיקטער ווילע, ווו עס האָבן געדויערט די דינגענישן מיטן „באַוראַט" וועגן אַ נייעם כאַבאַר.

נישט האָבנדיק קיין אַנדערע עצה האָט וואַנדאַ אָנגענומען דעם פאַר־שלאַג. דאָס באַזעצן זיך אין דער אָפגעזונדערטער ווילע וואָלט, אגב, גע־האָט פאַר איר גרויסע מעלות: די שכנים זענען געווען ווייט, זי וועט נישט דאַרפן צאָלן קיין דירה־געלט. כדי צו באַגרענעצן ביז אַ מינימום די נויטווענדיקייט צו ווייזן זיך אין די געוועלבער, האָט וולאַדיסלאַוואַס טאָכטער זיך אונטערגענומען איין מאָל אין וואָך צו ברענגען איר שפּייז־פּראָדוקטן אויף אַ וואָך צייט.

די טאָכטער האָט אויך געזאָלט אַליין אַדורכפירן די גאַנצע טראַנזאַ־קציע מיטן ווילע־אייגנטימער, פאַר וועלכן זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס וואַנדאַס קוזינע. זי האָט דערציילט דעם אייגנטימער, אַז וואַנדאַ וועט אין דער ווילע וווינען מיט איר מאַן, וועלכער וועט פאָרן יעדן טאָג קיין וואַרשע צו דער אַרבעט און וואַנדאַ אַליין וועט אַ לענגערע צייט נישט אַרויסגיין בכלל פון הויז, ווייל זי האָט אַ שווערע קראַנקן פוס. מען האָט אויסגעשטעלט דערויף, אַז דער אייגנטימער וועט קיינמאָל נישט קומען קאָנטראָלירן אויפן אָרט די אָנגעגעבענע אים אינפאָרמאַציעס...

דער פּלאַן האָט געהאַט גרויסע שאַנסן רעאַליזירט צו ווערן. פאַר וואַנדאַן איז עס געווען בלויז אַ פראַגע פון אייניקע וואָכן, ביז די עלטערן וועלן אַריבערקומען פון געטאָ און דעמאָלט וועלן זיי צוזאַמען טראַכטן וואָס צו טאָן ווייטער. וולאַדיסלאַוואַס טעכטער ווידער האָבן געזאָרגט נאָר דערפאַר זיי זאָלן וואָס שנעלער פּטור ווערן פונעם אומגעוווּנטשענעם

„גאַסט" און האָבן דעריבער אַלץ געטאָן, כדי דער אייגנטימער פון דער ווילע זאָל מסכים זיין אָנצונעמען וואַנדאַן אַלס וועכטערין.

זיי האָבן ענדלעך די זאַך דורכגעפירט און וואַנדאַ האָט זיך אַריינ־געצויגן אין דער ווילע, וואָס איז נאָך ווייט געווען פון זיין געענדיקט. בלויז איין שטוב האָט געקאָנט געניצט ווערן אין אַכט אַלס „באַוווינ־באַר", ווייל דאָ זיינען די ווענט שוין געווען גאַנץ. עס האָט זיך אָבער פון זיי געגאָסן פייכטקייט, נישט געווען קיין ליכט און נישט קיין וואַ־סער. נאָר פאַר אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ לעבן אין געטאָ, איז דאָס געווען — אַ דירה.

***

אינעם דאָזיקן ישוב, לאָמיר אים אָנרופן לעשיצע, האָט גלייך ווי אין אַלע אַנדערע וואַלדיקע געגנטן עקזיסטירט די „וואַלד־וואַך", וואָס איז געווען באַרופן אָפּצוהיטן די וועלדער. די וואַך, וואָס פלעגט רעקרו־טירן זיך פון דער אָרטיקער אָרעמקייט, האָט שטילערהייט תמיד אָנגע־האַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די וואַלד־גנבים, צוהעלפנדיק זיי אין אומלע־גאַלן אויסהאַקןביימער און טיילנדיק זיך, נאַטירלעך, מיט די פאַר־דינסטן. נישט געקוקט דערויף אָבער זענען די וועכטער געווען גרויסע אביונים.

זייער לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט מיטן אָנקומען פון דער דייטשער הערשאַפט.

קודם־כל איז דאָס מעקלעריי ביי דירות געוואָרן אַ גוטער הכנסה־קוואַל. טויזנטער מענטשן האָבן אַרומגעזוכט דירות הינטער דער שטאָט און די וואַלד־וועכטער האָבן גוט געקענט די גאַנצע געגנט און געוווסט וועגן אַלע ליידיקע וווינונגען.

אָבער אַ פיל בעסערער הכנסה־קוואַל איז געוואָרן — די געשטאַפּאָ. די דייטשע געהיים־פּאָליציי האָט נישט געזשאַלעוועט קיין געלט ביים שאַפן זיך אַ נעץ געהילפס־אַגענטן און סתם מוסרים, וואָס זאָלן אויס־געבן די באַהעלטענישן פון פּאָליטישע טוער און פון — יידן.

דער סדר פון אויסרעכענען דאַרף אייגנטלעך זיין אַן אַנדערער, ווי

דאָס וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט אַן „אונטערשאַרפפירער" פון ס.ס., ווען ער איז דורך אַ פאָלקס־דייטש געפרעגט געוואָרן וואָס ער זוכט בעת אַ רעוויזיע אין אַ דירה:

— וויר זוכען יודען, וואַפפען אונד פאַטריאָטען... (מיר זוכן יידן, געווער און פאַטריאָטן). יידן — אויפן ערשטן אָרט!

די וואַלד־וועכטער האָבן שוין מער נישט אָנגעקוקט דעם וואַלד גופא. זיי פלעגן גאַנצע טעג זיך אַרומדרייען, דער עיקר אויף די באַן־וואָקזאַלן, און אַריינקוקן אין די פּנימער פון די אָנקומענדיקע. שוואַרצע האָר, אַ הויקערדיקע נאָז, אַ נערוועזע האַלטונג — דאָס זיינען געווען גענוגנדיקע סימנים, וואָס פלעגן באַוועגן אַ וואַלד־וועכטער נאָכצוגיין אַזאַ ניי־אָנגעקומענעם און פאַרצייכענען ביי זיך אין זכרון אין וועמענס דירה ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווי נאָר עס איז צוגעקומען נאָך איין סימן, האָט אַזאַ וועכטער מער נישט געטראַכט נאָר טעלעפאָנירט ווו מען דאַרף. אויפן אָרט איז גלייך אָנגעקומען אַ „פערהאַפטונגסקאָמאַנדא" און דער אומגליקלעכער פלעגט ליקווידירט ווערן אין נאָענטן וואַלד, אָדער ווען די באַוויזן האָבן אויסגעזען צו זיין צו שוואַכע, האָט מען אַוועקגעפירט אין געשטאַפּאָ, אויף שוכאַ־אַלייע אין וואַרשע.

אין די ערשטע חדשים פלעגן די דייטשן איבערלאָזן די קערפּערס פון די אומגעבראַכטע קרבנות אין די גייציק־ציטערנדיקע הענט פון די מוסרים, וועלכע פלעגן פון זיי אַראָפּציען די מלבושים און שיך און באַגראָבן נאָקעטערהייט. שפּעטער אָבער האָבן די דייטשן זיך מיישב געווען און די מוסרים באַצאָלט בלויז צו 100 ביז 200 זלאָטעס און אַ ליטער בראָנפן פאַר יעדן קרבן. די שיך און די פאַרבלוטיקטע מלבושים האָבן די דייטשן אַליין צוגענומען, איבערלאָזנדיק גרויסמוטיק די מוסרים נאָר די סקאַרפּעטן און אַנדערע כמעט ווערטלאָזע שטיקלעך וועש.

האָבן די מוסרים מיט דער צייט געענדערט די טאַקטיק: פריער ביים קרבן אויסשאַנטאַזשירט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט און ערשט לסוף אים אויסגעגעבן דער געשטאַפּאָ.

***

אַזאַ מין וואַלד־וועכטער איז געווען אין לעשיצע אַ חברה־מאַן מיטן

נאָמען קאַזימיעזש אַמאַסטאַ. פאַרן קריג איז ער לכתחילה געווען אַ באַן־אַרבעטער, מען האָט אים אָבער באַזייטיקט אַלס שיכור און ער איז דער־ריבער געוואָרן אַ וואַלד־וועכטער. מיטן אָנקומען פון די דייטשן האָט זיין „קאַריערע״ זיך אַנטוויקלט לויטן פריער אָנגעוויזענעם שאַבלאָן...

אין אַ געוויסן טאָג איז ער געשטאַנען ביים בופעט פון קליינעם שפּייז־געוועלב און געטרונקען בראָנפן, וואָס דער קרעמער האָט אים אונ־טערגעטראָגן, זייענדיק צופרידן, אַז ער האָט די מעגלעכקייט זיך אַזוי אַרום איינצוקויפן אין חסד פונעם מענטש, וועגן וועמען אַלע האָבן גע־ווּסט צו וואָס ער איז פעאיק.

מען האָט געשמועסט וועגן פּאָליטיק, נאָר אייגנטלעך איז דאָס מער געווען אַ מאָנאָלאָג פון אַמאַסטאַ, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן די גרויסע דייטשע נצחונות אין דער „מלחמה קעגן דער יידישער וועלט־בורזשואַזיע און קעגן דער זשידאָקאָמונע״. אַמאַסטאַ האָט גערעדט און אַלע אַנדערע אַנוועזנדיקע האָבן נאָר צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און צוגעבאָמקעט אויף יאָ.

כדאַי צו דערמאָנען, אַז די דייטשן האָבן זיך גאַנץ גוט אָריענטירט אין דעם, וועלכע מעטאָדע עס דאַרף אָנגעווענדט ווערן אין זייער פּראָ־פּאַגאַנדע אין פּוילן. זיי האָבן גיך זיך באַקענט מיט די דאָ הערשנדיקע שטימונגען און פּלעגן אויסמיידן צו שטאַרק צו אַטאַקירן און אַרונטער־צורייסן ענגלאַנד, אַמעריקע און אויך — רוסלאַנד גופא. די דייטשע פּראָ־פּאַגאַנדע האָט בכלל זיך גערעכנט מיט יעדן וואָרט און צוגעקליבן זאָרג־פעליק די אַממערסטן פּאַסיקע אַרגומענטן און אַפילו — אויסדרוקן. אַזוי, למשל, האָבן די דייטשן זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט די באַצייכענונ־גען: ג ר ו י ס ־ ב ר י ט אַ נ י ע און ד י פ אַ ר יי נ י ק ט ע ש ט אַ ט ן, ווייל דאָס האָט געקאָנט מער מאַכן דעם איינדרוק פון ג ר ו י ס ־ מאַכט. זיי האָבן דאַקעגן תמיד געברויכט די נעמען: ענגלאַנד, אַמעריקע, רוסלאַנד (און נישט סאָוויעטנפאַרבאַנד).

די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע אין פּוילן האָט אַלעמאָל געזאָרגט דער־פאַר, אַז די שונאים פון „דריטן רייך״ זאָלן תמיד פאַרבונדן ווערן מיט — די יידן. דעם פּוילישן קליינבירגערטום און די פּויערים־עלעמענטן, וואָס

האָבן זיך אָמלייכטסטן געלאָזט באַאיינפלוסן — האָט מען אָן אויפהער אַריינגעהאַקט אין די קעפּ, אַז „די יודען זינד שולדיק". נישט אומזיסט האָט היטלער אין „מיין קאַמף" אָנגעוויזן, אַז אַ ליגן וואָס מען חזרט איי־בער טויזנטער מאָל, הערט אויף צו זיין אַ ליגן. די מעגאַפאָנען און הויך־שפּרעכער, וואָס זיינען אַרויסגעשטעלט געוואָרן אויף די פּלעצער און גאַסן פון די קלענסטע שטעטלעך אַפילו, האָבן טאָג־איין, טאָג־אויס אַריינגעריי־טשעט אין די אויערן פון די דורכגייער, אַז רוזוועלט איז אַ האַלענדישער ייד און הייסט אין דער אמתן — ראָזענפעלד. מען האָט כסדר גערעדט און געשריבן וועגן „יידישע פּאָליטרוקן", וועלכע טרייבן מיט נאַגייקעס די רוסישע מוזשיקעס צו די אַטאַקעס אויפן פראָנט. אַפילו די לאַנדווירט־שאַפטלעכע צייטונגען האָבן דערציילט וועגן דעם, אַז יידן פאַרשפּרייטן באַצילן פון פלעקן־טיפוס. דער פּאָרנאָגראַפישער חודש־זשורנאַל „פּאַלאַ", וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ זייער גרויסן טיראַזש, פלעגט צווישן די פאָטאָ־בילדער פון נאַקעטע מיידלעך ברענגען אַרטיקעלעך וועגן „פאַר־יידישן דאָס טעאַטער און דעם פילם אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן". אין די קינאָ־טעאַטערס האָט מען כסדר געגעבן אַנטיסעמיטישע פילמען און אַזאַ „ייד זיס", למשל, האָט דערגרייכט ביזן עקראַן פון די קינאָס אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע דערפער.

דאָס אַלץ האָט געגעבן ממשותדיקע רעזולטאַטן, בפרט נאָך ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז קיין שנאה צו יידן האָט אין פוילן אַזוי אויך נישט געפעלט.

אַזאַ טיפּ ווי אָמאַסטאַ האָט זיך אין דער אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנ־דע לחלוטין נישט געגייטיקט. ער האָט סיי־ווי די יידן קיינמאָל נישט ליב געהאַט. אָבער פאַר די הונדערטער מוסרים האָט די פּראָפּאַגאַנדע געדינט אַלס גלענצנדיקע באַרואיקונג פאַר די רעשטלעך געוויסן.

***

און אָט באַמערקט קאַזימיעזש אָמאַסטאַ ווי עס קומט אַריין אינעם שפּייז־געוועלב עפּעס אַ פרוי, וואָס הגם ס'איז אַ וואַרעמער טאָג, האָט זי איר פּנים אַרומגעבונדן מיט אַ פאַטשיילע.

לעאָן לענעמאַן

ווען די פרוי האָט באַצאָלט פאַרן געקויפטן ברויט און צוויי הערינג, האָט אַמאַסטאַ אַוועקגעשטעלט דאָס גלאָז, איז שנעל אַרויס פון דער קראָם און איז נאָכגעגאַנגען דער אומבאַקאַנטער.

געווען איז דאָס וואַנדאַ. נישט קוקנדיק אויף די געגעבענע הבטחות איז קיינער פון וולאַדיסלאַוואָס קינדער נישט געקומען צו איר מיט פּראָ־דוקטן און זי האָט דעריבער אַליין געמוזט גיין אין געוועלב אַריין זיך באַזאָרגן מיט אַ ביסל עסן. בעת אַזאַ קניה איז זי טאַקע באַמערקט גע־וואָרן דורך אַמאַסטאַן.

זעענדיק ווו די פרוי איז אַריין, איז אַמאַסטאַ גלייך אַוועק אין דער גמינע און דאָרט געהייסן זיך ווייזן די רשימה פון די לאָקאַטאָרן, וואָס באַווינען די ווילע. ער האָט זיך צעשמייכלט אַ צופרידענער, געוויר ווערנדיק, אַז דאָס הויז איז נישט פאַרענדיקט און קיינער איז דאָרט בכלל נישט איינגעמאָלדן. אַמאַסטאַ האָט דערפילט אַ קרבן און האָט באַשלאָסן לויט זיין שטייגער אים קודם־כל — אויסצונוצן, באַרויבן און דערנאָך... („ס'איז דער פּאָליציי־פּאָסטן? זייט אַזוי גוט און זאָגט דעם הער לייטע־נאַנט, אַז אַמאַסטאַ בעט אים מאָרגן־איבערמאָרגן צו קומען קיין לעשיצע, עס וועט זיין אַרבעט").

**
*

דער מסור און שאַנטאַזשיסט פלעגט געוויינלעך אָנהייבן באַלד אין דער פרי אָדער שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט געהאַט שאַנסן צו טרעפן אויפן אָרט אַלע באַהאַלטענע פּערזאָנען.

אַמאַסטאַ האָט גענומען קלאַפּן אין דער טיר פון דער ווילע אַרום 12 ביינאַכט. וואַנדאַ איז אַ דערשראָקענע צוגעלאָפן און האָט געעפנט. זי האָט זיך גלייך געריכט, אַז ס'איז — דער סוף, אָבער מיט פאַרוווּנדע־רונג האָט זי דערזען אַ מענטש אין מונדיר פון וואַלד־וועכטער, וועלכער האָט גאָר אַראָפּגענומען פאַר איר דאָס היטל און העפלעך געפרעגט:

— אַנטשולדיקט מיר זייער, וואָס איך האָב מיר דערלויבט אין אַזאַ שפּעטער שעה אייך צו באַאומרואיקן. מיין ווייב איז פּלוצים אַוועקגעפאַלן און מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ וווינט אַ דאָקטאָר...

וואַנדאַ האָט אָפּגעאָטעמט מיט דערלייכטערונג. אומזיסט געהאַט שרעק! זי האָט געענטפערט, אַז דאָ ווױנט נישט קיין דאָקטאָר און האָט געוואָלט פאַרמאַכן די טיר, אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט פּלוצים באַלויכטן איר פּנים מיט אַן עלעקטריש לעמפּל און אַ פרעג געטאָן: — און ווער ווױנט דאָ, אויב נישט קיין דאָקטאָר?

דאָס מיידל האָט גענומען רעציטירן די צוגעגרייטע פון פריער תשובה, אַז איר מאַן איז געפאָרן צו דער אַרבעט אין דער עלעקטראָווניע און זי איז אַליין אין שטוב.

— זייער מאָדנע... — האָט אַמאַסטאַ פאַמעלעך געזאָגט — האָט איר דאָס פּאַפּירל פון מעלדונגס־אַמט, אַז איר זענט ביידע איינגעמאָלדן?

וואַנדאַ האָט שנעל געענטפערט, אַז דער מאַן איז כסדר פאַרנומען און זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך איינצומעלדן, נאָר גלייך צומאָרגנס וועט זי אַליין דאָס דערליידיקן. די צונג האָט זיך איר אָבער אָנגעהויבן צו פּלאָנטערן...

אַמאַסטאַ האָט באַקומען די זיכערקייט, אַז זיין „שמעקער" האָט אים נישט פאַרפירט. ער האָט ברוטאַל אַריינגעשטופּט דאָס מיידל צוריק אין שטוב אַריין. פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און אַ שאַרפן זאָג געגעבן: — נישטאָ וואָס צו לייקענען, דו ביסט אַ יידישקע! גיב אַהער די „קענקאַרטע" דיינע!

וואַנדאַ האָט זיך ווייטער פאַרטיידיקט. זי האָט אַרויסגענומען אירע פּאַפּירן, וואָס אַ מייל ווייט האָט מען געקאָנט דערקענען, אַז זיי זענען געפעלשט. זי האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אַז דער הער איז זיך טועה, זי האָט קיין שום שייכות נישט מיט יידן און אויב ער וועט תיכף נישט פאַרלאָזן איר שטוב, וועט זי אַריינטראָגן קעגן אים אַן אָנקלאָגע...

אַמאַסטאַ האָט זיך געמאַכט נישט הערן. נאָכן אַרומקוקן זיך איבערן אָרעמען שטיבל, האָט ער זיך גענומען צום דורכנישטערן וואַנדאַס פּעקל זאַכן. ער האָט פונעם זעקל אַרויסגעוואָרפן די אייניקע קליידלעך, דאָס ביסל וועש און נישט געפינענדיק קיין זכר פון אַזוי באַרימטן יידישן רייכטום, האָט ער אַ געשריי געטאָן: — נו, טוט אָן דעם מאַנטל און מיר גייען אין דער גמינע. אויב איר זענט טאַקע נישט קיין יידישקע, האָט איר

דאָך נישט וואָס מורא צו האָבן. מיר וועלן טעלעפאָנירן אין דער זשאַנ־דאַרמעריע, זאָלן זיי אַליין קאָנטראָלירן און דער הער לייטענאַנט וועט אייך דערנאָך אָפּפירן אַהיים אין זיין אויטאָמאָביל...

אין דעם מאָמענט האָט וואַנדאַ פאַרלוירן די הערשאַפט איבער זיך. דעם לייענער וועט עס אפשר אויסקומען מאָדנע, וואָס זי האָט אַזוי פאַר־העלטענישמעסיק לייכט זיך אונטערגעגעבן, אָבער דער קאַמף פאַרן לעבן האָט אין דער ווירקלעכקייט זייער אָפט אויסגעזען אינגאַנצן אַנדערש ווי דאָס ווערט פאַרגעשטעלט אין ראָמאַנען און נאָוועלן. דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז קיינער פון אונדז איז נישט דערצויגן געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז עס וועט אים אויסקומען צו פירן אַזאַ שווידערלעכן געראַנגל. זייענדיק אין משך פון וואָכן און חדשים אין צושטאַנד פון שטענדיקער וואַכזאַמקייט און וויטיקלעכער געררייצטקייט, פלעגט דער מוח דערגיין צום מצב פון עקסטרעמער מידקייט און דער מענטש האָט זיך טיילמאָל איינגעבראָכן גאַנץ אומגעריכט פאַר אים אַליין. אַזוי פלעגט אַמאָל דער גייסטיקער צוזאַמענברוך פאַסירן אַמאָל פינף מינוט נאָך דעם ווי די דירעקטע געפאַר איז פאַריבער, אָבער טיילמאָל אויך אין סאַמע געפער־לעכסטן מאָמענט.

אַזוי האָט וואַנדאַ פאַרלוירן די מאַכט איבער אירע נערוון אין מאָ־מענט, ווען זי האָט נאָך געדאַרפט פאַרזעצן דעם ווידערשטאַנד. זי האָט זיך פלוצים אַוועקגעזעצט אויפן אָרעמען געלעגער און — זיך צעוויינט.

מיט אַן איראָניש שמייכעלע האָט אַמאַסטאַ זי אַ רגע אָבסערווירט און דאַן גענומען צו איר ווייך ריידן. ער איז אַן אָרנטלעכער און אנשטענ־דיקער מענטש, האָט גרויס רחמנות איבער אַזעלכע אומגליקלעכע ווי זי (— אוי, אוי... די אָרעמע יידן, נעבעך... — האָט ער ביטער געזיפצט), אָבער ער האָט אַ ווייב מיט קינדער און די דייטשן וועלן זיי דערהרגענען, אויב ער וועט איר קומען צו הילף.

— איר דאַרפט וויסן — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז עמיץ האָט אייך געמסרט אין דער גמינע און מען האָט מיך דעריבער געשיקט צו קאָנטראָלירן ווי די זאַך זעט אויס. איך אַליין וויל אייך, חלילה, קיין רעה

נישט טאָן. איך בין גרייט צו מאַכן אַ ראַפּאָרט, אַז אייערע פּאַפּירן זענען אין אָרדענונג. אָבער וואָס וועט זיין אויב די דייטשן וועלן קומען אַליין קאָנטראָלירן? האָבן זיי דען צוטרוי צו אונדז, פּאָליאַקן? און זיי קאָנען קומען קאָנטראָלירן מאָרגן איבערמאָרגן, אָדער אַפּילו — באַלד, נאָך אין דער היינטיקער נאַכט. איז ווי וועל איך דעמאָלט אויסזען? אַנטלויפן איצט קאָן מען נישט, ס׳איז נאָך דער פּאָליציי־שעה און אָן אַ „פּזשע־פּוסטקע" וועט מען אייך באַלד דערשיסן אויף דער גאַס...

אַ מענטש אויפן ראַנד פון אָפּגרונט ווערט טיילמאָל פאַרוואַנדלט אין אַ חכם, אָבער גאַנץ אָפט אויך אין אַ נאַאיוו קינד. ער איז גרייט זיך אָנצוכאַפּן אין יעדער זאַך ווי אין אַ רעטונגס־ברעט און באַמערקט נישט, אַז דער צווייטער עק פונעם ברעט איז גאָר איינגעטונקען אין טיפסטער בלאָטע. וואַנדאַ האָט דורך די פאַרוויינטע אויגן אָנגעהויבן קוקן אויף אָמאַסטאַן ווי אויף — אַ רעטער.

— וואָס ראַט איר מיר צו טאָן? איך האָב צו אייך צוטרוי...

— פאַראַן נאָר איין אויסוועג — האָט אָמאַסטאַ געענטפערט — איך וועל זיך באַמיען איבערצוקויפן דעם מסור, וואָס האָט צוגעטראָגן וועגן אייך אין דער גמינע. איר פאַרשטייט אַליין, אַז איך שטעל דערביי איין מיין לעבן און דאָס לעבן פון מיין ווייב און קינדער, אָבער ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף אייך, אָרעמע יידן, נעבעך, און בין גרייט צו ברענגען אַ קרבן. מסתמא האָט איר עפּעס אַ זייגערל, אַ פינגערל אָדער אַ גאָלדן בראַנזאַלעטל... מען דאַרף האָבן עפּעס אַ מתנה פאַרן מסור...

וואַנדאַ האָט זיך ווידער צעוויינט, און כליפּענדיק האָט זי דערציילט דעם „רעטער", אַז זי באַזיצט נישט — נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג.

— אויב אַזוי... — האָט אָמאַסטאַ אַ ריטשע געטאָן מיט גאָר אַן אַנדער קול — טאָ גייט מיט מיר תיכף־ומיד אין דער גמינע. נישטאָ קיין מינוט צו פאַרלירן!

ער האָט אָנגעכאַפּט דאָס מיידל ביי דער האַנט און אָנגעהויבן זי שלעפּן צו דער טיר. וואַנדאַ האָט זיך געוועהרט. בעתן אַמפּערניש האָט ביים

לעאָן לענעמאַן

מיידל זיך אַראָפּגערוקט דער שלאָפּראָק. די אָנטפּלעקטע ווייסע אָרעמס האָבן דאָן פּלוצלינג אונטערגערוקט אַמאַסטאָן אַ גאָר נייעם געדאַנק.

**
*

דער המשך?

נישט שווער אים צו טרעפן.

דאָס מיידל איז געווען שוצלאָז און אָן דער מינדסטער מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן. האָט זי געקאָנט רופן נאָך הילף? אָז יעדער געקומע־נער צו הילף וואָלט נאָר געקאָנט ברענגען אויף איר דעם טויט.

איז אַמאַסטאָ געבליבן ביז אינדערפרי. אָוועקגייענדיק האָט ער פאַר־שלאָסן די טיר און צוגענומען דעם שליסל. זאָל זי אַפילו נישט טראַכטן וועגן אַנטלויפן, ווייל ער וועט זי אומעטום כאַפּן און איבערגעבן וועמען מען דאַרף. נאָר אויב זי וועט זיך אויפפירן לייטיש, וועט איר גאָרנישט פעלן און ער וועט שוין געפינען אַן אופן זי צו ראַטעווען.

מיטיק־צייט איז ער געקומען, מיטברענגענדיק אַ שטיקל ברויט מיט ווורשט. האָט זיך שטאַרק פאַרחידושט וואָס דער קרבן האָט נישט גע־וואָלט גאָרנישט טועם זיין.

ערשט נאָך דריי טעג און נעכט האָט וואַנדאַ זיך דעצידירט צו אַנט־לויפן. זי האָט שוין זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אַז דער חברה־מאַן וויל זי בלויז אויסנוצן, אָבער — נישט ראַטעווען.

מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פון דער ווילע און צוצוקומען ביזן וואָקזאַל. זי איז אַריין אין אָנגעקומענעם צוג און האָט שוין געמיינט אָפּצופאָטעמען. אָבער דער צוג איז דעריאָגט געוואָרן דורך אַן אויטאָ פון דער זשאַנדאַרמעריע. זעט אויס, אַז מען האָט זי דאָך באַמערקט ביים איינשטייגן אין וואַגאָן און טעלעפאָניש אַלאַרמירט די זשאַנדאַרמעריע.

דער צוג איז פאַרהאַלטן געוואָרן אינמיטן פעלד, אייניקע קילאָמע־טער ווייט פון לעשיצע. ווי די פּאַסאַזשירן האָבן שפּעטער דערציילט, זענען די זשאַנדאַרן אַריין אין די וואַגאָנען און ביי קיינעם נישט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן, נאָר גלייך געזוכט דאָס יונגע מיידל. פיר מיידלעך, צווישן

זיי וואַנדאַ, האָט מען פֿאַרהאַלטן און אָפּגעפּירט אין דער זשאַנדאַרמעריע. דריי האָט מען באַפֿרייט און וואַנדאַ איז געבראַכט געוואָרן אין וואַכּ־פּאָסטן פֿון שכנותדיקן שטעטל.

ס׳איז געווען אַ לויטערער אָוונט און די איינוווינער פֿון דער וואַר־שעווער פֿאָרשטאָט האָבן זיך אויסגעזעצט אין די גערטנדלעך ביי זייערע ווילעס. דאָ און דאָרט האָט׳אַ מוטער געלייגט איר קינד שלאָפֿן. ווען פּלוצ־לינג האָט מען דערהערט אַ קנאַלן־סעריע פֿון אויטאָמאַטיש געווער. די אַרומיקע איינוווינער האָבן גוט געוווּסט וועגן געבראַכטן אין וואַכפּאָסטן מיידל און האָבן גלייך פֿאַרשטאַנען וואָס עס באַדייט די קנאַלן־סעריע.

און ווען אַ קינד האָט אַ ציטער־געטאָן פֿון שרעק, האָט די מוטער עס בעסער איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע און באַרויִקט:

— שלאָף, קינד, שלאָף... ס׳איז גאָרנישט... ס׳איז בלויז אַ יידיש מיידל... שלאָף, שלאָף...

קאַפּיטל דריי

נישט בלויז איך האָב געזען

ווען איך שרייב די דאָזיקע ווערטער, מאַטערט מיך דער געדאַנק, אַז מיינע זכרונות ווערן אפשר פאַרצייכנט אויף אַ צופיל סוביעקטיוון אופן. די פאַקטן זענען אָבסערווירט געוואָרן נישט בלויז דורך מיינע אויגן און מעגלעך, אַז אין אַנדערע אויגן האָט דאָס אַלץ אויסגעזען גאָר אַנדערש.

ווען דעריבער זיין אינטערעסאַנט אַ בליק צו טאָן אויך מיט יענעמס אויגן. און גראָד האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז גאַנץ נאָענט פון דער אָרט־שאַפט לעשיצע, וווּ עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די טראַגעדיע פון וואַנדאַ, האָט אין דער זעלביקער צייט געוווינט דער באַקאַנטער פּוילישער שרייבער סטאַניסלאַוו רעמבעק.

געוויר געוואָרן וועגן דעם בין איך ביי גאַנץ מאָדנע אומשטענדן. ביי אַ טויטן. און צוליבן פּוילישן פּאָליציאַנט פראַנצישעק קלאָס.

דער פּאָליציאַנט האָט מיך פערזענלעך קיינמאָל נישט געטראָפן. דאָס איז געווען מיין גליק, ווייל ווען יאָ, וואָלט גלייך געוואָרן מיט איין ייד ווייניקער. איך האָב בלויז געזען מיט מיינע אויגן, אַרויסקוקנדיק פאַר־זיכטיק פון אַ טויער, ווי אַזוי דער פּאָליציאַנט פראַנצישעק קלאָס האָט דערשאָסן אויפן פּלאַץ פונעם שטעטל — אַ יידיש ייִנגל.

וועגן דעם־אַ ייִנגל וועל איך דערציילן אין ווייטערדיקן קאַפּיטל, דערווייל לאָמיר זיך באַקענען מיטן פּוילישן פּאָליציאַנט, וועמען דער שרייבער רעמבעק האָט געווידמעט אַ גאַנץ בוך: „דער אורטייל אויף פראַנצישעק קלאָס" *). אינעם בוך שילדערט דער קאַטוילישער שרייבער די געשטאַלט פון דאָזיקן מאַסן־מערדער, וואָס האָט אויף זיין געוויסן צענדליקער אומגעבראַכטע יידן און דערביי זאָגט ער אַרויס אַ ריי גע־

*) Stanislaw Rembek, "Wyrok na Franciszka Klosa."

דאַנקען וועגן דער באַציאונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג צו די יידן און צו זייער מוראדיקער דראַמע.

דער פרום־קאַטוילישער סטאַניסלאַוו רעמבעק איז זיכער זייער גוט באַהאווגט אינעם געדאַנקען־גאַנג פון גרעסטן רוב פּאָליאַקן און דעריבער איז זיין באַשרייבונג פון אַ באַזונדערער וויכטיקייט. לאָמיר, למשל, זען, ווי אַזוי ער שטעלט פאַר די תפילה פונעם פּאָליציאַנט קלאַס און זיינע הירהורים:

אַמבעסטן האָט פראַנצישעק קלאַס געקענט פון אויסנווייניק די תפילה פון הייליקן בערנאַרד צו דער הייליקער מאַריע. אָ, דו, הייליקע מוטער, געדענק, אַז זינט דורות האָט קיינער נישט געהערט, אַז דו זאָלסט עמיצן פאַרלאָזן... אין די גאַר יונגע יאָרן פלעגט ער אָט דעם געבעט איבער־חזרן צו אייניקע מאָל יעדן טאָג. היינט אָבער ווייסט ער שוין, ווי אומ־געהייער נאַריש ער איז דעמאָלט געווען. נאָר דאָס טעמפּע פּוילישע פּי קאָן נאָך גלויבן אין די איינפלוסן פון עפּעס איבערמענטשלעכע כוחות אויפן מענטשנס גורל. וועגן אַלעם און אַלעמען דעצידירט אויף דער וועלט דער ווילן און דער כוח, וואָס פליסט אַרויס פון גוטער אָרגאַניזירונג. אַזוי טענהט קראַנץ און די איבעריקע דייטשן. אויסער דעם איז דאָך די הייליקע מאַריע געווען אַ יידישקע און איר זון — אַ ג ע ו י י נ ל ע כ ע ר י י ד...

קלאַס האָט זיך דערמאָנט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט אין דער אָקופּאַציע־פּרעסע און וואָס ס׳האָט דערציילט קראַנץ וועגן די יידנס ראָל ביים אַרויסרופן דעם קריג. די רעגירונגען פון אַלע דעמאָקראַטישע לענדער אין דער וועלט, און אויך פון סאַנאַטאָרישן פּוילן, זייַגען געווען פּולשטענדיק באַהערשט דורך די יידן. אַ כיטרע און פאַררעטעריש פאָלק! אַפילו די פּאָליטיק פון פּויפּסט איז אָפּהענגיק געווען פון יידישע איינ־פלוסן. דעם גאַנצן וועלט־קאַפּיטאַל האָבן זיי פאַרכאַפּט אין זייערע לאַ־פּעס. ווען נישט דאָס טפּשות און מאַנגל אין פּאָליטישער אויפגעקלערט־קייט פון גרעסטן טייל פּאָליאַקן, וואָלטן זיי נישט געליטן די מפּלה אין סעפּטעמבער 1939, און וואָלטן נישט אַריינגעפאַלן אין היינטיקן קלעם.

ביז איצט האָבן אים, קלאַסן, נישט אינטערעסירט די אַלע פּראָבלע־

מען. פערזענלעך האָט ער קיינמאָל פון יידישן צד קיין שום עוולה נישט געהאַט. להיפוך: ער האָט גאָר נישקשהדיק אָנגעשטאָפּט מיט כל־טוב זיין ווינונג, ווען מען האָט אַלע יידן פונעם שטעטל אַוועקגעטריבן אין וואַר־שעווער געטאָ אַריין. די אויסטערלישע אכזריותן, וואָס פלעגן טאָג־איין טאָג־אויס אָפּגעטאָן ווערן לגבי יידן דורך די דייטשן און די לעטישע, אוק־קראַיִנישע און רוסישע נאַציאָנאַליסטן, האָבן אין תוך גענומען אָנגעוואָרפן אויף אים אַ שרעק. בפרט נאָך, ווען זיי אַלע (און אַפילו די דייטשן אַליין אויך) האָבן אַלעמאָל אונטערגעשטראָכן, אַז „נאָך די יידן וועט קומען די ריי אויף פּאָליאַקן". איבעריקנס האָט אים די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע בכלל נישט איבערצייגט: „הערסט אַ מעשה? אַלע צרות זיינען געקומען אויף די פּאָליאַקן צוליב די יידן; און צוליב די דייטשן, הייסט עס, נישט?..."

מיט אַ צוויי חדשים צוריק האָט ער צופעליק באַגעגנט אַ ייד, וואָס איז אַנטלאָפן פון וואַרשעווער געטאָ און צוגעשטעלט פלייש פון געהיימ'ער שחיטה אין דעם שטעטלדיקן רעסטאָראַן. ער האָט דעם יידן נישט גע־טשעפּעט. באַפרידיקט זיך מיט אַ גראָב פּעקל אויסקויף־געלט...

ווען קלאָס דערמאָנט זיך איצט יענעם פאַל, כאַפּט אים אַרום אַ שנאה. פּאַק איך אים ווען עס איז נאָכאַמאָל — וועט ער נישט אַרויס מער אַ לעבעדיקער. אויסראָטן דאַרף מען די יידישע דראַניעס, ס'זאָל קיין שריד נישט פאַרבלייבן! און צוזאַמען מיט זיי — אויך די אַלע, וואָס האָבן מיטלייד און העלפן זיי אין דער שטיל און אַלע יידישע וואַיטעקס און שבת־גויים פון די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס...

דער אויסברוך פון שנאה האָט אין אים דערוועקט ענערגיע. ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און גענומען שנעל אָנטאָן די הויזן.

— פּאַרשיווע גודלאַיע... — האָט ער געוואָרטשעט, קריצנדיק מיט די ציין.

און באַלד דערנאָך קומט פאַר פּאָלגנדיקע סצענע, וואָס איר בלוטי־קער העלד איז דער פּוילישער פּאָליציאַנט פראַנציִשעק קלאָס — אַ מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין קריסטלעכן גייסט דורך זיין פרום־גליי־ביקער מוטער. און די סצענע שילדערט אַ פרום־קאַטוילישער שרייבער:

פאַרן הויז האָט ער דערזען אַן אָפענעם אויטאָ. נעבן שאָפער איז געזעסן קראַנץ.

— קלאָס, פאָר מיט אונדז מיט...

— וואוהין?

— אין נאָווא־וואָליאַ, ווייסט וווּ דאָס איז, אמת? מען האָט אונדז געגעבן צו וויסן, אַז ס׳באַהאַלט זיך דאָרט אויס אַ יידישע משפחה. מיר פאָרן זי ליקווידירן.

— גוט, גוט, כ׳פאָר.

ער איז פול געווען מיט גליק און מיט געפיל פון קראַפט. דער אויטאָ האָט זיך אייליק געטראָגן לענג־אויס דער הינטערשטאָטישער קאַליי־קע. די דורכגייער האָבן מיט פּחד נאָכגעקוקט די פאָרנדיקע. אַ חוץ קראַנצן זיינען אינעם אויטאָ געזעסן דריי זשאַנדאַרן מיט די גרינע קעלנער און קלאָס גוטער באַקאַנטער עדוואַרד סראָטשינסקי, דער אייגנטימער פון אַ הייזל אין נאָווא־וואָליאַ, וווהין זיי זיינען איצט טאַקע געפאָרן. סראָ־טשינסקי האָט כסדר הניפּהדיק געשמייכלט און געהנדלט זיך צו די דריי אוקראַינער מיט די גרינע קעלנער, וועלנדיק ציען אויף זיך זייער אויפ־מערקזאַמקייט. ס׳איז אים אָבער נישט געלונגען צו געווינען אַפילו אויף אַ האָר זייער סימפּאַטיע. זעענדיק דאָס, האָט אויך קלאָס זיך פון אים אָוועקגעדרייט צו קראַנצן. אָט דער איז דערפאַר געווען אין אַ גוטן הומאָר. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון טאַש אַ פלאַש ראָם.

— פאַרזוך, חזירשער שנוק. עכטער אונגער...

קלאָס האָט עטלעכע אַזעלכע האַסטיקע שלונג געגעבן, אַז ס׳האָט אַזש אַ שווישטשע געטאָן.

— קענסט די מלאכה, דו הולטאַי איינער...

— און וואָס גיט איר אויף צובייסעכץ?

— אַ מאַראַנץ, אָדער אַ שטיק שאָקאָלאַד...

— גיט אַהער אי דאָס, אי יענץ.

— הע, הע, הע... ביסט נישט קיין גאַנצער נאַר...

זיי זיינען אויסגעשטיגן פאַר אַן עלעגאַנטער ווילע. די אוקראַינער האָבן זי בליץ־שנעל אַרומגעשטעלט פון אַלע זייטן. קראַנץ האָט אַ שטופּ

געטאָן קלאָסן צום האַלב־רונדיקן, געמויערטן גאַניק מיט שלאַנקע קאָלאַ־נעס.

— פאַרבלייב דאָ.

קלאָס איז געבליבן אַליין. עפּעס אַ מאָדנע שווערע מידקייט האָט זיך אים צעגאָסן איבער די אברים. ווי גוט וואָלט געווען זיך דאָ אויסצוציען, אָט דאָ, צווישן די קאַלירפולע בלומען־קלאָמבן, אויפן גלייך צוגעשניטע־נעם זאַפטיק־גרינעם גראָז. קלאָס בליק האָט געבלאָנקעט איבער די שניידנ־דיק־ווייסע ווענט פון דער ווילע, איבער די לאַנגע, גרין־געפאַרבטע קעסט־לעך פון קאַקטוסן, פאַלמעס און רויטע פעלאַרגאָניעס... איבער די סאַמעט־רויטע, גלאַנציק־געלע און טיף־בלויע בלומענקעפּלעך, וואָס האָבן אַרויס־געשטאַרצט פון גרינעם אַרום. די קאָלירן האָבן גענומען טאַנצן אין קלאָס אויגן, ווי אָפּגעשפּיגלטע אין טייך.

פראַנצישעק קלאָס האָט אַ וויש־געטאָן די אויגן. די בלומען הערן תיכף אויף צו טאַנצן. די קאָנטורן ווערן צוריק שאַרף. אין דער שטילער, ציכטיקער לופט — אַ צווישטשעריי פון פייגל. קלאָס באַמיט זיך צו דער־קענען, וואָס פאַראַ פייגל ער הערט דאָ. ער איז שטאַרק פאַרחידושט, דער־הערנדיק בפירוש די צאַנקענדיקע קלאַנגען פונעם נאַכטיגאַל. „אין מיטן העלן טאָג, אין פולן שיין פון דער זון — אַ נאַכטיגאַל? דאָס זינגט אין מיר דער עכטער אונגארישער ראָם, און נישט דער געלער נאַכטיגאַל... אָ, ניין, ניין. ס'איז דווקא יאָ אַ נאַכטיגאַל. פאַראַן אַזאַ סאָרט וואַלד־נאַכטיגאַלן, וועלכע זינגען אַמאָל אויך בייטאָג. און איך האָב גראָד אָנ־געטראָפן אויף אַזאַ פויגל... אָ, ווי שיין...“

פּלוצלינג האָבן אַ קנאַל געטאָן עטלעכע שאָסן, צונויפגעמישטע מיט שרעקלעכע קולות. קלאָס איז אויף אַ ווײַלע פאַרגליווערט געוואָרן. ער האָט אָבער אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער. דאָס פענצטער אויפן הויכן פאַרטער איז האַסטיק אויפגעפראַלט געוואָרן און אַ מאַנספאַרשוין מיט אַ צעשויבערטער שוואַרצער טשופרינע און אין אַ פּיזשאַמע אין טונקעלע פּאַסן איז אַרויסגעשפּרונגען, אומגעפאַלן, שנעל זיך אויפגעהויבן און היב־קענדיק גענומען לויפן צו די דערבייאיקע קלאָמבן און געוויקסן.

אין קלאָסן האָט אויפגעוואַכט דער יעגער. ער האָט אָנגעשפּאַרט די

לופֿע פֿונעם רעוואָלווער אויף דער איינגעבויגענער לינקער האַנט און אויס־געשאָסן דריי מאָל צום אַנטלויפֿנדיקן. דער מאַנספּאַרשוין איז געפֿאַלן, אָבער באַלד זיך צוריק אויפֿגעשטעלט. קלאָס איז צוגעשפּרונגען צו דער באַלוסטראַדע אויפֿן גאַניק, אַנגעשפּאַרט דעם רעוואָלווער און צילנדיק גע־נוי — נאָכאַמאָל אויסגעשאָסן. דער מאַסנפּאַרשוין האָט זיך אַ שטאַרקן וואַקל געטאָן. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן גראָז און גענומען הויך וויינען. קלאָס איז אַריבערגעשפּרונגען די באַלוסטראַדע, כדי נישט צו פֿאַרלירן קיין צייט ביים אַראָפּלויפֿן פֿון די שטיגן. דאָס יאָמערלעכע גע־וויין האָט אים גערייצט און אויפֿגערעגט. ער איז צוגעשפּרונגען צום קרבן. דערזען אַן אויסגעבלייכט פּנים מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, אויסגעקרומ־טע דורכן ווייטיק און פֿאַרצווייפֿלונג. קלאָס האָט איילִיק אויסגעשאָסן נאָך איין מאָל. דער פֿאַרוווּנדעטער האָט ווידער אַ ציטער געטאָן, אָבער נישט אויפֿגעהערט צו יאָמערן: — אַי, יעי, אַי יעי, אַי יעי!... „זאָל שוין אַמאָל אויפֿהערן דאָס שווידערלעכע געיאָמער" — האָט קלאָס פֿיבערנ־דיק פֿון כּעס געטראַכט און גענומען שיסן צום ליגנדיקן איינס נאָכן אַנ־דערן, צילנדיק גלייך אין קאָפּ אַריין. יענער האָט ענדלעך אַ זעץ געטאָן מיטן שאַרבן אָן דער ערד. רויט בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויפֿן געלן זאַמד פֿון דער גלייכער סטעזשקע צווישן די בלומען־קלאָמבן.

— זע נאַר, וואָס פֿאַר אַ האַרט לעבן דאָס האָט געהאַט אין זיך, די בעסטיע. ווי אַ קאַץ.

אַ פֿאַרסאָפּעטער האָט קלאָס צורעכט־געמאַכט דעם רעוואָלווער. אַרויסגעשאָקלט די ליידיקע גילזן און גענומען אַריינשטופּן אַ נייעם מאַ־גאַזינדל מיט קוילן. ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, ווען קראַנץ האָט זיך נעבן אים געיאָוועט צוזאַמען מיט איינעם פֿון די אוקראַיִנער. ביידע מיט אויטאָמאַטיש געווער אין די הענט.

— דו, הולטאַי! — האָט אויסגערופֿן קראַנץ. ער האָט אים געפּאַטשט איבער דער פּלייצע און געשטשירעט דעם שפּיציקן גאָלדענעם צאָן אין אַ ברייטן שמייכל — איז הרגעסט דו גאָר אָן אַ ברעקל רחמנות אומשולדיקע מענטשן? האַ? וואָס איז דיר דען שולדיק געווען אָט דער־אַ זשידעק? אוי־סער דעם וואָס ער האָט געהערט צום אויסדערוויילטן פֿאָלק? און האָט

דאָך היטלער אין זיין לעצטער רעדע געזאָגט, אַז גאָט האָט געגעבן אַלע פעלקער דיזעלבע רעכט צום לעבן?...

קלאָס האָט גוט פאַרשטאַנען וויפל לויב פאַר אים עס ליגט באַהאַלטן אין דאָזיקן לצנות. ער האָט תופס געווען דעם טיפן ציניזם, גער שטיצט אויף גאָטלעסטערדנדיקן געפיל פון אומבאַזיגבאַרער קראַפט. די ביז איצטיקע אויפרעגונג איז אָפּגעטרעטן דאָס אָרט פאַר פריידיקער גאווה. ער איז געווען גליקלעך און שטאָלץ. ווען ער האָט מיט אַ צייט צוריק דערשאָסן דעם פוילישן פאַרטיזאַנער וואַלוסיאַק, האָט עס אים געשווינדערט, ער איז לאַנג געווען פאַרצווייפלט און אַפילו געהאַט געוויסנביסן. אַצינד האָבן אים באַהערשט גאָר אַנדערע געפילן.

— זיי, די פאַרטיזאַנער, ווילן מיך אָפּרוימען? טויט־אורטיילן שיקן זיי מיר? גוט. מירן זען, צי זיי וועלן מיך לייכט אַריינבאַקומען אין זייערע הענט. ווי לאַנג איך האָב געוועוער ביי זיך, וועט יעדע נבלה אַזוי פּגרן, ווי אָט דער זשיד.

קראַנץ האָט אים אַ צי־געטאָן פאַרן אַרבל.

— קום עפּעס וואָס פאַרבייסן. האָסט עס כשר פאַרדינט נאָך אַזאַ שטיקל אַרבעט.

קלאָס האָט אָנמעכטיק געשטעלט עטלעכע טריט, אַריינשטופנדיק טירפער מיט מעכאַנישע באַוועגונגען דעם קוילן־מאַגאַזין אינעם פּיסטאָלעט אַריין. דאָס האַרץ האָט ביי אים שנעל און הויך געקלאַפּט. ער איז געגאַנגען, ווי אין שלאָף. ווי אין חלום האָט ער דערזען די שטוב, באַגאָסן מיט ליכטיקער זון. און אינמיטן אַ קיילעכדיקער, ווייס־געדעקטער טיש, מיט פלעשער, טעלערלעך, מאכלים.

— גאָר נישט שלעכט לעבן זיך נאָך די יידן אין נאַרישן פוילן — האָט צו אים קראַנץ אַ בלאַנק־געטאָן מיטן גאָלדענעם צאָן־שפּיץ און אָנגעגאָסן צוויי פולע גלעזער מיט בראָנפן פון רובין־קאָליר. — פאַרזוך די וויִשניִוּווקע...

קלאָס האָט אויסגעזויגן, ווי אַן אויטאָמאַט, נישט דערפילנדיק דעם טעם. אַזוי האָט ער געטרונקען אַ גלאָז נאָך אַ גלאָז און זיך אַלץ שטאַר־

קער אויפגערעגט צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געפילט קיין שום טעם און אַפילו נישט געהאַט קיין רויש אין קאָפּ.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט קראַנץ זיך שנעל אויפגעשטעלט און גענומען צורעכט מאַכן זיין אויטאָמאַטישן פּיסטאָלעט.

— נו, און איצט צו דער אַרבעט. פיר פירער און פאַטערלאַנד...

קלאַס האָט זיך אויך אויפגעהויבן און צורעכט געמאַכט דאָס געווער. מיט פאַרוווּנדערונג האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז די וועלט צאַנקט אים אין די אויגן, ווי אַ קאַליעדיקער פילם. דער טראָט זיינער איז געווען נישט זיכער. ער האָט זיך געמוזט אָנשטרענגען, כדי איינצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט. אַרויסגעטאַטשעט זיך נאָך קראַנצן אויפן גאַניק אַרויס, און גלייך האָט ער דערזען, ווי דורך אַ נעפּל, אַ ברייטן גרוב, פון וועלכן עס האָבן אַלע ווילע אַרויסגעטויכט קעפּ און לאַפּעטעס פון צוויי מאַנסלייט אין גרויע ציקליסטן־היטלען. פאַרן ווייסן ווילע־הויז זיינען אונטער דער וואַנט פון צוויי אוקראַינער געשטאַנען צוויי פרויען, אַ יונג מיידל און אַ העכסטנס צעניעריק ייִנגעלע. אַלע מיט די פּנימער צו דער וואַנט און מיט אויפגעהויבענע הענט אין דער הויך.

קראַנץ האָט אַרויסגעבריליט עפּעס אַ באַפעל. די אוקראַינער האָבן גענומען ברוטאַל שטאַרגן מיט די קאָלבעס די פרויען און שטופּן זיי צום גרוב־צו, פון וועלכע ס'זענען אייליק אַרויסגעשפּרונגען די צוויי מאַנסלייט, אַרויסוואַרפנדיק פריער די לאַפּעטעס.

די אומגליקלעכע זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ שורה: דאָס ערשטע איז געווען דאָס ייִנגל, דערנאָך דאָס יונגע מיידל און צום סוף די צוויי פרויען. דאָס ייִנגל האָט הויך געוויינט, אויסדרייענדיק צו די זשאַנדאַרן דאָס אויסגעקרומטע און באַגאַסענע מיט טרערן פּנימל. דאָס מיידל האָט שטיל געכליפּעט; זי האָט צוגעדעקט זיך דאָס פּנים מיט די דלאָניעס און גראָבע טרערן־טראָפּנס האָבן געראָנען צווישן די פינגער. ביידע פרויען זענען געגאַנגען אויסגעגלייכט, מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ. איינע האָט די הענט געקרייצט אויף די ברוסטן און די צווייטע האָט פעסט צוגעדריקט די קליינע פויסטן.

ביי קראַנצן האָט אַ גרילץ געטאָן דער אויטאָמאַט. ער האָט אָנגע־

צילט די לופֿע צום יינגלס קאָפּ. דער קליינער האָט אַריינגעטוליעט דעם קאָפּ צווישן די אָרעמס, אַרומגעפּלאָכטן אים מיט די הענטלעך און אָנגעהויבן אימהדיק שרייען. איינע פון די פרויען האָט זיך דאַן האַסטיק אויסגעדרייט מיטן גאַנצן קערפּער און געוויזן אַ ווייס און ווי פאַרחידושט געזיכט.

— דאָס איז מיין זון! מיין זון! — האָט זי אויסגערופן, גלייך ווי די גאַנצע עקזעקוציע וואָלט געווען עפּעס אַן אויסטערליש מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועט אויפגעקלערט און תיכף איבערגעריסן ווערן אַדאַנק אָט דעם אויסרוף.

— רוהע! — האָט אַ ריטשע געטאָן קראַנץ, אויסדרייענדיק זיין פּיסטאָלעט צו דער פרוי.

אין דער רגע האָט פּלוצלינג קלאָס זיך אַ וואָרף געגעבן פאָרויס און אָנגעכאַפּט קראַנצן ביי דער האַנט:

— הער קראַנץ, הערט מיך אויס, הער קראַנץ! איך וויל, איך!

ער האָט כמעט ווי צוגעדריקט די לופֿע פון זיין רעוואָלווער צום יינגלס קאַרק און האָט אויסגעשאָסן. באַלד דערנאָך איז ער צוגעשפּרונגען צום יונגן מיידל און אַריינגעשאָסן איר אין סאַמע אויער אַריין. נאָך צוויי שפּרונג אוןביידע פרויען האָבן אָן אַ שאָרך זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד.

קלאָס האָט זיי אַפילו נישט אָנגעקוקט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערזען די צוויי מאַנסלייט, וואָס האָבן אויסגעגראָבן דעם קבר. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט ברייט צעעפנטע אויגן.

— און איצט דו, הולטאַי איינער.

ער האָט אָנגעכאַפּט דעם נענטערן פאַרן קאָלנער און געשלעפּט אים צום גרוב. יענער איז געפאַלן אויף די קני.

— פּאַני וולאַדזאַ... הער פּאָליציאַנט... — האָט ער געשריגן, ווי אַ באַנומענער — איך בין נישט קיין זשיד! דאָס האָב איך דאָך געמאָלדן דער זשאַנדאַרמעריע וועגן זיי...

— שטיי־זשע אויף, סוקינסין.

קלאָס האָט אים אַזאַ שטאַרקן קאָפּע־געגעבן אין זייט, אַז ער איז אומגעפֿאַלן. ער האָט אים ליגנדיק געקאָפּעט — איינס נאָכן אַנדערן.

ביז קראַנץ איז אונטערגעלאָפֿן און אים אָנגעכאַפּט פֿאַרן האַנט.

— האַ, האַ, האַ... דו משוגענער, דאָס איז ער דאָך מיט אונדז געקומען צוזאַמען דאָ אַהער. לאָז אים אָפּ, משוגענער...

קלאָס האָט זיך אומגעקוקט אַ צעטומלטער. די אוקראַינער האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פֿון געלעכטער. קראַנץ האָט אים געקלאַפּט איבער דער לאַפּאַטקע, אַז ס׳האָט אַזש אָפּגעהילכט.

— דו אַלטער מנוול! פֿינף שטיק האָסטו היינט צעזעצט אויף פּאַר־בייסעכטס. האָסט דען נישט געקאָנט כאָטש צוויי שטיק איבערלאָזן פֿאַר מיר, כדי כ׳זאָל צוציען ביזן פּופּציקסטל. זאָל דיך שוין די כאָלערע נעמען.

קלאָס האַלב־באַוווסטזיניקער בליק איז געפֿאַלן אויף די פֿיר גופֿים, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט אין קאָנוווּלסיע־קראַמפּן אויף דער פֿריש אויפֿ־געגראָבענער און מיט פֿריש בלוט אָנגעזאַפּטער ערד. „אַכאַ, דאָס לעבן זיי שוין נישט מער. ווי שנעל מען שטאַרבט דאָס"...

„דאָס לאַנד אָן קוויסלינגס"

דער מחבר פֿונעם בוך, אין וועלכן ס׳געפֿינט זיך די אָקאָרשט צי־טירטע סצענע, אַנאַליזירט ווייטער די פּסיכיק פֿון פּוילישן פּאָליציאַנט און פֿון די איבעריקע נאַצי־מיטהעלפֿער. הגם איך בין נישט מסכּים מיט סטאַניסלאַוו רעמבעקן בנוגע די כלומרשטע גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע די דייטשן זאָלן האָבן אָנגעטראָפֿן ביים ווערבירן קאַנדידאַטן אויף תּלינים צווישן די פּאָליאַקן — וועל איך אָבער אויך די דאָזיקע שטעלע פֿון זיין בוך ציטירן, כּדי פּילזייטיקער צו מאַכן דאָס בילד.

אַ גרויסער טייל פּוילישע שרייבער און פּובליציסטן באַצייכנט פּוילן אַלס „אַ לאַנד אָן קוויסלינגס". איך האַלט די דאָזיקע באַהויפּטונג אַלס פֿאַלשע און נישט באַגרינדעטע. כ׳מיין, אַז אַלע נישט פֿאַרבלענדעטע און פֿאַרנונפֿטיקע פּאָליאַקן וועלן אויך מיט מיר מסכּים זיין.

מען דאַרף דעם ענין אָוועקשטעלן קלאָר: אין פּוילן האָט זיך נישט

געפונען קיין קוויסלינג דערפאַר, ווייל די דייטשן האָבן אים דאָ נ י ש ט ג ע ז ו כ ט. איך בין טיף איבערצייגט, אַז דאָס געפינען אין פוילן גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן, וואָס וואָלטן מסכים געווען צו בילדן אַ מאַריאָנעטן־רעגירונג אין נוסח קוויסלינג, איז פאַר די דייטשן געווען בלויז אַ פראַגע פון געציילטע שעהן. אויב זיי האָבן דאָס נישט געטאָן, איז עס צוליב פאַרשיידענע סיבות און קודם־כל דערפאַר, ווייל זיי האָבן די פאָליאַקן בכלל געהאַלטן אַלס מאַטעריאַל פאַר די... גאַז־קאַמערן און נאָך דערצו אַ מאַטעריאַל, וואָס זיין ריי וועט קומען באַלד נאָך די יידן. דער „קוויסלינג״־באַגריף סימבאָליזירט נישט בלויז דעם פאַררעטער אויפן גאָר הויכן פאָסטן, וואָס האָט זיך געלאָזט איבערקויפן דורך די דייטשן, אָדער וואָס פערזענלעכע אַמביציעס און אידייען האָבן אים פאַרשלעפט אויפן גליטשיקן וועג, נאָר אויך דעם קלענערן און דעם גאָר קליינטשיקן פאַררעטער — דעם מנוול און נבזה, דעם מסור און שאַנטאַזשיסט. און אַזעלכע האָט דאָך פוילן געהאַט גאַנצע לעגיאָנען. מען האָט זיך קעגנזייטיק שפּיאָנירט און פאַרמסרט, מען האָט געהעצט די דייטשן קעגן יידן, מען האָט זיך געזעטיקט מיט יידישן ליידן און רייך געוואָרן פון יידיש האָב־און־גוטס. מען האָט אָראָפּגעצויגן שיך פון נאָך וואַרעמע פיס און אייליק געטראָגן צו זיך אין שטוב אַריין מלבושים, פון וועלכע ס'האָט נאָך גערונען פריש פאַרגאָסן בלוט.

עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען כ'וועל זאָגן, אַז די שטעלונג און האַלטונג פון פוילישן פאָלק בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז געווען אַן אויסטערליש געמיש פון העלדישקייט און גרונטלאָזער געמיינקייט. די באַציאונג צו די געפּלאָגטן יידן איז געווען אַ מין פּרוּוו־שטיין סיי פאַרן גאַנצן פוילישן כלל און סיי פאַר יעדן יחיד באַזונדער. אַלס גוטער ביישפּיל קאָן דינען די אונטערערדישע פוילישע אָרגאַניזאַציע „נאַראָדאָווע שילי זבראָנע״, דאָס הייסט „די נאַציאָנאַלע מיליטער־כוחות״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן צום קאַמף קעגן דייטשן אָקופּאַנט. פון ערשטן מאָמענט אָן האָט די „נ.ס.ז.״ מיטגעאַרבעט מיט דער געשטאַפּאָ אין דער יידן־אויסראָטונג און דער סוף איז געווען, אַז די גאַנצע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָראָפּגעקייקלט צום געוויינטלעכן רויבערישן באַנדי־

טיזם און אַלס רוצחים און באַנדיטן — און מער גאָרנישט — וועלן זיי אַריבער אין דער געשיכטע.

דאָס פאַרגעניגן פון הרגענען יידן

אָבער לאָמיר הערן, ווי אַזוי דער שרייבער רעמבעק שילדערט ווייטער דעם פאַרברעכערישן לעבנס־וועג פונעם פּאָליציאַנט קלאָס:

און דערווייל האָט פראַנצישעק קלאָס געהאַלטן אין איין שיכורן און — מאָרדן.

נישט איין מאָל האָב איך בעת דער לעצטער מלחמה געפּרוווט זיך געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, הלמאַי געפינען אַזוי פיל מענטשן פאַרגעניגן אין פייניקן און הרגענען זייערע מיטמענטשן. כ׳בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען קאָן דאָס נישט אויסטייטשן בלויז מיט איינגעבוירענעם סאַדיזם. סאַדיסטן, גלייך ווי אַנדערע פאַרקריפּלטע און דעגענערירטע טיפּן, זענען דאָך אין אַלגעמיין פאַראַן אין אַ גאַנץ באַגרע־נעצטער צאָל. כ׳מיין, אַז אין רוב פאַלן שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל — עפּעס אַ פאָרם פון טיפן באַפרידיקן דעם זעלבסטדערהאַלטונגס־אינס־טינקט, עפּעס אַן אילוזאָריש, אָבער פאַרשיכורנדיק געפיל פון אַרויפרייסן זיך העכער — איבערן געפייניקטן קרבן און דערפון אויך — דער אויס־טערלישער מיראַזש פון דעראָבערן די מאַכט איבערן טויט גופא.

ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אַלע דייטשע זשאַנדאַרמען זענען געווען מ׳ענטשן מיט פאַרברעכערישע אינסטינקטן, אַנדערש וואָלטן זיי דאָך נישט געוואָרן קיין זשאַנדאַרמען. אַלע זענען זיי צו יעדער רגע גרייט געווען צו שלאָגן, קאָפּען, פייניקן און דערהרגענען יעדן איינעם, אויף וועלכן מען האָט זיי אָנגעוויזן, אָדער — וועלכער איז לויט זייער איינזען אַרויסגע־טרעטן קעגן די פאַרשריפטן און געזעצן, וואָס זייער מאַכט האָט איינגע־שטעלט. און דאָך — ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאַסנווייזן אויס־שעכטן שוצלאָזע מענטשן, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די פוילישע יידן, האָבן בלויז נישט קיין צאָלרייכע יחידים זיך געמאָלדן צו דער דאָזיקער „מלאכה״. בשעת דער ליקווידאַציע פון דער וואַרשעווער געטאָ איז די אָקופּאַציע־מאַכט געצוווּנגען געווען אויסצוגעפינען און אַהער צו

ברענגען ליטווישע, לעטישע, אוקראַינישע און גאָט ווייסט וועלכע נאָך תלינים. אויב עס איז צווישן זיי נישט בנמצא געווען קיין פּאָליאַקן, דאַרף מען דאָס פאַרדאַנקען דעם כוח פון דער פּוילישער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע האָט ממש אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פונעם כלל יעדן יחיד, וועלכער האָט אין וועלכער ס׳איז נישט פאָרם מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. אַ פּאָליאַק מיט פאַרברעכערישע אינסטינקטן האָט דעריבער גע־האַט פאַר זיך איינאיינציקן וועג: צו ווערן אַ פאָלקס־דייטש.

אין בראָדניע האָט זיך, אַלזאָ, געפונען בלויז איין זשאַנדאַרם, וועל־כער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין הרגענען: דאָס איז געווען קראַנץ. שפּע־טער איז צו אים צוגעשטאַנען דער פּאָליציאַנט קלאָס, וועלכער פלעגט זיין תלינישע מלאכה אויספירן נאָר שיכורערהייט. האָט אפשר דער פּחד פאַרן דראָענדיקן און אומפאַרמיידלעכן טויט און די שנאה צו דער געזעל־שאַפט, וואָס האָט אים פאַרמשפּט אומצוקומען (די אונטערערדישע אָרגאַ־ניזאַציע האָט קלאָסן צוגעשיקט אַ טויט־אורטייל) — געשטויסן אים צו אַזאַ משוגענער נקמה?... און אפשר איז דערביי געווען אַ פאַרצווייפלט זיגלאָזע אידעע פון זעלבסטפאַרטיידיקונג: כ׳וועל אויסמאָרדן אַלע, אַלע — און אַליין בלייבן לעבן?

די צוויי מערדער האָבן אַלעמאָל זיך געהאַלטן ביינאַנד. דאָס האָט פאַרלייכטערט דער פאַקט, וואָס זיי האָבן געוווינט בשכנות, אויף דער זעלבער גאַס. יעדן פרימאָרגן פלעגט קראַנץ אַריינקומען צו קלאָסן, ווי צו אַ שוואַכער באַוואָפנטן חבר און דאָ פלעגן זיי שוין מאַכן די ערשטע כוסה — אויף קוראַזש. דערנאָך גייען זיי ביידע אין פּאָליציי־אַמט, פון וואַנען זיי לאָזן זיך אַרויס צו דער טאָג־טעגלעכער יאָגד. די יאָגד איז, נאַטירלעך, באַשטאַנען אין אויסגעפינען און דערהרגענען די יידן, וועלכע האָבן אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל באַהאַלטן זיך צווישן פּאָליאַקן אין בראָדניע גופא און אין דער אַרומיקער געגנט. דאָס זענען אַלץ געווען פּאָלאַניזירטע יחידים, פאַרבונדענע מיט פּאָליאַקן דורך פאַרשיידענע פּע־דים: פאַרוואַנדשאַפט, פריינטשאַפט אָדער חברשאַפט. פאַר יענע יידן, וואָס האָבן איינגעהאַלטן די באַזונדערקייט פון דער שפּראַך זייערער און פון הילוך — איז אין פּרינציפּ קיין שום רעטונג נישט געווען.

פאַרלייכטערט די יאַגד אויף זיי האָבן די יידן אַליין, צוליב דעם איינגעבוירענעם לייכטזין און רירעוודיקייט. ווי נאָר זיי האָבן באַוויזן אָפּצושאָקלען זיך פון די אימה־ און שוידער־געפילן נאָך די איבערלעבע־נישן אינעם געטאָ, פון וועלכן ס'איז זיי געלונגען אַנטרינען צו ווערן, פלעגן זיי זיך אומעטום אַרומדרייען, אַרייַנפאַלנדיק סוף־כל־סוף אין די אויגן פון דער חברותא פון שפּיאָנען, פאָלקס־דייטשן און שאַנטאַזשיסטן. אויסער דעם פלעגן גאָר נישט זעלטן טרעפן מסירות פון שכנים און בפרט שכנות — געמסרט האָבן אָמאָפטסטן אַלטע ווייבער. באַוויגן האָט זיי כמעט אַלעמאָל קנאה־שנאה, ווייל איבעראַל האָט מען געגלויבט, אַז יענע, וואָס באַהאַלטן ביי זיך אויס יידן, ציען דערפון געוואַלדיקע ריווחים. דורך מסירה פלעגט מען אויך נקמה נעמען פאַר אַלערליי אַלטע און נייע חשבו־נות. דאָס איז, אגב, געווען אַ נקמה אַ שוידערלעכע, ווייל די דייטשן פלעגן דערהרגענען אויך די יעניקע, וואָס האָבן די יידן געגעבן אַ באַהעלטעניש.

אַזאַ געשיכטע האָט טאַקע פּאַסירט אויף גליניאַנאַ, נישט ווייט פון דער קאַלייקע־סטאַציע. אירס אַ ווילע האָט דאָרט פאַרמאָגט די אלמנה פון דאָקטאָר דערעזשינסקי. דער דאָקטאָר אַליין איז אומגעקומען מיט אַ מאַר־טירער־טויט אין אַשוויענטשים; אין דער ווילע האָט געוווינט די אלמנה מיט דער איינציקער, צוואַנציק־יאָריקער טאָכטער, אַ באַאַמטין פון וואַר־שעווער מאַגיסטראַט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער וויצע־בירגערמייסטער קריגער באַקו־מען אַ מסירה, אונטערגעשריבן דורך דער שכנטע קוטשבערסקאַ, אַז די אלמנה פון דאָקטאָר דערעזשינסקי באַהאַלט ביי זיך אויס אַ יידישקע. קריגער האָט גלייך טעלעפאָנירט צו דעם זשאַנדאַרמעריע־קאָמענדאַנט שווטקע. די מיסיע איז, נאַטירלעך, אַנפאַרטרויט געוואָרן דעם אומטייל־באַרן פאָרל: קראַנץ־קלאָס. אין דער אמתן האָבן זיי אין דער ווילע גע־טראָפן די פרוי פונעם אינזשיניער וואָלוף פון קראָקע. היות די פרוי וואָ־לוף איז געווען איינגעמאָלדן אין הסכם מיט אַלע פאַרשריפטן און אירע דאָקומענטן האָט מען ממש גאָרנישט געקאָנט פאַרוואַרפן, האָט קראַנץ באַשלאָסן די פרויען אַוועקצופירן אין פּאָליציי־אַמט, כדי מען זאָל דאָרט אַנטשיידן וואָס צו טאָן ווייטער. קלאָס, וועלכער איז שוין געווען איינ־

לעאָן לענעמאַן

גאַנצן שיכור, האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט און נאָך אַ קורצן און העפטיקן וויכוח מיט קראַנצן האָט ער אַליין דערשאָסןביידע פרויען. ניצול געוואָרן איז בלויז דער אלמנהס טאָכטער, ווייל זי האָט זיך דעמאָלט געפונען ביי דער אַרבעט אין וואַרשע.

אָט אַזוי האָט דעם יידן־מערדער פראַנצישעק קלאָס כאַראַקטעריזירט דער קאַטוילישער שרייבער רעמבעק. איך בין נישט אַנטציקט מיט זיין צוגאַנג צום גאַנצן ענין, אָבער זיינע מיינונגען זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער פיל פּאָליאַקן. דעריבער איז כדאַי געווען מיט זיי זיך צו באַ־קענען.

פאַראַן אַרויסזאָגונגען און באַשרייבונגען פון פיל אַנדערע פוילישע שרייבער, איך האָב זיך אָבער באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף סטאַניסלאַוו רעמבעקן אי דערפאַר, וואָס ער איז אַ גלויביקער קריסט און אי צוליב דעם, וואָס ער האָט געקוקט אויף כמעט דיזעלביקע מענטשן פון דער זעלביקער געגנט און סביבה, פון וואַנען אויך איך האָב אַרויסגעקוקט.

ער האָט נאָר געקוקט — מיט אַנדערע אויגן ווי איך.

קאַפּיטל פיר

נישט אַלע זענען זיי שונאים

טאָמער וואָלט מען מיר ווען עס איז געהייסן אָנפרעגן ביי מיין געוויסן און ענטפערן אויף דער פראַגע, ווי אַזוי האָט זיך די פּוילישע געזעלשאַפט באַצויגן צו די גערודפטע יידן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, וואָלט איך געבן אַ תשובה, קאָנדענסירט אין אייניקע געציילטע זאַצן. אָבער אַ תשובה, וואָס כ׳האָב גרינטלעך דורכגעטראַכט במשך די שלאָפלאָזע, פינצטערע נעכט און נאָך פינצטערערע טעג פון היטלעריסטישן טעראָר. דער ענטפער וואָלט אויסגעזען אַזוי:

פופציק פּראָצענט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צום אָקופּאַנטס אַנטי־יידישע פּלענער און געהאָלפן אים אַקטיוו, אָדער געגעבן אַ מאָראַלישע אונטערשטיצונג דורך שאַפן אין לאַנד די געהעריקע פּסיכישע אַטמאָספער. צו די אַקטיווע מיטהעלפער פון די נאַצים האָבן קודם געהערט די פּראָפעסיאָנעלע אַנטיסעמיטן — אַ טרויעריקע און דירעקטע ירושה פון די „סאַנאַציע״־רעגירונגען אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן און זייער „פריינטלעכער נייטראַליטעט״ לגבי דעם שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם; האַנט־ביי־האַנט מיט זיי זענען געגאַנגען יענע אַלע, וועלכע האָבן געירשנט יידיש האָב־און־גוטס און וואָס זייער איינציקע זאָרג איז געווען, אַז דער בעל־הבית פונעם געשעפט, פון דער פאַבריק אָדער וווינונג זאָל אַמאָל נישט בלייבן ביים לעבן און נישט קומען מאָנען זיין אייגנטום.

איך מוז דאָ דערמאָנען וועגן אַ זייער כאַראַקטעריסטישן געשפּרעך, וואָס איז נאָך בעת דער אָקופּאַציע פאַרצייכנט געוואָרן דורך דער פּראָגרעסיווער אונטערערדישער פּוילישער פּרעסע. דער פּוילישער שרייבער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פּסעוודאָנים אַלעקסאַנדער מאַלישעווסקי, האָט, נעמלעך, אין זיין אַרבעט „וואַרשע פאַרן אויפשטאַנד״, דערציילט, אַז זייער אָפט פלעגן אין געשפּרעכן מיט אים שטעלן פּוילישע

טוער די פּראַגע; — און ווען אונדזערע (דאָס הייסט די פּאָליאַקן) וועלן צוריקקומען, צי וועט דאָס געטאָ אויך ווייטער פאַרבלייבן?

מען מעג דעם מחבר גלויבן. אין די ערשטע אָקופּאַציע־יאָרן, ווען די יידישע מאַסן האָבן זיך שוין געשטיקט הינטער די געטאָ־מויערן, אָבער האָבן נאָך געלעבט, האָט מען אין די קאָפּעען און אין די וווינונגען „אויף דער אַרישער זייט" געהאַלטן אין איין פירן וויכוחים אַרום „די אופנים פון לייזן די יידן־פּראַגע". די צוקונפט פון פּוילן גופא איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ פּראָבלעמאַטישע זאַך, הונדערטער פּאָליאַקן זענען געפאַלן פון דייטשע הענט, דאָס לאַנד איז סיסטעמאַטיש רואינירט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט, אויף דער יוגנט האָט געלויערט די סכנה פון אַלקאָהאָליזם און דעגענערירונג, אַלערליי סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מכות האָבן צעפרעסן דעם אָרגאַניזם פון פּוילישן פאָלק און דאָ — האָבן די פּוילישע פּאָליטיקער און טוער — און טיילמאָל אַפילו די באַדייטנדיקסטע און ערנסטע — גאַנצע טעג און נעכט אַריינגעטראַכט נאָר אין „יידישע ענינים", אנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט די אייגענע צרות.

די אונטערערדישע פאַרלאַגן האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אַ שיעור בראָשורן מיט פאַרשיידענע פּראָיעקטן; איין מחבר האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ פּלאַן, ווי אַזוי תיכף־ומיד אַוועקצושיקן אַלע יידן קיין ארץ־ישראל; אַנדערע האָבן פאָרגעלייגט צו באַזעצן די יידן אין בּיראָבידזשאַן, אָדער אין אַנדערע ווייטע געגנטן פון רוסלאַנד. די „פּאָליטיקער" האָבן הומאַניטאַריש פאַרזיכערט, אַז קיינער וועט, באַטירלעך, נישט צווינגען די יידן צום פאָרן. דאָס וועט זיין זייער גוטער ווילן און אין זייערע אייגענע אינטערעסן וועלן זיי דאַרפן פאַרלאָזן דאָס פּוילישע לאַנד, ווו זיי האָבן געוווינט ביי אַכט הונדערט יאָר. אין כמעט אַלע בראָשורן און אַרטיקלען פון דעם מין איז אָבער אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נויטווענדיקייט צו אויסאיבן אויף די יידן אַ געוויסן „דרוק", כדי זיי זאָלן נישט זיין אייגעשפּאַרט און וועלן אויספירן די געניאַלע פּלענער.

די דייטשן האָבן יענע פּאָליטיקער אונטערגעטראָגן נאָך אַן אנגענעמען סיורפּריז, אַנווענדנדיק אייגענע, מער מאָדערנע און ווירקזאַמע מעטאָדן...

מען טאָר אָבער נישט פאַרגעסן וועגן דעם, וואָס ס'האָט דעמאָלט באַדייט דאָס אַרויסלאָזן אַ געהיימע בראָשור. יעדעס וואָרט פון אַזאַ מין אויסגאַבע איז דאָך געווען באַגאָסן מיט בלוט, ווייל ס'איז ממש נישט אַדורך קיין וואָך, אַז די דייטשן זאָלן נישט אַנטדעקן אַ געהיימע דרוקע־ריי און נאָך שרעקלעכע פייניקונגען אויסהרגענען אַלע אירע מיטאַרבע־טער. אויב אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען אַזוי אָפט פאַרנומען די אונטערערדישע דרוק־מאַשינען מיט אויסגאַבן פון שלעכט פאַרשלייערטן אַנטיסעמיטישן שנאה־אינהאַלט — איז דערביי געווען אַ טיפערער מיין און דאָס קאָן דינען אַלס נאָך איין באַווייז דערפון, אַז אַזאַ און נישט אַנדערע באַציאונג צו יידן און זייערע ליידן — איז נישט געווען קיין צופעליקייט...

איז, אַלזאָ, ווי געזאָגט, אַ העלפט פון דער פּוילישער געזעלשאַפט געווען גינסטיק געשטימט צו די דייטשע אויסראָטונגס־פּלענער און מעשים לגבי יידן. אַ 35 פּראָצענט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט זיך געהאַלטן גלייכגילטיק — צוליב פּחדנות, אָדער גאַנץ פּשוט אויס האַרצ־לאָזיקייט. און געדענקען דאַרפן מיר, אַז אַזאַ מין גלייכגילטיקייט איז אין דעם פאַל געווען אי פאַרברעכן, אי פּאָליטישע טפשות, ווייל ס'איז דאָך קלאָר געווען, אַז די קרעמאַטאָריע־אויוונס פון מאַידאַנעק און אָשוויענ־טשים וועלן כסדר פאָדערן „רוישטאָף” און דאָס ליקווידירן אַלע אייראָ־פּעאישע יידן האָט גאָר לאַנג נישט געזאָלט דויערן. אויף זייער אָרט וואָלט בקרוב געקומען די ריי אויף די אַזוי דורך די דייטשן געהאַסטע סלאַווישע פעלקער — מיט די פּאָליאַקן אין דער שפּיץ.

איך מיין דערביי, אַז דאָס אויסקלייבן פּוילן אַלס טעריטאָריע פאַר די פאַרניכטונגס־לאַגערן איז נישט געווען קיין צופאַל. די דייטשן זענען ביי זייער סיסטעמאַטישקייט געווען גענוג כיטרע צו קומען צו דער מסקנה, אַז נאָר אויף אָט דער טעריטאָריע פאַרמאָגן זיי אַ באַפעלקערונג, וואָס וועט נישט אָרגאַניזירן קיין פּרווון פון צעשטערן די לאַגערן, ווו מען ברענט און בראָט די יידן, און וועט אויף קיין מאַסנהאַפטן אופן קיינמאָל נישט געבן קיין מקום־מקלט און הילף די עווענטועלע אַנטלאָפענע פון די לאַגערן.

ווייטער האָלט איך, אַז בלויז 10 פּראָצענט פּאָליאַקן האָבן מיט מיטגעפיל זיך צוגעקוקט צו די יידישע ליידן און האָבן געוויינט איבער יעדן קלאַפּ און איבער יעדער קויל, וואָס האָט געטראָפן אַ ייד. געווען צווישן די 10 פּראָצענט אויך אַזעלכע, וואָס האָבן שווער איבערגעלעבט די געפאַלנקייט פון זייער אייגן פאָלק און געפרוווט אין זייער סביבה ענ־דערן די פיינטלעכע שטימונג לגבי די געפּלאָגטע. פון זייער צד איז געטאָן געוואָרן אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען, כדי וואָס מער יידן צו ראַטעווען און זיי צו שטיצן און העלפן. אויב צווישן די „נייטראַלע" פּאָ־ליאַקן האָבן יחידים אויך געקאָנט געפינען אַ באַהעלטעניש — אָבער אַלע מאָל פאַר געלט און נאָר אַדאַנק געלט — פלעגן יענע פון די 10 פּראָ־צענט טיילן זיך מיטן ייד — מיטן לעצטן ביסן ברויט.

אויסער די 10 פּראָצענט מיטליידנדיקע פּאָליאַקן, וועמ׳ענס ראָל איז געווען אַ מער פּאַסיווע, דאָס הייסט, אַז זיי האָבן זיך פּאַרנומען נאָר מיט די יידן, וואָס זענען צו זיי אַליין געקומען און געבעטן הילף, איז נאָך געווען אַ 5 פּראָצענט אמתדיקע העלדן, וועלכע פאַרדינען אייביקע אָנער־קענונג. דאָס זענען געווען, ווי מ׳קאָן דאָס אָנרופן — אַקטיוויסטן פון הומאַניטאַרישקייט. אין זייער הילפס־ און רעטונגס־טעטיקייט זענען זיי געווען ממש אומדערמידלעך. די אייגענע סביבה האָט פון זיי אָפטמאָל געלאַכט און געחוזקט, געהאַסט זיי און נישט זעלטן אויסגעליפערט אין די נאַצישע הענט צוזאַמען מיט די געראַטעוועטע יידן.

***

וועגן איינער אַזאַ פרוי וואָלט איך טאַקע געוואָלט דערציילן און דערמיט אָפּגעבן איר דעם געהעריקן כבוד. אינטערעסאַנט איז דערביי, אַז אָט־די פרוי האָט געוווינט אין דער זעלביקער געגנט הינטער וואַרשע, וווּ ס׳האָט אין דער אָקופּאַציע־צייט געווילדעוועט דער פּאָליציאַנט פּראַנ־צישעק קלאָס, וועגן וועלכן כ׳האָב געשריבן אין פריערדיקן קאַפּיטל.

אין אָט דער געגנט איז אויפן ראַנד פון גאַנץ געדיכטן וואַלד גע־שטאַנען אַן אַלט הילצערן הויז, דער לעצטער איבערבלייב פון גאָר אַ גרויס פּריציש אייגנטום. דאָס הויז האָט געהערט צו אַ פּריצישער משפחה,

וואָס האָט איר יחוס געצויגן פון אַלטן פוילישן אַדל. די משפּחה־מיטגלי־דער זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד און בלויז זומער־צייט פלעגן זיי זיך דאָ אַהער צונויפפאָרן און אויסרוען. אין די ווינטער־חדשים איז דאָס הויז באַווינט געווען נאָר דורך אַן עלטער מיידל, וואָס האָט צוליב עפּעס אַ טראַגישער איבערלעבעניש נישט חתונה געהאַט און באַ־שלאָסן צו לעבן אין התבודדות.

אין די מלחמה־יאָרן האָט זיך די לאַגע דאָ געענדערט. די משפּחה־מיטגלידער האָבן פאַרלאָזט זייערע באַזונדערע וווינערטער און באַזעצט זיך אויף סטאַביל אינעם אַלטן הויז ביים וואַלד. דאָ האָבן זיי געוואָלט איבערוואַרטן די זאַוויערוכע און זייענדיק שטאַרק פּאַטריאָטיש געשטימט — געשאַפן דאָ אַ וויכטיקן צענטער פון קאָנספּיראַטיווער ווידערשטאַנד־טעטיקייט. אויף דער גרינער פּאָליאַנע אינמיטן פון דערבייאיקן וואַלד פלעגט כמעט יעדע וואָך אַן אַליאַנטישער עראָפּלאַן אַראָפּוואַרפן זעק מיט געווער, געלט און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. אויף דער זעלביקער פּאָליאַ־נע האָבן זיך נישט איינמאָל אַראָפּגעלאָזן פאַראַשוטיסטן, אויף וועלכע עס האָט אַלעמאָל געוואַרט אַ וואַרעמע אויפנאַמע און גוט פאַרמאַסקירטע באַהעלטעניש אינעם נאָענטן הויז פון יענער פּריצישער משפּחה.

ווען די יידן פון יענער געגנט זענען אין יאָר 1940 אויפגעפאָדערט געוואָרן תיכף־ומיד צו פאַרלאָזן זייערע דירות און איבערטראָגן זיך אין וואַרשעווער געטאָ אַריין, האָבן זיי זיך געווענדעט צו זייער פּריצישער פאַמיליע מיט דער ביטע צו דערלויבן זיי אויסצובאַהאַלטן אינעם אַלטן הויז זייער בעסער מעבל און די קאָסטבאַרע שטוב־חפצים. אַזאַ טובה פלעגט דעם ייד אַ פּאָליאַק זייער זעלטן טאָן. קודם דערפאַר, וואָס די דייטשן האָבן דאָס שטרענג פאַרבאָטן און צווייטנס, צוליב דער געפאַר מצד דעם אָרטיקן פּעבל, פאַר וועלכן יעדע „אויסזידלונג" איז געווען די בעסטע און לאַנג געגאַרטע געלעגנהייט אָנצולעבן זיך. דער פּסיכאָז פון רייך ווערן אויפן חשבון פונעם ייד האָט מיט דער צייט אַרומגעכאַפּט אויך פיל פּאָליאַקן פון דער אַזוי גערופענער בעסערער געזעלשאַפט און געהאַנדלט האָבן זיי דאַן נישט אַנדערש, ווי יענע — פון דער אונטער־וועלט. ווי נאָר ס'איז באַוווסט געוואָרן אין אַ געגנט, אַז עס גרייט זיך

אַן אויסזידלונג פון יידן, פלעגן די פוילישע שכנים אַריינפאַלן אין עפּעס אַן אויסטערלישן פיבער־צושטאַנד. אַרום די יידישע הייזער איז גלייך אויסגעוואַקסן אַ מין שמירה, וואָס האָט בייטאָג און ביינאַכט געהיטן, אַז דער ייד זאָל, חלילה, עפּעס פון זיין אייגנטום נישט אַרויסטראָגן. עס וועט דאָך ווייניקער פאַרבלייבן צום פאַרטיילן. אַזוי שטעלן אַרום היענעס אַ נפש, וואָס גוסט איינזאַם אינמיטן פונעם סטעפּ...

צוליב אַט־די אומשטענדן איז דאָס אַריינגעמען און פאַרבאַהאַלטן זאַכן פון אַ פאַרטריבענעם ייד פאַרבונדן געווען מיט גרויס ריזיקע, בפרט נאָך אין אַ קליינעם ישוב, ווו די גייציקע שכנים זענען אַפילו אימשטאַנד געווען צו דערקענען יעדעס מעבל־שטיק, וואָס איז געשטאַנען ביים ייד אין דער וווינונג.

דערהערנדיק די בקשה פון די יידן זענען זיך דעריבער אַלע משפחה־מיטגלידער צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג. דער באַשלוס האָט געמוזט אַנגענומען ווערן דורך אַלע צוזאַמען, כדי קיינער פון זיי זאָל נישט קאָנען קיין טענה האָבן, אַז מען שטעלט אים אויס אויף אַ געפאַר — אָן זיין וויסן און הסכמה. דאָס איז געווען אַן ערלעכער צוגאַנג צום ענין, בפרט נאָך, ווען ביים אָננעמען און פאַרבאַהאַלטן די זאַכן איז נויטווענדיק געווען די מיטאַרבעט פון אַלע הויז־איינוווינער. איז, אַלזאָ, פאָרגעקומען אַ וויכוח: רעפּערירט דעם ענין האָט דער עלטסטער ברודער, צו וועמען די יידן האָבן זיך אייגנטלעך געווענדט, ווייל זיי האָבן אים אַמבעסטן געקענט אַלס אַן ערלעכן און אָביעקטיוון מענטש, וואָס פילט די יידן שטאַרק מיט. דער „רעפּערענט" האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַנטקעגנקומען דער יידישער בקשה. ער האָט אָבער אויסגעדריקט די מורא, צי וועט זיך איינגעבן דורכצופירן דאָס אַהערצוברענגען די זאַכן אַזוי קאָנספּיראַטיוו און געשיקט, קיינער פון די שכנים זאָל נישט דערשנאַפּן, וואָס עס טוט זיך. די דאָזיקע מורא האָט אונטערגעהאַלטן די ייִנגערע שוועסטער, דערקלערנדיק, אַז אין פאַל פון אַ מסירה וועלן די דייטשן זיך קודם נוקם זיין אין די עטלעכע יונגעלייט, וואָס וווינען אינעם הויז און היות אויף זיי שטיצט זיך די גאַנצע פוילישע קאָנספּיראַציע־אַרבעט אין דער געגנט — טאָר מען נישט ריזיקירן. נישטאָ קיין ציים אויף סענטימענטן — האָט נאָך

צוגעגעבן די קוזינע — און אויף העלפן די פרעמדע, ווען דער גורל פון אייגענעם פאָלק איז אין געפאַר...

רעפליקירט האָט ווידער דער עלטערער ברודער, וועלכער האָט אָנגעוויזן, אַז עס האַנדלט זיך דאָך וועגן אַ קורצטערמיניקער הילף, ווייל די מלחמה וועט נישט דויערן לענגער, ווי איבערן יאָר 1941, נו — העכסטנס ביזן יאָר 1942 (דער גרעסטער רוב פּאָליאַקן איז געווען ביי דער זעלביקער מיינונג) און אפשר וועט נאָך פריער קומען עפּעס אַן ענדערונג.

דער וויכוח איז געוואָרן אַליין היציקער און ס'האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּוואַרפן די יידנס ביטע, ווען עס האָט גענומען אַ וואָרט די נישט פאַרהייראַטע שוועסטער, וועלכע האָט סטאַביל געוווינט איגעם הויז און געשפּילט דאָ די ראָל פון דער פאַקטישער בעל־הביתטע. רואיק און קאַטעגאָריש האָט זי דערקלערט, אַז זי איז גרייט אַלעמאָל צו טראָגן הילף יעדן איינעם, וואָס נייטיקט זיך דערין. אויב דאָס גאַנצע הויזגעזינט וועט אַרויסווייזן קליין־נשמהדיקייט און פּחדנות — האָט זי געזאָגט — וועל איך אַריינגעמען די זאַכן אויף מיין אייגענער און אויסשליסלעכער אחריות. היות פון דער ביז איצטיקער „דעבאַטע" האָט מען געקאָנט פאַרשטיין, אַז די הויז־איינוווינער וואָלטן נישט געהאַט קעגן אַריינגעמען די ביכער־זאַמלונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ (פון צווישן די שכנים), ווייל ערשטנס איז ביכער לייכט צו פאַרשטעקן צווישן אייגענע ביכער און צווייטנס דאַרף מען דאָך קודם־כל ראַטעווען קולטור־ווערטן — האָט „פּאַננאַ אַננאַ" (אַזוי האָט געהייסן די נישט פאַרהייראַטע שוועסטער) דערקלערט, דאָס ביכער זענען טאַקע זייער וויכטיק, אָבער נישט וויכטיקער איז דאָס אויסבאַהאַלטן די ניי־מאַשין פונעם שניידער און זיין ביסל בגדים און וועש. פּוילן וועט בקרוב אויסגעלייזט ווערן און די יידן וועלן זיך אומקערן אין זייערע היימען, ווי אַזוי וועלן זיי דעמאָלט קאָנען לעבן אָן דעם אַרבעט־וואַרשטאַט, אָן מעבל, געשיר און אַ מלבוש?...

לויט מיין מיינונג איז דער אַנטיסעמיטיזם צווישן די רייכערע און מיטעלע פּריצישע קרייזן געווען פיל ווייניקער פּאָפּולער, ווי ביים בירגערטום. די פּוילישע פּריצים האָבן במשך פון גאַנצע יאָרהונדערטער גענאָסן פון יידישער האַנדלס־פאַרמיטלונג און האָבן די פאַרמיטלונג גאַנץ

הויך געשעצט. פאַר יידישער קאָנקורענץ האָבן, פאַרשטייט זיך, די גוט־באַזיצער נישט געהאט וואָס מורא צו האָבן און דעריבער האָט דער אַנטי־סעמיטיזם אין דער דאָזיקער סביבה נישט באַזיצט קיין עקאָנאָמישע באַזע. ווען דער מבול פון אַנטי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע האָט נאָך פאַרן קריג פאַרגאָסן דאָס גאַנצע לאַנד, האָט ער, נאַטירלעך, נישט אויסגעמיטן אויך די פּריצישע יוגנט, בפרט נאָך, אַז זי האָט געבילדעט אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער סטודענטנשאַפט אויף די הויכשולן — די פאַקטישע נעסטן פון יידן־האַס. דאָ האָט אָבער דער אַנטיסעמיטיזם זיך אויסגעדריקט מער אין דער פאָרם פון אַ שטרעבונג אָפּצוזונדערן זיך פון די יידן, ווי אין אַקטיווער שנאה אָדער פאַראַכטונג.

אין דער אָקופּאַציע־צייט האָבן מיר, אַלזאָ, אָבסערווירט אַ מאָדנע דערשיינונג: די פּריצישע שיכט האָט ביי איר גאַנצן קאָנסערוואַטיזם, וואָס האָט געגרענעצט מיט קלעריקאַליזם און אָפּגעשטאַנענקייט אין ערגסטן זין פון די דאָזיקע ווערטער, האָט דאָך פאַרהאַלטן זיך נייטראַל בעתן מורא־דיקן ספּעקטאַקל; זעלטן צוגעלייגט אַ האַנט צו די רדיפות. אַמאָל אַפילו געהאָלפן אַ ייד מיט אַביסל געלט, אָדער מיט אַ באַהעלטעניש. די ערד־באַזיצער האָבן נישט געציטערט פאַרן אומקערן זיך פון די יידן צום נאָר־מאַלן לעבן, ווייל זיי האָבן זיך נישט באַטייליקט אינעם רויב פון יידישע זאַכן; דאַקעגן האָבן זיי שטאַרק דערפילט דעם פאַקט, וואָס צוליבן פאַר־טרייבן די יידן האָט זיך געענצלעך איינגעבראָכן דער נאָרמאַלער האַנדל צווישן שטאָט און דאָרף.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו אונדזער סיפור־המעשה:

„פאַננאַ אַננאַ" האָט אירס אויסגעפירט און שוין אין דער נאָענטסטער נאַכט האָבן דורך די געסלעך פונעם הינטערשטאָטישן ישוב שטילערהייט זיך דורכגעשלייכט האַנט־וועגעלעך מיט יידיש האָב — אין דער ריכטונג צום איינזאַמען, הילצערנעם הויז אויפן ראַנד פון וואַלד. במשך פון עט־לעכע האַרבסטיקע, פינצטערע נעכט איז קיינער אין יענעם הויז נישט געשלאָפן. אַלע זיינען געווען באַשעפטיקט מיטן אַוועקשטעלן דאָס מעבל, פאַרשטעקן די מלבושים און שטוב־זאַכן. אויף די שער־בלעטער פון די ביכער האָט מען פאַרמעקט יעדן צייכן פון זייער אָפּשטאַם און אויף די

קאָסטבאַרסטע פון זיי האָט מען געשריבן „דעדיקאַציעס" מיט אַ פּאָר־מלחמהדיקער דאַטע, כדי ס'זאָל הייסן, אַז זיי זיינען אין אָט די ביכער־שענק אַריינגעקומען אַלס מתנות. דער פּאַננאַ אַננאַס פריינטלעכקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט געווירקט אויף נאָך עטלעכע פּוילישע שכנים און באַוויגן זיי אויך אַריינצונעמען צו ביסלעך יידיש מעבל, געשיר, ביכער.

„מיר וועלן אייך אָפּדאַנקען..." — האָבן די יידן לאַנג געדריקט די צאַרטע האַנט פון „פּאַננאַ אַננאַ" און מיט די דאָזיקע ווערטער זייערע נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דעם גלויבן, אַז זיי גייען אַוועק אין געטאָ — אויף גאָר נישט לאַנג. און אַז זיי וועלן זיך בקרוב אומקערן.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך איינער פון די יידן אַרויסגנבענען פונעם געטאָ און ביינאַכט יאָווען זיך אינעם שטילן הויז ביים ראַנד פון וואַלד. דער ייד פלעגט אָפּנעמען עפּעס אַ קאָסטבאַרע זאַך און פאַרקויפן זי, כדי צו האָבן פאַרוואָס זיך ווייטער אויסצוהאַלטן אין געטאָ.

„פּאַננאַ אַננאַ" האָט זיי אַלעמאָל אויפגענומען וואַרעם און גאַסט־פריינטלעך. אויב די צייט איז אין דער געגנט געווען אַ רואיקע, פלעגן זיי נעכטיקן אויפן וואַרעמען בוידעם פונעם הויז. האָט אָבער די געגנט גראַד געלעבט אין פּחד צוליב אַ ניי פאַרברעכן פון אָקופּאַנט, פלעגט מען אַזאַ אָנגעקומענעם פון געטאָ שנעל באַהאַלטן אין איינעם פון די ווירט־שאַפטלעכע בנינים אין גאָרטן, אָדער אין נאָענטן וואַלד, ווו די געפאַר פון אַ רעוויזיע איז געווען פיל קלענער.

די אָנגעקומענע פלעגן ברענגען די נייסטע ידיעות וועגן שרעקלעכן לעבן אין געטאָ. דעם שטאַרקסטן רושם האָבן אַלעמאָל געמאַכט די אינ־פאָרמאַציעס וועגן מוראדיקן הונגער, ווייל גראַד אין יענער צייט האָבן זיך צווישן די פּאָליאַקן געגומען פאַרשפּרייטן פאַרשיידענע מעשיות וועגן אַ פאַנטאַסטישן ווילטאָג, וואָס זאָל האָבן געהערשט הינטער די געטאָ־מויערן.

אַזעלכע מעשיות פלעגן דערציילט ווערן הויפּטזעכלעך דורך יענע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין געטאָ אַדאַנק די ספּעציעלע „פּושעפּוסטקעס" (דערלויבענישן). די דאָזיקע פּאָ־

ליאַקן האָבן געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס אויף יידישער קריוודע און וועלנ־דיק, אפשר, באַרואיקן זייער געוויסן, פלעגן זיי אין שוואַרצסטן ליכט פאַרשטעלן די אויפפירונג פון די געטאָ־יידן. מעגלעך, אַז אַ טייל פון זיי איז טאַקע פאַרפירט געוואָרן דורכן איבנאַויפּיקן לוקסוס, מיט וועלכן עס האָבן זיך אַרומגערינגלט די פאַרדאַרבנסטע יחידים, וואָס זענען אין געטאָ רייך געוואָרן דורך ספּעקולאַציע און פאַרשיידענע מאַכינאַציעס. אַמאָפטסטן אָבער האָבן די אַלע דערציילונגען וועגן לוקסוסאַרטיקע רעס־טאָראַנען און נאַכט־לאָקאַלן, וועגן קאָרטן־הייזער און סתם „פריילעכע הייזלעך" — געדינט אַלס נאָך איין פּראָפּאַגאַנדע־מיטל קעגן די יידן; דאָס דערציילן וועגן די גוטע מאכלים אין די געטאָ־רעסטאָראַנען, וועגן די טאַנץ־פאַרוויילונגען ביי די קלאַנגען פון דזשאַז־אָרקעסטערס, האָט גע־האַט אַלס ציל — נאָך מער צו פאַרשטיינערן דאָס פּוילישע האַרץ און נישט דערלאָזן צו אים די מינדסטע פונקען פון רחמנות־געפיל לגבי די יידן, וועלכע האָבן אין דער אמתן אין געטאָ געלעבט אין מוראדיקסטן דחקות און זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער אין די הונדערטער טויזנטער.

***

מיטן אָנקומען פון פרילינג האָבן זיך אין די ישובים און דערפער הינטער וואַרשע גענומען באַווייזן די ערשטע געשטאַלטן פון יידישע קינ־דער. דאָס האָבן זיי אַרויסגעשיקט פון געטאָ אַרויס די הונגערנדיקע על־טערן, וועלכע האָבן נאָך דעמאָלט זיך איינגערעדט, אַז די דייטשן וועלן קיין קינדער נישט טשעפּען. אין אָנהייב פלעגן טאַקע די אויסגעבלייכטע און אויסגעדאַרטע קינדערלעך מיט די זעקלעך אויף די פּלייצעס דאָ און דאָרט אויפוועקן רחמנות. נישט איין פּויערטע האָט שטילערהייט אויס־געווישט אַ טרער און אַריינגעשטופּט דעם יינגל אין זעקל אַריין אַ ביסל קאַרטאָפל, אָדער גרויפּן.

באַלד אָבער האָבן זיך צו די קינדער אַ נעם געטאָן — אַנדערע קינ־דער. קיינמאָל האָט מען נאָך נישט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט, ווי אין דער אָקופּאַציע־צייט, זיך איבערצוציגן, אַז זייער פיל קינדער האָבן אַן איינ־געבוירענע נטיה צו רשעות און אכזריות. אויף די קינדער ווירקט, איבע־

ריקנס, אומגעהייער שטאַרק דער ביישפּיל פון עלטערע — בפרט אויפן געביט פון באַציאונג פון מענטש צו מענטש. מיט וואָס פאַר אַ הנאה פלעגן די פּוילישע דאָרפס־יינגלעך זיך לאָזן אין געיעג נאָך אַ יידיש קינד, וואָס זיי האָבן ווו ערגעץ דערשנאַפּט. ווי גרויס איז געווען זייער שמחה, ווען זיי האָבן געקאָנט אויף אַזאַ הילפלאָז קינד אָנרייצן די הינט, רייסן פון אים שטיקער און צום סוף אַרויסטרייבן מיט גאַרגישט פון דאָרף.

און אָט איז זיך אין אַ געוויסן ליכטיקן פרימאָרגן אַרויסגעגאַנגען מיט דריבנע טריטעלעך פון די געדיכטע קזשאַקעס אַרויס אַ קליין יינגעלע מיט אַ בלאָנד קעפּל און גרויסע העל־בלויע אויגן. אַרויסגעגאַנגען פון די קזשאַקעס און געבליבן שטיין עטלעכע טריט פאַר „פּאַננאַ אַננאַ", וועלכע האָט גראָד געאַרבעט אין איר גאָרטן.

— גיט מיר אַ נדבה... — האָט דאָס יינגל שטיל אַרויסגעשעפּטשעט.

„פּאַננאַ אַננאַ" האָט איבערגעריסן די אַרבעט און אויפמערקזאַם אָנגעקוקט דאָס יינגל. ווען ער האָט איבערגעחזרט די ביטע, האָט זי, לויט אַ ניואַנס אין זיין אַקצענט דערקענט, ווער ער איז.

— דו ביסט אַ ייד?...

דער קליינער האָט אַ ציטער געגעבן און שרייענדיק הויך, אַז ער איז אַ פּאָליאַק, גענומען זיך צוריקציען צו די קזשאַקעס, פון וואַנען ער איז געקומען. „פּאַננאַ אַננאַ" האָט אים אָבער גלייך באַרואיקט מיט דעם פריינטלעכסטן פון אירע שמייכלען. זי האָט אים דערקלערט, אַז איר אַליין איז אַלצאיינס, וואָס ער איז און ווער ער איז, נאָר אויב ער איז טאַקע אַ ייד, טאָ מוז ער צוואַרטן, ביז אַלע פרעמדע מענטשן וועלן פאַרלאָזן זייער הויז. ערשט דעמאָלט וועט זי אים אַוועקפירן אין קיך אַריין און גוט אָנקאָרמענען.

— איך הייס מיכאַש... — האָט דער קליינער זיך פאַרטרויט, דער־פילנדיק גלייך אַ סימפּאַטיע צו דער אומבאַקאַנטער פרוי, דערציילנדיק איר ווייטער, אַז דעם טאַטן זיינעם האָט מען דערשאָסן אויף דער גאַס און אַז אין געטאָ האָט ער איבערגעלאָזט די מאַמע און אַ קליין שוועס־טערל. ער האָט נישט געקאָנט לענגער צוזען, ווי זיי הונגערן און זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ, כדי עפּעס וואָס פאַר זיי צו שאַפן. אין דאָרף

האָט ער אָנגעטראָפּן אויף באַרמהאַרציקע פויערים און געהאַלטן שוין ביים צוריקגיין מיט אַ פול זעקל, אָבער אַ כאַפּטע ייִנגען איז אים באַפאַלן, אַלץ צוגענומען און פאַרטריבן. זוכט ער איצט אַ וועג צו אַן אַנדער דאָרף...

אינמיטן דער שטילער דערציילונג האָבן זיך ביים קליינעם פלוצלינג איינגעבויגן די קני און ער איז געפאַלן אויף דער ערד אַ פאַרחלשטער. פון הונגער, פון די לעצטע איבערלעבענישן און אויך — צוליב דער נערוון־אַנטשפּאַנונג, וואָס איז געקומען נאָכן באַגעגענען די „פּאַננאַ אַננאַ".

די פרוי האָט דאָס ייִנגל גלייך געכאַפּט אויף די הענט, אַוועקגעטראָגן עס אין דער נאָענטסטער שאָפּע און דערמונטערט. זי האָט אים געבראַכט הייסע מילך און אַ טעלער גוט באַשמאַלצענע קאַשע. דאָס ייִנגל איז שנעל געקומען צו זיך און ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי אים גענומען פירן אין הויז אַריין. אויפן וועג האָט זי באַמערקט, אַז ער הינקט אונטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נאָכן אָפּמאַרשירן לאַנגע קילאָמעטערס און נאָכן אַנטלויפן פאַר די דאָרפס־ייִנגען, האָט דער קליינער די גאַנצע פיס — אין טיפע ווונדן. „פּאַננאַ אַננאַ" האָט אַריינגעפירט דאָס ייִנגל אין פיין־איינגעאָרדנטן באַד־צימער, אָפּגעוואַשן אים און אַרומבאַנדאַזשירט די צעקאַליעטשעטע פיסלעך. ווען זי האָט אים דערנאָך אַרייַנגעטראָגן אין שלאָפצימער און אַריינגעלייגט אין אַ ציכטיק און ווייך געלעגער, האָט ער לאַנג, לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפן. נאָר — געוויינט אַזוי, אַז די טרערן האָבן דורכגעווייקט דאָס גאַנצע קישן.

ווער עס האָט אַליין קיינמאָל זיך נישט געפילט ווי אַ חיה, וואָס ווערט געיאָגט דורך הינט און — מענטשן;

ווער עס האָט קיינמאָל נישט געניכטיקט אין די ראָוועס און קוזשאַקעס, נישט געהאַט די פיס און דאָס גאַנצע לייב באַדעקט מיט ווונדן און מיט שמוץ;

ווער עס האָט מיט די אייגענע אויגן נישט געזען אַזעלכע מיכאַשס —
דער וועט נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס איך דערצייל די אַלע פּרטים, ווייל ער ווייסט נישט, וואָס עס באַדייט פאַר אַזאַ איינעם — אָפּוואַשן

מ׳יט ווארעם וואסער און מיט שמעקעדיקן זייף, וואס עס הייסט א ציכטיק געלעגער אין א שטילער שטוב.

דער וועט נישט פארשטיין, פארוואס האט דער אזוי מידער און אויסגעמאטערטער מיכאש לאנג נישט געקאנט איינשלאפן, נאר ער האט געוויינט און געוויינט...

דאס גליק האט געדויערט בלויז געציילטע טעג. ווי נאר די ווונדן אויף די פיס האבן זיך ביי אים אויסגעהיילט, האט מיכאש דערקלערט, אז ער מוז אהיימגיין. די מאמע און די קליינע חוהלע זענען געבליבן אליין, האבן נישט וואס צו עסן. ער איז דער איינציקער „מאנספארשוין״ אין שטוב (האט שוין געענדיקט 11 יאר) און מוז פארדינען...

אלע הויז־איינוווינער האבן צוגערעדט דעם קליינעם ער זאל פאר־בלייבן מיט זיי. ער האט געהאט א „גוטן אויסזען״ און וואלט געקאנט זיך דארט אויסבאהאלטן — ווער ווייסט, צי נישט ביזן סוף פון קריג. מיכאש האט זיך אבער נישט געלאזט איבערצייגן. און אין א געוויסן טאג האט ער פארלאזט דאס הויז, טראגנדיק אויף דער פלייצע א זעקל מיט פעטס, צוקער און מעל — זאכן, וואס זענען אין געטא געווען אויף דער וואג פון גאלד. דאס האט „פאננא אננא״ אים מיטגעגעבן פאר דער מאמע און פאר חוהלען.

אין צוויי וואכן ארום איז מיכאש ווידער געקומען. ער האט גע־בראכט פאר „פאננא אננא״ עטלעכע שפולקעס גארן, וועלכע די מאמע האט נאך געהאט פארבאהאלטן (פון איר געשעפט, אין די „אמאליקע יארן״) און וואס זענען „אויף דער אַרישער זייט״ געווען א יקר־המציאות. מיטן ווירדיקן טאן פון א דערוואקסענעם און באוואוסטזיניקן מענטש האט מ׳יכאש דערקלערט, אז ער וויל גארנישט אומזיסט. ער איז אימשטאנד צו פארדינען אויף אויסצוהאלטן די מאמע און שוועסטערל; אלץ, וואס ער באקומט איצט, פארשרייבט ער גענוי אין א ביכעלע און וועט אמאל אפגעבן — ביז א גראשן...

די הויז־איינוווינער האבן געוואלדיק ליב באקומען דאס ייִנגל און אים געהאלפן מיט וואס ס׳איז נאר מעגלעך געווען. ער האט גענומען רעגולער פארן — צווישן דארף און געטא. אהינגעפירט האט ער עסנ־

וואָרג און געבראָכט — נאָדלען און גאָרן, וועלכע ער האָט פאַרקויפט צווישן די פויערים. ער איז אָבער ליידער געוואָרן אַלץ ווייניקער פאַר־זיכטיק און דערפירט צום אומגליק, פאַר וועלכן מיר האָבן שוין פון לאַנג מורא געהאַט און אים כסדר געוואָרנט.

ווען מיכאש איז אַמאָל געקומען אויף דער באַן־סטאַציע, כדי צו קויפן אַ בילעט קיין וואַרשע, האָט זיך אין דער ריי נאָך אים צופעליק געשטעלט דער פּאָליציאַנט פראַנטשישעק קלאָס.

וואָלט דער קליינער באַוויזן צו פאַרהאַלטן זיך רואיק און נישט ציען אויף זיך יענעמס אויפמערקזאַמקייט, וואָלט קלאָס גלייך ווי אַלע אַנדערע פאַרפירט געוואָרן דורך זיינע בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. אָבער דער־זעענדיק פלוצלינג נעבן זיך דעם פּאָליציייאישן גראַנאַט־מונדיר, האָט דער קליינער נישט ווילנדיק אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון פחד. פאַר קלאָסן איז דאָס גענוג געווען, כדי אַנצוכאַפּן מיכאשן פאַרן קאָלנער און אַריינ־צוקוקן טיף אין די אויגן אַריין.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מיכאש זיך שוין געפונען ביים לייַ־טער פון דער סטאַציע, פון וואַנען קלאָס האָט טעלעפאָנירט צום נאָענטסטן פּאָסטן פון דער שוצפּאָליציי. אזש דריי העלדישע „פעלדגראַו"־לייט זענען גלייך אָנגעקומען, כדי צו באַפרייען דאָס דריטע רייך פון זיינעם אַ גע־פערלעכן שונא. קלאָס האָט זיך פאַר זיי אויסגעצויגן, ווי אַ סטרונע, און פייערלעך אָפּראַפּאָרטירט וועגן זיין נייעם וויכטיקן טאַט „פיר פאַטער־לאַנד און פירער". אַ סך אַנוועזנדיקע אויף דער סטאַציע האָבן נידערגע־שלאָגענע און פאַרציטערטע זיך צוגעקוקט צום בילד, ווי אַזוי די דריי ריזיקע זשאַנדאַרן האָבן געשלעפּט דעם קליינעם מיכאש, וועלכער האָט הויך געוויינט, איינטונקענדיק אין די קינדערשע טרערן זיין בלויז איינ־איינציק וואָרט: „מאַמע... מאַמע..."

אויך איך האָב געזען, ווי מען האָט דעם קליינעם מיכאש אַוועקגע־שלעפּט אין די קזשאַקעס, וואָס האָבן זיך געדיכט אויסגעשטעלט לענג־אויס דעם באַן־פּעראָן, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרשטעלן די זשאַנ־דאַרן דעם וועג.

איך האָב נישט באַמערקט פון וועמענס פיסטאָלעט עס איז געפאַלן

דער מערדערישער שאָס: פון קלאָסס אָדער פונעם „פעלדגראַו״־געווער. באַלד אָבער נאָך דער עקזעקוציע, ווען די זשאַנדאַרן זענען אַריין אין אַ דערבייאיקן הויז און באַפוילן די אַנוועזנדיקע דאָרט מאַנסלייט, זיי זאָלן תיכף־ומיד מקבר זיין דאָס קליינע גופל, האָב איך דערהערט, ווי אַ זשאַנ־דאַר האָט אַ זאָג געטאָן צו קלאָסן: — יאָ, יאָ... דו האָסט דאָס גוט גע־מאַכט... יאָ...

די מאַנסלייט האָבן געענוי אויסגעפירט דעם באַפעל: שנעל באַגראָבן מיכאשן און דעם פרישן קבר נישט באַצייכנט מיט קיין שום סימן. אַזוי האָט בפירוש געלויטעט דער באַפעל. און אַזוי — ווי גרויס און ברייט איז דאָס פוילישע לאַנד, אַזוי פאַרזייט איז עס מיט אָן אַ צאָל נאָמענלאָזע קברים, וואָס יעדער פון זיי באַדייט — אַ פריצייטיק פאַרשניטן יידיש לעבן.

ווען די ידיעה וועגן אומברענגען דאָס אומשולדיקע קינד איז דער־גאַנגען צו דער „פאַננאַ אַננאַ״, איז איר פאַרצווייפלונג געווען אין לשער. זי האָט זיך גאָר נישט געקאָנט שענקען, הלמאַי זי האָט בעסער נישט אָפּגעהיטן דעם קליינעם און אים געלאָזט גיין אַליין. פון דעמאָלט אָן האָט „פאַננאַ אַננאַ״ זיך פולשטענדיק געווידמעט דער אַקציע צו טראָגן הילף די יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער געגנט. זי האָט זיי באַזאָרגט מיט עסן און געלט, געוואָרנט פאַר יעדער נייער געפאַר און אָפּטמאָל געבראַכט דאָס, וואָס איז אין יענער צייט די יידן „אויף דער אַרישער זייט״ געווען נייטיקער ווי געלט און עסן: אַ וואָרט פון טרייסט און דערמוטיקונג.

„פאַננאַ אַננאַ״ איז געווען אַ פּאָלקע, וואָס האָט געשטרעקט דאָס לעבן דערפאַר, אַז דאָס פוילישע פאָלק זאָל פונעם גרויסן נסיון, פאַר וועלכן עס איז געשטעלט געוואָרן בעת דער פאַרשאָלטענער אָקופּאַציע, אַרויס — מיט כבוד.

קאַפּיטל פינף

די שאָסן אין באַגינען

לאָמיר זיך איצט באַקענען מיט דער כאַראַקטעריסטישער געשיכטע פון אַ פרוי, וואָס האָט ערשטקלאַסיק באַוויזן צו מאַסקירן איר אָפּשטאַם און וואָס די אָביעקטיווע אומשטענדן האָבן ווי באַשטימט זי זאָל בלייבן לעבן. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַנדערש...

פאַרן ערשטן וועלט־קריג האָט אַן אָדעסער יידיש מיידל חתונה גע־האַט מיט אַ פּאָליאַק — ווישניעווסקי. נאָכן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז דאָס פּאָר־פּאָלק ווישניעווסקי געקומען קיין פּוילן, ווו ער האָט אַלס גוטער אינזשיניער־ספּעציאַליסט אָנגעזאַמלט אַ היפּש פאַרמעגן. עטלעכע יאָר פאַרן צווייטן קריג איז ער געשטאָרבן און די אלמנה האָט דאַן געקויפט אין איינעם פון די הינטערשטאָטישע ישובים אַ הויז, אין וועלכן זי האָט איינגעאָרדנט אַ לוקסוסאָרטיקן פּענסיאָנאַט. די אונטער־נעמונג האָט זיך שנעל קונה־שם געווען צווישן רייכע וואַרשעווער משפחות, וועלכע פלעגן כסדר פאַרפולן אירע פיינע חדרים און עס־זאַלן.

מיט דער יידישער סביבה האָט פרוי ווישניעווסקי נישט געהאַט קיין שום שייכות און וועגן די אַלע אומגליקן, וואָס האָבן געטראָפן דער יידי־שער באַפעלקערונג, האָט זי בלויז געהערט. בעת די קריגס־אָפּעראַציעס אין יאָר 1939 האָט איר דאָס מזל צוגעשפּילט און דער פּענסיאָנאַט־בנין איז געבליבן נישט באַרירט. דאָס מזל האָט די פרוי ווישניעווסקי נישט פאַרלאָזט אויך ווייטער און שוין די ערשטע מאָנאַטן נאָך פּוילנס סעפּטעמ־בער־מפּלה האָבן איר געבראַכט אַזאַ פּראָספּעריטי־צייט, ווי נאָך קיינ־מאָל נישט.

כדי אויפצוקלערן, פון וואַנען אַזאַ פּראָספּעריטי האָט זיך גענומען, מוז איך מיט עטלעכע כאַטש שטריכן אָנצייכענען די דעמאָלטיקע עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן:

אויסער די יידן האָבן פון דער אָקופּאַציע זייער שטאַרק געליטן אויך

יענע פּאָליאַקן, וואָס זייערע נאָענטע זיינען אַריינגעפאַלן אין דייטשן פלען אָדער זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אויפן פראָנט, ווי אויך די אַלע, וועמענס הייזער און געשעפטן זענען חרוב געוואָרן, אָדער וועלכע די דייטשן האָבן פאַרטריבן פון זייערע וווינערטער אין מערב־פוילן (וואָס איז איינגעגלידערט געוואָרן אין „דריטן רייך״); ביטער איז אויך געווען דער גורל פון פּאָליאַקן, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן אַרומגעזוכט און געדרודפט פאַר אַנטי־דייטשער טעטיקייט.

אַ גרויסער טייל פון דער פוילישער באַפעלקערונג האָט זיך אָבער געלעבט אין גאַנץ גוטע מאַטעריעלע באַדינגונגען. די ערד־באַזיצער האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן אַדאַנק דער כסדרדיקער שטייגערונג פון די פּרייזן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. די דייטשן האָבן, וואָס אַן אמת, שטאַרק באַגרענעצט דעם האַנדל מיט שפּייז־פּראָדוקטן, אָבער דע־רויף איז געווען אַ כישוף־מיטל: כאַבאַר. פּאַראַלעל צום ערד־אייגנטימער האָט אויך דער פּויער נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. אַמבעסטן איז עס אָבער געגאַנגען דעם קליינבירגערטום, וואָס איז רייך געוואָרן אויף טויזנטערליי אופנים.

אַנדערש אָבער האָט זיך פאַרגעשטעלט די לאַגע פון די אַזוי געררו־פענע פענסיע־מענטשן. דער געהאַלט פון שטאַטישע און אַלערליי אַנדערע באַאַמטע איז געווען ממש אַ פּיקטיוווער, ווייל געסטייגעט האָט ער בלויז אויף עטלעכע קילאָגראַם ברויט אַ חודש און מער אויף גאָרנישט. אויך די אַרבעטער האָבן געלעבט אין גרעסטן דחקות, באַקומענדיק אַ נישטיק שכירות.

ווער עס האָט „געהאַט דעם קאָפּ אויפן קאַרק״ איז דעריבער נישט געגאַנגען אַרבעטן אין ביוראָ אָדער אין דער פאַבריק אַריין, נאָר האָט זיך גענומען צו אַ פּראָפעסיע, וואָס האָט פאַרזיכערט מיט פרנסה בריווח: ספּעקולאַציע.

די גרעסטע פאַרדינסטן האָט געגעבן ספּעקולאַציע מיט וואַליוטע און באַזונדערס מיט דאָלאַרן. געווען מענטשן, וואָס האָבן במשך פון אַ קור־צער צייט געמאַכט ממש פאַנטאַסטישע פאַרמעגנס ביים האַנדל מיט דאָ־לאַרן. דער קורס פונעם דאָלאַר האָט זיך געוואַקלט, אָפּהענגיק פון די

געשעענישן סיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע און סיי אין לאַנד גופא. עס פלעגט אויך טרעפן, ווען די וואַליוטע־קורסן זענען פלוצלונג געפאַלן, צוליב די זעק מיט געלט, וואָס עס האָבן אַראָפּגעוואָרפן אויף דער פוילישער טעריטאָריע — די אַליאירטע עראָפּלאַנען. דאָס געלט איז באַשטימט געווען פאַר די אונטערערדישע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען פאַראינטערעסירט געווען וואָס שנעלער אָזעלכע „פון הימל אַראָפּגעפאַלענע דאָלאַרן" איינצוטוישן אויף פוילישע זלאָטעס; אַלעמאָל איז לייכטער געווען אַרויסצודרייען זיך פון געשטאַפּאָ־הענט אָזעלכן. ביי וועמען מען האָט געפונען געלט־סומעס אין זלאָטעס, ווי אין אויסלענדישער וואַליוטע. געווען דעריבער טעג, ווען די אונטערערדישע טוער האָבן מיטאַמאָל געוואָרפן אויפן „שוואַרצן" וואַליוטע־מאַרק הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן. פאַרשטענדלעך, אַז די אַלע, וואָס זענען „געשטאַנען נאָענט ביי דער שיסל", האָבן ביים דאָזיקן געלט־טויש געמאַכט קאָלאָסאַלע „געשעפטן" און קיינער ווערט דאָס שוין קיינמאָל נישט פעסטשטעלן, וויפל טויזנטער דאָלאַרן עס זענען דעמאָלט פשוט צוגעגנבעט געוואָרן דורך די אונטערערדישע קאַסירערס, סעקרעטאַרן און קאָמענדאַנטן.

אויסער דעם פלעגט מען מאַכן ריזיקע געשעפטן מיט די דייטשן גופא. דייטשע אָפיצירן און רעגירונגס־באַאַמטע פלעגן האַנדלען מיט אַלץ אין דער וועלט. זיי האָבן געבראַכט קיין פוילן פּערפומס און וויין, וואָס זיי האָבן צוגערויבט אין פראַנקרייך, פּרוכטן — פון גריכנלאַנד און בולגאַריע, מאַנופאַקטור — פון בעלגיע, פוטערוואַרג — פון רוסלאַנד. די אָפיצירן און זעלנער האָבן, דורכפאָרנדיק פוילן, אַבסאָלוט זיך נישט אַריבערטירט אין די אַרטיקע פרייזן און פאַרקויפט ווערטפולע חפצים פאַר בחצי־חינם, כדי וואָס גיכער צו פאַרשאַפן זיך זלאָטעס פאַר די הוליאַנקעס זייערע.

אַזוי אַרום איז אויפגעקומען אַ נייע גבירים־קאַסטע, וואָס האָט צוזאַמען מיט יענע פאַליאַקן, וועלכע זענען רייך געוואָרן אויפן יידישן חשבון, געבילדעט אַ היפשן טייל פון פוילישן פאָלק.

אָט־די נייע גבירים זענען דאָס געוואָרן סטאַבילע איינגייער אינעם פענסיאָנאַט פון פרוי ווישניעווסקי; דאָ פלעגן אָפט פאַרברענגען אויך

היכע דייטשע אָפיצירן, וועלכע האָבן געזוכט צו באַרואיקן זייערע נערוון פאַרן אָפפאָרן אויפן מזרח־פראָנט. אינטערעסאַנט, אַז לויט עפּעס אַ נישט געשריבענעם אָפּמאַך האָט מען דעם שטח פונעם שטילן פּענסיאָנאַט גע־האַלטן פאַר „נייטראַל". הגם אין טייל צימערן האָבן געוווינט פּאָליאַקן (און טיילמאָל אַפילו — טוער פון דער אונטערערד!) און אין אַנדערע חדרים — וויכטיקע נאַציש̇ע גדולים, איז קיינמאָל דאָ נישט געקומען צו קיין שום צוזאַמענשטויסן, אָדער אַפילו צו שאַרפע ווערטערלעכע געפעכטן. ביידע צדדים פלעגן זיך קעגנזייטיק באַהאַנדלען מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט און עלעגאַנץ. בלויז אַ געניטער באַאָבאַכטער וואָלט געקאָנט אויפכאַפּן דעם קרומען און חלף־שאַרפן בליק, וואָס דער דייטשער אָפי־ציר האָט צוגעוואָרפן זיין שכן, דעם פּאָליאַק, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: — דיין גליק, וואָס כ'באַגעגן דיך דאָ... אין אַן אָרט, וווּ כ'וויל נאָר גוט אָפּעסן און זיך אַביסל אויסרוען... אָבער עס שאַדט נישט... כ'וועל דיך שוין פּאַקן ערגעץ ווו אַנדערש און זיך דעמאָלט אָפּרעכענען פאַר היינט אויך...

ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז קיינער האָט נישט געפאָדערט, אַז די בעל־הביתטע זאָל די חשבונות אויסשטעלן לויטן אָפיציעלן פּרייז־טאַ־ריף, וואָס האָט פאַרפליכטעט אַלע פּענסיאָנאַטן. איין פלאַש וויין האָט דאָ געקאָסט מער, ווי אַ גאַנצער טאָג — לויטן טאַריף. אויך די דייטשן האָבן געצאָלט אַן אַ פּראָטעסט די געזאַלצענע פרייזן, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געפּרווט פאַרגלייכן מיט די פּרייזן פאַר די ערזאַץ־מאכלים אין זייערע אייגענע קאַסינאָס און קאַנטינעס.

איינמאָל האָט אָבער אין פּענסיאָנאַט פון פרוי ווישניעווסקי פּאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון זייער געפּעפּערטן רעכענונג און פאַרענדיקט — מיט אַ טראַגישן פינאַל.

אין אַ געוויסן אָוונט האָט זיך אינעם פּענסיאָנאַט געיאַוועט אַ נייער גאַסט פון וואַרשע. ער האָט זיך געהייסן געבן דעם שענסטן אַפּאַרטאַ־מענט און במשך פון עטלעכע טעג האָט ער, אויסער דעם אַלגעמיינעם מעניו, אויסגעטרונקען אַן אַ שיעור טייערע וויינען און אויפגעגעסן אַלער־ליי „אַ־לאַ־קאַרט"־שפּייזן. ווען ס'איז אָבער געקומען צום צאָלן דעם

חשבון, האָט ער גענומען קוועסטיאָנירן יעדער פּאָזיציע באַזונדער, פאַר־גלייכנדיק די פּרייזן מיט יענע דאָרט — אין די רעסטאָראַנען „נור פיר דויטשע". די בעל־הביתטע האָט דעם גאַסט אויפגעקלערט, אַז זי באַקומט נישט קיין פּראָדוקטן לויטן אָפיציעלן פּרייז און מוז דעריבער רעכענען טייערער; אַלע געסט ווייסן וועגן דעם גאַנץ גוט און פּראָטעסטירן קיינמאָל נישט... ווען אינעם וויכוח האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינמישן אויך די שיינע דאַמען, מיט וועלכע דער מאָדנער גאַסט האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט בעת די עטלעכע, פּיין פאַרברענגטע טעג. האָט אים שוין נישט געפּאַסט ווייטער זיך צו עקשנען און ער האָט באַצאָלט דעם פולן געפּאָדערטן סכום. ביים אָפּציילן דאָס געלט האָבן אים אָבער די הענט געציטערט פון באַהאַלטענעם כעס און אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער טיף אַריינגעקוקט דער פּרוי ווישניעווסקי אין די אויגן אַריין און צובייגנדיק זיך נענטער צו איר אויער, האָט ער מיט אַ כריפּענדיק קול פּאַמעלעך אַרויסגעזאָגט:

— איך מיין, פרײלין כאַסקיעלעוויטש, אַז איר וועט באַדויערן הלמאַי איר האָט אַזוי שלעכט באַהאַנדלט אַן אַלטן באַקאַנטן, אַ באַקאַנטן נאָך פון... אָדעס...

פרוי ווישניעווסקי האָט דערפילט, ווי עס פרירט איר דאָס בלוט אין די אָדערן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער חברה־מאַן געדענקט זי נאָך פון אירע מיידלשע צייטן אין אָדעס, ווייל ער האָט אָנגערופן איר ריכטיקן נאָמען פון דער היים. זי האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיך און אָנגעשטעלט אויפן אומבאַקאַנטן אַ פאַרחידושט פּנים, גלייך, ווי זי וואָלט לחלוטין נישט תופס געווען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

אויף יענער האָט אָפּגעהאַקט דאָס געשפּרעך. זיך קאַלט געזעגנט און נעלם געוואָרן. פרוי ווישניעווסקי האָט אַזוי געגלויבט אין איר מזל, אַז זי האָט דעם אינצידענט מיטן מאָדנעם גאַסט נישט געהאַלטן פאַר קיין גענוגענדיקער סיבה צום אַנטלויפן. דאָס באַקוועמע לעבן האָט איינגעשלעפערט די וואַכזאַמקייט און אונטערגעזאָגט, אַז ס'איז גלייכער די פּאַסירונג צו באַגאַטעליזירן און גאַנץ שנעל — איינגאַנצן פאַרגעסן. אין נאָרמאַלע באַדינגונגען האָט מען דאָס גאָר נישט געפילט, ווי שטאַרק

דער דורכשניטלעכער מענטש איז צוגעבונדן צו דעם אַלעם, וואָס רופט זיך: אייגנטום. ערשט בעת דער זאַוויערוכע האָט מען דערזען, ווי דאָס אייגנטום פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיין ביים פוס, אַ שטיין, וואָס האָט צוגעשמידט צום אָרט און משפּיע געווען מיט דער נישט באַגרינדעטער, אילוזאָרישער האָפענונג: „וווּהין וועסטו לויפן?... און וואָס וועט ווערן מיטן מעבל? און מיט די ספרים?... עט... פאַרבלייב אויף אַן אָרט... עס וועט שוין ווי עס איז זיין...

די געשיכטע פון יענע יאָרן האָט באַוויזן, אַז די אַלע, וועלכע האָבן אין דעצידירנדיקן מאָמענט נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן אויסוויילן צווישן אייגנטום און — לעבן, האָבן אין זייער רוב פאַרלוירןביידע: אי דאָס אייגנטום, אי דאָס לעבן.

פרוי ווישניעווסקי האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויפן אינצידענט מיטן אומבאַקאַנטן גאַסט, הגם זי האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז יענער האָט אין זיין האַנט איר לעבן.

און אַט איז זיך, אין אַ צוויי־דריי וואָכן נאָכן אינצידענט, פאַרפאָרן אַן אויטאָמאָביל פון געשטאַפּאָ פאַרן בנין פון דער אָרטיקער גמינע, דאָס הייסט פון דער פּראָווינציעלער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. פונעם אויטאָ זענען אויסגעשטיגן צוויי אָפיצירן אין געשטאַפּאָ־מונדירן און אַן איבערזעצער, אַ ציווילער. ביים אויטאָ איז פאַרבליבן דער באַוואָפנטער שאָפער. אַריינקומענדיק אינעם אַמט אַריין האָבן די לייט געהייסן זיך ווייזן די קאַרטאָטעקן פון די גמינע־איינוווינער; דאָס איז געווען אַ סימן־מובהק, אַז עמיץ וועט דאָ בקרוב אַרעסטירט ווערן. מען וויל זיך נאָר באַקענען מיט זיין גענויעם אַדרעס און פּערסאָנאַליען.

דער גמינע־סעקרעטאַר האָט געציטערט, ווי בעת אַן אָנפאַל פון מאַלאַריע. פאַר יעדער באַמערקטער אומפּינקטלעכקייט אין דער קאַרטאָטעקע האָט ער געטראָגן די אחריות. אין העכסטער שפּאַנונג און אויפרעגונג האָט ער אָבסערווירט די פינגער־באַוועגונגען פון די געשטאַפּאָ־לייט, וועלכע האָבן געלאָזן אַרויסגענומען פון דער קאַרטאָטעקע איין בויגן נאָכן אַנדערן און נאָכן וואַרפן אַ בליק אויפן נאָמען — אָוועקגעלייגט אַן אַ זייט. דער סעקרעטאַר האָט לסוף באַמערקט, אַז זיי אינטערעסירן זיך

נענטער נאָר מיטן אות „וו“. ענדלעך האָבן זיי אונטערגעטראָגן דעם סע־קרעטאַר עטלעכע בויגנס און אַ פרעג געטאָן, וועלכער פון זיי איז נוגע דער פרוי ווישניעוווסקי — די אייגנטימערן פון אַ פענסיאָנאַט. דער נאָמען „ווישניעוווסקי“ איז אין פוילן זייער פּאָפּולער און דעריבער האָבן די אַגענטן געמוזט אָנקומען צום סעקרעטאַר, ווייל זיי האָבן אַפילו אינעם קליינעם הינטערשטאָטישן ישוב אָנגעטראָפן אַ היפּש ביסל איינוווינער מיט דעם דאָזיקן נאָמען.

די געשטעלטע פראַגע האָט דעם סעקרעטאַר געטראָפן, ווי אַ דונער. פרוי ווישניעוווסקי האָט געהערט צו זיינע „קליענטן“ און ווען זי זאָל, חלילה, אַריינפאַלן, קאָן זי נאָך מיטשלעפּן אים אויך.

איידער כ׳וועל דערציילן דעם המשך פון דער געשיכטע, מוז איך ווידמען עטלעכע ווערטער דער געשטאַלט פון אַ גמינע־סעקרעטאַר, ווייל פאַר דער אָקופּאַציע־צייט איז דאָס געווען איינע פון די אַממערסטן אינ־טערעסאַנטע און כאַראַקטעריסטישע פיגורן.

אין יענע צייטן האָט דער גמינע־סעקרעטאַר געשפּילט אַ זייער וויכ־טיקע ראָל; ער פלעגט, נעמלעך, פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אין דער קלעם פון נאַצישער „געזעצגעבונג“, עפענען אַ קליין פורט־קעלע. ער און נאָר ער האָט געוווסט, ווו אַזאַ פורטקעלע געפינט זיך אין דער הויכער מויער פון דייטשע פאַראָרדענונגען, באַפעלן און געזעצן, און פאַרן עפענען דאָס טויערל האָט ער זיך, נאַטירלעך, געהייסן גוט באַצאָלן.

לאָמיר אָנהייבן פון אַ ווייניקער וויכטיקן ביישפּיל:

דער אַדער יענער פּאָליאַק לעבט זיך רואיק אונטער דער דייטשער הערשאַפט. אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיט דייטשע אָפיצירן מאַכט ער צושטעלונגען פאַר דער ווערמאַכט און ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג. דאָס ווייב זיינס, וואָס האָט ביזן יאָר 1939 נישט געוווסט ווי אַזוי מען ציט אַרויף אויף די פינגער לעדערנע הענטשקעס, קאָן זיך איצט נישט באַגיין אָן אַ דינסטמיידל און מאַטערט דעם מאַן, ער זאָל די זאַך „דער־ליידיקן“ מיטן סעקרעטאַר פון דער גמינע. עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס די פּאָליאַקן איז שטרענג פאַרבאָטן צו האַלטן יונגע דינסטן. די ספּעציעלע „כאַפּערס“ פון אַרבעט־אַמט האַלטן אין איין קאָנטראָלירן און

דורכקוקן די באַפעלקערונג־קאַרטאָטעקן און ווי נאָר זיי געפינען דעם נאָמען פון אַ יונג מיידל, וואָס וואָלט געקאָנט גיין אַרבעטן אַלס דינסט, שיקט מען זי גלייך אַוועק אויף אַרבעט אין „דריטן רייך". וואָס פאַר אַן עצה האָט דערויף דער סעקרעטאַר? ווען דאָס געשעפט ווערט ביים גלעזל משקה אָפּגעמאַכט און דער געפּאָדערטער האָנאָראַר — איינגעצאָלט, דאַן נעמט דער סעקרעטאַר אַרויס פון קאַרטאָטעקע דעם בויגן מיטן נאָמען פונעם מיידל, וואָס הייבט אָן אַרבעטן אַלס דינסט. אַזוי־אַרום איז דאָס מיידל אָפּגעהיטן פאַר די „כאַפּערס" און די מאַדאַם דאַרף נישט שמוציק מאַכן אירע איידעלע פינגער...

פון ענלעכע קאָמבינאַציעס האָט דער סעקרעטאַר געהאַט בלויז אַ נעבן־הכנסה, פונקט אַזוי, ווי פון די פאַרשיידענע מאַכינאַציעס ביים רע־גיסטרירן די בהמות און חזירים, וואָס האָבן אויך געהאַט זייער געבוירע קאַרטאָטעקע אין גמינע־אַמט. (אויך פאַר אויסבאַהאַלטן אַ קו אָדער חזיר איז לויטן דייטשן געזעץ געקומען טויט־שטראָף).

די הויפּט־ריווחים האָבן אָבער די גמינע־סעקרעטאַרן געצויגן פון פאַ־בריצירן די אַזוי גערופענע „אַרישע פּאַפּירן" פאַר יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אַרומיקער געגנט. געווען פאַרשיידענע סאָרטן פון אַזעלכע דאָקומענטן. און יעדער סאָרט האָט זיך געהאַט זיין פּרייז.

דער סעקרעטאַר האָט אין זיין קאַרטאָטעקע געהאַט „טויטע נשמות", דאָס הייסט בויגנס פון גמינע־איינוווינער, וואָס זענען געשטאָרבן אָדער אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אַזעלכע מענטשן האָט דער סעקרעטאַר נישט אויסגעמאָלדן, נאָר אויסגעשטעלט באַשטעטיקונגען, אַז זיי לעבן און וווי־נען — דאָ און דאָ. די באַזיצער פון אַ דאָקומענט אויפן נאָמען פון אַ „טויטער נשמה" האָבן אָבער געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל זיי האָבן געקאָנט צו יעדער רגע פאַרשיט ווערן דורך פריינט און קרובים פון די געשטאָרבענע אָדער אַוועקגעפאָרענע, וועלכע האָבן זיי געקאָנט דע־מאַסקירן אַפילו נישט ווילנדיק:

— ווי אַזוי הייסט איר, מיין הער? סטאַשעווסקי? סטאַניסלאַוו? אַ זון פון וולאַדיסלאַוון? נישט מעגלעך! סטאַניסלאַוו סטאַשעווסקי איז גע־ווען מיין ברודער... ער איז געשטאָרבן מיט אַ האַלב יאָר צוריק...

צוליב דער גרויסער ריזיקע פלעגן יידן קויפן דאָקומענטן פון „טויטע נשמות" נאָר אין אויסנאַם־פאַלן, ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויפן האַלדז און קיין אַנדער אויסוועג איז נישט געווען.

אויסער די „טויטע נשמות־דאָקומענטן" האָבן עקזיסטירט „לינקע פאַפירן", אויסגעשטעלטע אויף פיקטיווע, אָבער „גוט־קלינגענדיקע" נעמען. ס'איז געגוג געווען דעם באַזיצער פון אַזאַ דאָקומענט צו ברענגען צו פירן אין דער גמינע אַריין און דאָרט אַריינקוקן אין דער קאַרטאָטעקע, כדי תיכף פעסטצושטעלן, אַז דאָס איז אַ פאַלסיפיקאַט. דאָך אָבער האָט מען אַ „לינקן" דאָקומענט געהאַלטן פאַר ווערטפולער און — זיין פרייז איז געווען אַ העכערער.

אָפטמאָל האָט זיך אַ ייד אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט נאָר אויפן סמך פון אַ טויף־מעטריקע (שיין), וואָס איז בדרך־כלל אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קריסטלעכער פאַראַפּיע פון אַזאַ שטעטל, ווו די קירכע איז בעת די מלחמה־אָפּעראַציעס פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע ביכער און אַרכיוון. דער שטעמפּל איז, נאַטירלעך, געווען אַ נאָכגעמאַכטער, אָבער קיינער איז דאָס נישט געווען אימשטאַנד צו אַנטדעקן. דער איינציקער מינוס פון אַזעלכע טויף־שיינען איז געווען פאַרבונדן מיט דער גרויסער געלט־גייציקייט פון די שטעמפּל־באַזיצער. זיי פלעגן אָפּשטעמפּלען פאַפּירן אויף רעכטס און לינקס און נישט איינמאָל האָט דאָס באַגראָבן דעם גאַנצן ענין. די פּאָליציי־אַגענטן, וועלכע האָבן לעגיטימירט הונדערטער מענטשן טעגלעך, פלעגט עס ווערן אויפפאַלנדיק, וואָס אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי וואַרשע, למשל, אָדער קראָקע, זענען אַזוי פיל איינוווינער געבוירן געוואָרן גראָד אין דעם זעלביקן קליינעם דערפל. און נאָך דערצו אין אַן אָרט, ווו די פאַראַפּיע־ביכער זענען אַוועק מיטן רויך...

ביים אָנהויבן די באַמיאונגען צו באַקומען „אַרישע פאַפּירן", האָט מען קודם־כל געמוזט איינצאָלן דעם גמינע־סעקרעטאַר אַ היפּשן האַנטגעלט און פאַרשטעלן אים די פאָטאָגראַפיע פון דער פּערזאָן, פאַר וועלכער דער דאָקומענט דאַרף געמאַכט ווערן. פון דער פאָטאָ־אויפנאַמע איז אָפּהענגיק געווען דער פרייז. מענטשן מיט אַ „יידישער נאָז", דאָס הייסט

מיט אַ „שלעכטן אויסזען", האָבן געמוזט צאָלן פיל מער, ווייל די ריזיקע איז פאַרן סעקרעטאַר און זיינע שותפים געווען גרעסער.

מיט דער צייט האָט מען זיך אויסגעלערנט אַזוי מאַכן פּאַטאָ־אויפ־נאַמעס, אַז אַפילו אַ פּנים מיט אַ „יידישן אויסזען" זאָל אויך באַקומען אַ „דאָברי וויגלאַנד" (אַ „גוטן אויסזען"). געוואָלט האָט מען דערמיט דער־גרייכן דעם צוועק, אַז די דייטשע באַאַמטע, פון וועלכע עס איז אָפּהענ־גיק געווען דאָס אַרויסגעבן אַ „קענקאַרטע", זאָלן ביים איבערקוקן די ביטעס, נישט אָנשטויסן זיך אויף פּאַטאָ־אויפנאַמעס פון פּנימער מיט „פאַרדעכטיקטע שטריכן". דאָס רעטושירן אַ שוין געמאַכטע אויפנאַמע איז זעלטן ווען געלונגען, ווייל ס'איז זייער שווער געווען העלער צו מאַכן די האָר, אויסצוגלייכן די נאָז וכד׳. די פּאַטאָגראַפן האָבן דעריבער גענומען אָנווענדן ליכט־עפעקטן ביים פּאַטאָגראַפירן גופא. באַזונדערס אויסגע־צייכנט האָט זיך אויף דעם געביט אַ פּאַטאָגראַפישער אַנשטאַלט אין די יערוזאַלימער אַלייען אין וואַרשע.

אַריינקומענדיק אין דאָזיקן אַנשטאַלט איז געווען גענוג אַ זאָג צו טאָן:

—איר וועט אַזוי גוט זיין און באַלויכטן פון אונטן־אַרויף!...

דער פּאַטאָגראַף פלעגט גלייך פאַרשטיין און פּאַקטיש אַראָפּלאָזן די רעפלעקטאָרן פיל נידעריקער, ווי ביי נאָרמאַלע אויפנאַמעס פון פּנימער. דאָס איז געווען אַ גאַראַנטירט מיטל אויף „אויסצוגלייכן" די נאָז. ווען דער פּאַטאָגראַף האָט נאָך דערצו דורכגעפירט געוויסע מאַניפּולאַציעס מיטן פּאַן און מיט די זייטיקע צוגאָב־רעפלעקטאָרן, אָנשטעלנדיק זיי אַזוי, אַז אויף די האָר זאָלן פאַלן העלע רעפלעקסן — איז די „אַרישקייט" פון די געזיכט־שטריכן געווען געזיכערט. פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ אויפנאַמע האָט געקאָסט טייערער, ווי אַ געוויינטלעכע. עס האָט אָבער געלוינט...

נאָכן דערהאַלטן די אויפנאַמע פלעגט דער סעקרעטאַר זיך נעמען צום אויסאַרבעטן די דאָקומענטן, וואָס עס האָט געדויערט זייער לאַנג, ווייל דער סעקרעטאַר האָט געמוזט האָבן גענוג צייט אויף אויסצונוצן אַלערליי אופנים פון — אַרויסשלעפּן וואָס מער געלט פון דעם קליענט. עס האָט אַלע מאָל, אגב, געהייסן, אַז דאָס געלט נעמט דער סעקרעטאַר אויף אי־

בערצוקויפן די דייטשע באַאַמטע, ווייל ער אַליין, דער סעקרעטאַר הייסט עס, אַרבעט לשמה — אידעאיש.

אַדאַנק דעם געטרייען דינען דער אידעע, האָט דער סעקרעטאַר פון יענער גמינע, למשל, ווו איך האָב געהאַט דאָס גליק זיך אויסצובאַהאַלטן לערך אַ יאָר צייט, איינגעהאַנדלט זיך במשך פון דער אָקופּאַציע נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ פיינע ווילע, אַ מעכאַנישע בעקעריי און עטלעכע פלעצער, אויסער אַ גאַנץ קעסטעלע מיט גאָלדענע דאָלאַרן און רובלס. „מיין" סעקרעטאַר איז געווען אַ גוטער פסיכאָלאָג און מענטשן־קענער. באַקענענדיק זיך מיט אַ נייעם קליענט, האָט ער גלייך דערשנאַפּט, צי ער באַזיצט אַ גרעסער פאַרמעגן און אַלע מאָל געוווּסט, וועלכע מע־טאָדן אָנצוווענדן, כדי אַמלייכטסטן אַרויסצופּרעסן געלט.

געווען פאַלן, ווען דער סעקרעטאַר האָט זיך באַנוצט מיט אַזאַ מין שפּיצל: נאָכדעם, ווי ער האָט שוין געהאַט פונעם קרבן אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסע סומע און געזאָלט אַ ליאַדע טאָג ברענגען דעם אַזוי געגאַרטן דאָקומענט, איז ער פּלוצלינג געקומען צו לויפן צום קליענט שפּעט ביי־נאַכט, אָדער באַגינען און אים — אין מכלומרשטער העכסטער אויפרע־גונג — דערציילט, אַז „עס איז אַ גרויס אומגליק געשען. די דייטשן האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו די דאָקומענטן אייערע און זיי אַוועקגעשיקט אין דער געשטאַפּאָ צום קאָנטראָלירן..." דעם ייִד האָט קיינמאָל נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז דאָס איז בלויז אַזאַ אָנשטעל. ער פלעגט גלייך כאַפּן דאָס ביסל זאַכן און אַנטלויפן אין אַן אַנדער דירה. דער סעקרעטאַר איז דערביי געווען אַזוי העפלעך און ליבנסווירדיק, אַז ער האָט דעם קליענט אויפגעגעבן דעם אַדרעס, ווו ער קאָן געפינען אַ וווינונג — אין דער זעלבי־קער געגנט. ביי אַזאַ שפּיצל פלעגט דער סעקרעטאַר פאַרדינען גאָר נישקשהדיק: דער קליענט האָט געלאָזט פאַרפאַלן גיין דאָס שוין אַריינגע־לייגטע געלט (און דערביי נישט געהאַט די מינדסטע מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן, צי דער סעקרעטאַר האָט בכלל אָנגעהויבן וועלכע עס איז באַמיאונגען וועגן דער „קענקאַרטע"), איינגעצאָלט פריש געלט אויף דאָ־קומענטן — מיט אַ שפּאָגל נייעם נאָמען, און נאָך דערצו גוט באַלוינט דעם סעקרעטאַר פאַרן אויסגעפינען די נייע דירה...

נאָכן קריג האָט נישט געטראָפֿן קיין פֿאַל, אַז אַזאַ מין גמינע־סעקרע־טאַר זאָל באַשטראָפֿט ווערן. גראָד פֿאַרקערט: ער פֿלעגט נאָך קומען מאַ־נען אַ... באַלוינונג און מעדאַלן פֿאַרן גרויסן גוטס, פֿאַרן ראַטעווען דאָס לעבן פֿון די „אומגליקלעכע יידן". ער פֿלעגט שיטן מיט נעמען פֿון די אַלע יידן, פֿאַר וועלכע ער האָט, „איינשטעלנדיק דאָס לעבן", געשאַפֿן די „אַרישע פּאַפּירן". אַי, ער האָט דערפֿאַר גענומען גוט באַצאָלט? אָ, דאָס האָט ער דאָך, חס־וחלילה, נישט גענומען פֿאַר זיך. ער האָט גע־מוזט איבערקויפֿן הונדערטער באַאַמטע און „אַזוי פֿיל גוטע יאָרן זאָל ער האָבן, וויפֿל ער האָט נאָך דערלייגט געלט פֿון זיין אייגענער קעשענע". אַי, פֿון דעם „דערלייגן" האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט עפּעס דאָרט אַ שטיקל הויז און אַ ווילע, און אַ פּלאַץ און נאָך... נו, יאָ, האָט ער דאָך געפֿירט אומלעגאַלן האַנדל מיט די דייטשע אָפֿיצירן...

ווער וועט היינט אימשטאַנד זיין צו באַווייזן די געוועזענע גמינע־סעקרעטאַרן און איצטיקע גרויסע גבירים, אַז זייער גאַנץ פֿאַרמעגן איז דורכגעזאַפּט מיט — יידישע טרערן?

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונדזער דערציילונג.

מיר פֿאַרשטייען שוין איצט פֿאַרוואָס דער גמינע־סעקרעטאַר איז אַזוי צערודערט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט, אַז די געשטאַפּאָ־לייט פֿרעגן זיך נאָך אויף דער פּרוי ווישניעווסקי. זיינער צייט האָט ער פֿאַר אַ גאַנץ היפּשן האָנאָראַר אַרויסגענומען פֿונעם גמינע־אַרכיוו דער פּרוי ווישניעוו־סקיס מעטריקע, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פֿון דער אַלטער יידישער קהילה אין אָדעס. אויף איר אָרט האָט ער אַריינגעלייגט אַן עכט־קאַטוילישן טויף־שיין, אַרויסגעגעבן דורך עפּעס אַ פּאַראַפֿיע אין דער געגנט פֿון ווילנע.

— אויב זיי וועלן זי נעמען פּייניקן, קאָן זי נאָך אַמאָל אויסגעבן, ווער עס האָט איר געהאָלפֿן... — האָט דער סעקרעטאַר געטראַכט ביי זיך און באַשלאָסן צו געווינען צייט, כדי די באַדראָטע פּרוי זאָל באַווייזן גע־וויר צו ווערן און — עוקר צו זיין. ער האָט דעריבער גענומען איינ־טענהן מיט די נישט געבעטענע געסט און געפּרוווט זיי פֿאַרזיכערן, אַז דאָ איז עפּעס אַ מיספֿאַרשטענדעניש. ער קען גוט די „פּאַני ווישניעווסקאַ",

באַזיצט אַלע אירע דאָקומענטן און שטעלט פעסט, אַז זי איז אַ קריסטין און נאָך דערצו — אַ פרומע אויך.

— און איבעריקנס — האָט ער צו זיי גערעדט דורך דער פאַרמיט־לונג פונעם איבערזעצער — וואָס איילט איר זיך אַזוי צו איר? זי וועט נישט אַנטלויפן... און דערווייל וואָלט איך וועלן האָבן די זכיה אויפצונע־מען אייך צו גאַסט ביי מיר אין שטוב...

די געשטאַפּאָ־לייט איז געקומען די סלינע אין די פּיסקעס אריין. אין די נאַז־לעכער האָט אַ ווײ געטאָן דער ריח פון גוטע מאכלים און פון ווישניוווקע. וואָס איז טאַקע די איילעניש? זי איז דאָך אַן אייגנטימערן פון אַ פּענסיאָנאַט, וועט זי נישט נעמען אין מיטן דערינען, פאַרלאָזן אַלץ און אַנטלויפן. אויסער דעם איז נישט צו גלויבן, אַז אַ יידישקע זאָל האָבן אַזוי פיל חוצפּה און נישט בלויז זיך אַרומדרייען פראַנק און פריי, נאָר נאָך פירן אַן אָפענעם פּענסיאָנאַט און אויפנעמען אַפילו דייטשע געסט.

יאָ, אַזאַ זאַך האָט זיך ווירקלעך נישט געלייגט אויפן שכל. די גע־שטאַפּאָ־שליחים האָבן דעריבער געטראַכט ביי זיך, אַז די מסירה איז גע־ווען אַ פאַלשע און אויפצוקלערן דעם טעות — וועלן זיי באַווייזן שפּע־טער אויך.

האָבן זיי נישט געלאָזט זיך בעטן צו לאַנג, נאָר זענען אַריבער אין די ווייטערדיקע חדרים פון גמינע־אַמט, ווו דעם סעקרעטאַרס ווייב, וועלכע איז שוין געוווינט געווען צו וויזיטן פון די דייטשע גדולים, האָט צוגע־גרייט אַ טיש — געדעקט מיט כל־טוב. ווען די „חשובע און טייערע געסט" האָבן גענומען מאַכן איין כוסה נאָך דער אַנדערער און אַלץ שטאַר־קער געלויבט די בעל־הביתטע פאַר די געשמאַקע פאַרבייסעכצן, איז דעם סעקרעטאַר געלונגען זיך אויף אַ ווײלע אומבאַמערקט אַרויסצושאַרן פון צימער און מיט אַ שליח מודיע צו זיין דער פרוי ווישניעווסקי, וואָס עס דערוואַרט זי.

און דאָ איז די פרוי ווידער באַגאַנגען אַ פעלער: אנשטאָט תיכף־ומיד צו אַנטלויפן און איבערטראָגן זיך אין אַן אַנדער אָרט, ווו קיינער האָט זי נישט געקענט און ווו זי וואָלט געהאַט — מיט אירע דאָקומענטן — אַלע שאַנסן מער נישט באַאומרואיקט צו ווערן, האָט זי באַשלאָסן נישט צו

רירן זיך פֿון אָרט און אָפּוואַרטן די געשטאַפּאָ־לייט. אַזוי איז זי אייגגע־גלויבט געווען אין אירע אייגענע כוחות און אין — איר מזל.

אין אַ שעה אַרום האָט זיך דער דייטשער אויטאָמאָביל האַסטיק אָפּ־געשטעלט פֿאַר איר ווילע. פֿרוי ווישניעווסקי איז אַרויסגעגאַנגען אויפֿן גאַניק און העפֿלעך אַריינגעבעטן די געסט אין סאַלאָן אַריין. די גלייכ־גילטיקע רואיקייט, מיט וועלכער פֿרוי ווישניעווסקי האָט זיי אויפֿגענומען, האָט אויך די געשטאַפּאָ־לייט געמאַכט אַ רושם. העפֿלעך האָבן זיי איר געמאָלדן דעם צוועק פֿון זייער וויזיט און געבעטן צו באַווייזן די דאָקו־מענטן. די פֿענסיאָנאַט־אייגנטימערין האָט דאַן אויסגעבראָכן אין אַ געלעכ־טער און מיט אַזאַ נישט צווייפֿלהאַפֿטער און נאַטירלעכער פֿאַרחידושט־קייט געפֿרעגט: „און איר גלויבט דערין?“, אַז די צוויי געשטאַפּאָ־אָפֿי־צירן האָבן שנעל און צוזאַמען געענטפֿערט: „אָ, ניין, מאַדאַם... נאָר לשם פֿאָרמאַליטעט וועגן מוזן מיר די דאָקומענטן נאָכקאָנטראָלירן...“

זי האָט אויך נישט מיסגעברויכט מיטן אַרויסגעוויזענעם איר צוטרוי און האָט זיך גיך אומגעקערט און אַוועקגעלייגט אויפֿן קיילעכדיקן, פֿיין געשניצטן טישעלע אַ גאַנצן שטויס פּאַפּירן. דאָס איז געווען די פֿרוכט פֿון לאַנגע חדשים אַרבעט און המצאהדיקייט און האָט אָפּגעקאָסט שווע־רע טויזנטער. מיט דער הילף פֿונעם איבערזעצער האָט פֿרוי ווישניעווסקי געגעבן גענויע אויפֿקלערונגען די אָפֿיצירן, וועלכע האָבן זי באַוואָרפֿן מיט פֿראַגן. אין אַלע אַזעלכע פֿאַלן איז ווייניק געווען צו באַזיצן „גוטע“ פּאַ־פּירן. מען האָט נאָך געמוזט שנעל און דייטלעך קענען רעציטירן פֿון אויסנווייניק אַלע פּרטים פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון יענעם מענטשלעכן לעבן, וואָס אָט די פּאַפּירן האָבן מיט זיך רעפּרעזענטירט. יעדער פּרט, יעדער פֿראַגמענט פֿון יענעמס כמלומרשטער לעבנס־געשיכטע האָט גע־מוזט האָבן דעם געהעריקן באַווייז אין די פּאַפּירן, און אַלע צוזאַמען האָבן געדאַרפֿט פּאַסן צו זיך און בילדן אַ לאָגישע גאַנצקייט.

די געשטאַפּאָ־שליחים זענען געווען גוטע פֿאַכלייט. הונדערטער אַזעלכע דאָקומענטן האָבן זיי שוין באַטאַפּט מיט זייערע לאַנגע פֿינגער. מיט די גלאַנציק־מאַניקירטע נעגל־שפּיצן האָבן זיי דאָ און דאָרט גע־פּרוווט אַ קראַץ־טאָן דעם טינט פֿון די אותיות, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי

איבערגעמאַכט. אָבער אָפּטער פון אַלץ — געקוקט דער געפּאַרשטעטער פּרוי גלייך אין די אויגן אַריין און צוגעהערט זיך צו איר שטים, ווען זי האָט געענטפערט אויף די קשיות.

פּרויווישניעווסקי האָט דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן אויף „זייער גוט".

אין אירע דערקלערונגען האָבן די געשטאַפּאָ־לייט געפונען אַ באַ־שטעטיקונג פון זייער איבערצייגונג, אַז ס'איז אַבסאָלוט נישט צו גלויבן, אַז אַ יידישקע זאָל בלייבן ווינען אונטער איר אייגענעם נאָמען אין דעם זעלביקן אָרט, וווּ זי האָט געוווינט אויך פאַרן קריג. זיי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט איינפאַלן, אַז די פּרוי האָט געשפּילט אַ גרויסן האַ־זאַרד־שפּיל; יענע פון די אַרומיקע איינוווינער, וואָס האָבן וועגן איר גע־ווּוסט, זענען געזעסן שטיל און נישט געמסרט צוליב דער איבערצייגונג, אַז „אויב זי פירט אַזוי אָפן אַ פּענסיאָנאַט און נאָך דערצו אַזאַ פּענ־סיאָנאַט, האָט זי זיכער אַ גרונט נישט מורא צו האָבן און ס'איז גלייכער מיט איר נישט אָנצוהויבן..."

דער עלטערער פון צווישן די אָפיצירן איז ענדלעך אויפגעשטאַנען פון דעם ווייכן פאָטעל און דערלאַנגענדיק דער פּרוי דאָס פּעקל פּאַפּירן, האָט ער געבעטן אַנטשולדיקונג פאַרן באַאומרואיקן זי. ער ווייט — האָט ער דערקלערט — ווי געהעריק באַשטראָפן דעם חברה־מאַן, וואָס האָט אויף איר געוואָרפן אַזאַ חרפּהדיקן חשד. דער ענין איז צום גליק דערליי־דיקט און ער פאָרט תיכף צוריק קיין וואַרשע, כדי צו דערלאַנגען דעם ראַפּאָרט...

און דאָ האָט פּרוי ווישניעווסקי ווידער געמאַכט אַ פעלער.

אַנשטאָט צו געזעגענען די „געסט" און ווינטשנדיק אין דער שטיל זיי זאָלן צעברעכן אויפן וועג דעם קאַרק, אָפּצופירן זיי צום אויטאָמאָביל זייערן, איז איר גאָר געקומען אין קאָפּ דער געדאַנק — צו פאַרהאַלטן זיי אויף אָוונט־ברויט.

די דייטשן האָבן זיך ווידער לאַנג נישט געלאָזט בעטן. זיי זענען אַרויס פון סאַלאָן אין גאָרטן אַריין, און דאָ געוואַרט, ביז מען האָט גע־

גרייט צום טיש. און געגרייט האָט מען מיט אַזוי פיל טעם און לוקסוס, אַז ביי די לייט האָבן אַזש אויפגעבליצט די אויגן.

אַרום טיש האָבן זיך אויסגעזעצט אויך די פּענסיאָנאַט־געסט. דער עלטערער אָפיציר האָט זיך געזעצט נעבן דער בעל־הביתטע און באַלד נאָך די ערשטע גלעזלעך משקה האָט ער שוין קיינעם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. מיט טיפּיש־דייטשער טאַקטלאָזיקייט און איינגעבוירענער גראָב־הויטיקייט האָט ער מהנה געווען די געסט מיט דערציילונגען וועגן זיינע העלדישע מעשים, וועגן די געלונגענע געיעגן נאָך יידן, וועגן מאַסן־עקזע־קוציעס און אַנדערע אָקופּאַציע־פאַרגעניגנס. דערציילט האָט ער דאָס אַלץ אין אַ פאָרם, וואָס האָט אים געשיינט צו זיין לייכט און הומאָרפול, אָבער נישט ביי אַלע אָנוועזנדיקע איז מעגלעך געווען אַרויסצוקוועטשן אַ שמייכל און נישט אַלע האָבן באַגריפן, הלמאַי דאַרף מען לאַכן דערפון, וואָס די סאָוויעטישע אויסגעהונגערטע קריגס־געפאַנגענע עסן קאָרע פון די ביימער...

אויסער דעם דאָלמעטשער, וואָס איז געקומען מיט די דייטשן, האָט דאָ ביים טיש פאַרנומען זיך מיט איבערזעצן דעם אָפיצירס ווערטער אויך אַ פּוילישע פרוי פון שלעזיע, וועלכע האָט באַהערשט די דייטשע שפּראַך נישט ערגער, ווי די פּוילישע. דאָס איז געווען אַן אויסשטודירטער דייטשער ליטעראַטור־לשון, פון וועלכן די אָפיצירן האָבן געשעפּט גרויס נחת; זיי האָבן אַממערסטן אויפמערקזאַמקייט געווידמעט דער דאָזיקער שלעזישער פּאָליאַטשקע. עס האָט זיך אַלעמען אויסגעדוכט, אַז דער וויש־ניעווסקי־ענין איז גענצלעך פאַרגעסן געוואָרן און קיינער וועט זיך צו אים מער נישט אומקערן. עס וואָלט אַזוי אפשר טאַקע געשען, ווען פרוי ווישניעווסקי באַגייט נישט נאָך איין — און דעם לעצטן אין איר לעבן — פעלער.

עס איז נישט באַוווסט, צי זי האָט אויסגעטרונקען אַביסל צופיל, צי זי איז זיך מתקנא געווען אָן דעם גרויסן „דערפאָלג", וואָס די פרוי פון שלעזיע האָט געהאַט ביי די דייטשן. גענוג, אַז זי האָט פּלוצלונג אויפ־געהערט צו באַנוצן זיך מיט דער פאַרמיטלונג פון די איבערזעצער און גענומען אַליין ריידן — דייטש. דערמיט האָט זי זיך אומגליקלעך גע־

מאַכט, ווייל הגם זי האָט נישט געקענט ריידן קיין יידיש, האָט זי נישט ווילנדיק אַריינגעפלאָכטן יידישע אויסדרוקן, וועלכע זענען ביי איר אין זכרון געבליבן נאָך מסתמא פון אַדעס.

ווי נאָר פרוי ווישניעווסקי האָט אָנגעהויבן ריידן דייטש, און אַ גאָר שלעכטן דייטש, זענען אַלע גלייך אַנטשוויגן געוואָרן און ווי איינגע־קאָרטשעט אין זיך, אַפּוואַרטנדיק אַן אויסברוך פון די דייטשן.

אויפקלערן דאַרף מען דאָ, אַז אין דער אַנוועזנהייט פון געשטאַפּאָ־לייט פלעגט מען קיינמאָל זיך נישט באַנוצן מיט דער דייטשער שפּראַך, אַפילו ווען מען האָט זי גוט געקענט. געהאַנדלט האָט זיך אין דעם, וואָס הערנדיק די פראַגע איינמאָל פונעם געשטאַפּאָ־אַגענט און דערנאָך — פונעם דאָלמעטשער, האָט מען געוואונען צייט אויף צוצוגרייטן דעם פּאַ־סיקסטן ענטפער.

פון אַלע שטאַנדפּונקטן גענומען האָט, אַלזאָ, פרוי ווישניעווסקי אָפּ־געטאָן אַ נאַרישקייט און אַ פעלער — נישט צום פאַררעכטן.

און דאַן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ סצענע:

אַרום טיש איז לוקסוסאַרטיקן פענסיאָנאַט זיצן געסט און שווייגן. עס שווייגן אויך די צוויי דייטשן אין מונדירן פון געשטאַפּאָ־אָפיצירן. בלויז די באַלעבאָסטע רעדט. זי דערציילט עפּעס אַ נישט אינטערעסאַנטע מעשה און אַלע פילן, אַז מיט יעדן וואָרט — זינקט זי אַלץ טיפער און טיפער. אין אָנהייב אַריענטירט זיך די אומגליקלעכע לחלוטין נישט אין דער סיבה פונעם פלוצלינגן שטילשווייגן אַרום טיש. איר בליק פאַלט אָבער אויף די פּנימער פון די צוויי דייטשע געסט און זי דערקענט — די ענדערונג. זי האַקט אָפּ איבמיטן פון אַ וואָרט און קוקט זיך אום אַ צעטומלטע.

די שטילקייט דויערט שוין נישט לאַנג. דער עלטערער אָפיציר נעמט אַ וואָרט. ער ציט אויס די האַנט אין דער ריכטונג פון דער שלעזישער פרוי און אָנווייזנדיק אויף איר מיטן פינגער, וואַרפט ער אַרויס פון זיך מיט אַ כריפּענדיק קול:

— נו, יאָ... דאָס איז געווען די דייטשע שפּראַך... און דאָס... —

דאָ גיט ער האַסטיק אַ טײַטל מיטן פינגער אויף דער פּרוי ווישניעווסקי — דאָס איז די... יידישע שפּראַך...

דעם אָפיצירס פינגער הענגט נאָך אַ ווײַלע אין דער לופטן. שפּעטער לאָזט ער זיך אַראָפּ, ווי דאָס מעסער פון דער גיליאָטינע.

ער גיסט זיך דאַן אָן, דער אָפיציר, אַ גרויס גלאָז ווײַן, טרינקט אָפּ אַביסל און פאַרגייט זיך אין אַ הייזעריק געלעכטער, וואָס גרילצט ווײַ־טיקלעך ביי אַלעמען אין די אויערן. אַזוי פרייט זיך אַ קאַץ, ווען זי כאַפּט אַ מויז און נעמט זיך מיט איר שפּילן — פאַרן טויט. דער אָפיציר גיסט אַריין אין גאָרגל דאָס גלאָז ווײַן, שפּרינגט אויף פון אָרט, כדי גיך צוצו־לויפן צום... עלעקטרישן פּאַטעפאָן.

עס צעשפּילט זיך עפּעס אַ ווינער וואַלס. די ליבלעכע מעלאָדיע באַ־רואיקט אַביסל די געמיטער, לייזט אויף די שפּאַנונג. די געסט שושקען זיך אין די ווינקעלעך פונעם סאַלאָן. „איז ער אפשר אַזוי שיכור, אַז ער וועט נישט אויסנוצן זיין אַנטדעקונג?"... „און טאָמער וויל ער בלויז נישט איבעררייסן זיך דעם אנגענעמען אָוונט, און שפּעטער?" „מסתמא קרעמפּירט אים די אַנוועזנהייט פון אַזוי פיל מענטשן... ער וועט דאָס זייניקע אָפּטאָן... איר וועט זען..."

די זילבערנע נאָדל האָט זיך דערווײַל ווייטער מיט אַ שטילן זשומען געגליטשט איבער דער שוואַרצער פּאַטעפאָן־פּלאַטע. דער וואַלס־ניגון האָט מיט זיינע מילדע טענער אָנגעפּולט דעם גאַנצן סאַלאָן. ווען עס קומט דעמאָלט אַריין אין סאַלאָן אַ נייער מענטש, וואָלט ער זיכער נישט ארויס־געפילט, וואָס דאָ קומט פאָר. ער וואָלט בלויז געהערט דאָס שפּילן פונעם פּאַטעפאָן און נישט געוווּסט, אַז עס גייט דאָ אויך אַ שפּיל — וועגן אַ מענטשלעך לעבן.

ס'איז אָפּגעלאָפן נאָך אַ האַלבע שעה. די אָנוועזנדיקע אינעם סאַלאָן הויבן אָן גלויבן, אַז דער אינצידענט וועט דאָך פאַרגעסן ווערן. פּרוי וויש־ניעווסקי אַליין מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פויגל, וואָס איז פּאַראַליזירט געוואָרן דורך אַ שלאַנג; זי ווייסט, אַז עס דערוואַרט איר אַ טויט־קלאַפּ, טאָט אָבער גאָרנישט, כדי די געפאַר אָפּצווענדן. עס באַהערשט זי עפּעס אַ מאָדנע אַפּאַטיע און אָנמאַכט. און איבעריקנס — וואָס פאַר אַן

עצה קאָן זי זיך געבן? פּרוּוון אַנטלויפן? און די צוויי געשטאַפּאָ־אָפיצירן, וואָס לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר? און דער באַוואָפנטער שאָפער — פאַרן טויער?

די געסט האָבן איינער נאָכן אַנדערן אָנגעהויבן אויסצונוצן די גע־לעגנהייט, וואָס ס'האָט זיך געמאַכט שפּעט און אַרויסגעשלייכט זיך פון סאַלאָן. ווען אין זאַל זענען פאַרבליבן בלויז געציילטע מענטשן, האָבן די געשטאַפּאָ־לייט דערקלערט, אַז ס'איז צייט צו... טוישן דעם לאָקאַל. זיי האָבן זיך דערוווסט, אַז דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַ צווייטער פּענסיאָ־נאַט, ווו מען קאָן זיך אויך גוט פאַרוויילן. מיט דער גרעסטער העפלעכ־קייט האָבן זיי פאַרגעלייגט דער פרוי ווישניעווסקי, אַז זי זאָל זיי באַ־גלייטן; וועגן דער פאַרלאָפענער געשיכטע האָט קיינער קיין וואָרט נישט געלאָזט פאַלן.

צוויי־דריי געסט און די בעל־הביתטע זענען צוזאַמען מיט די דייטשן אַרויס פאַרן הויז. דאָ האָט פרוי ווישניעווסקי געמאַכט אַ פּרווו זיך אַרויס־צודרייען, אָבער די אָפיצירן האָבן זי האַלב־שטיפעריש און האַלב־בכוח אַריינגעשלעפּט אינעם אויטאָ, וואָס האָט זיך גלייך געלאָזט אין וועג אַריין — צום צווייטן פּענסיאָנאַט. דאָס באַווייזן זיך פון די דייטשן האָט דאָ אַרויסגערופן אַ מהומה, וועלכע איז אָבער דורך זייער שנעל איינגע־שטילט געוואָרן; מען האָט תיכף געדעקט דעם טיש און די הוליאַנקע האָט זיך אָנגעהויבן אויפסניי. די דייטשן האָבן געשיינט צו זיין אין בעסטן הומאָר און אַזוי זיך באַצויגן צו דער פרוי ווישניעווסקי, אַז זי האָט גע־נומען ווידער גלויבן אין איר מזל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זי ריזי־קירט אַזאַ שריט: זי האָט זיך אויפגעשטעלט, דערקלערט, אַז זי איז זייער מיד און וויל אַהיימגיין. זי האָט זיך געזעגנט מיט דער בעל־הביתטע פון פּענסיאָנאַט און דערלאַנגט די האַנט אויך די אָפיצירן. ביידע האָבן איר העפלעך אַ קוש געגעבן די האַנט און לכתחילה געלאָזט איר דערנענטערן זיך צו דער טיר. פּלוצלינג אָבער האָט דער עלטערער אָפיציר „דערמאָנט זיך", אַז עס פּאַסט נישט פאַר דייטשע אָפיצירן זיי זאָלן אינמיטן דער נאַכט אַהיימלאָזן אַ פרוי — איינע אַליין: זיי וועלן זי דעריבער אָפּפירן.

פרוי ווישניעווסקי האָט קעגן דעם שטאַרק פּראָטעסטירט, אָנווייזנ־

דיק, אַז צוזאַמען מיט איר איז מיטגעקומען אַ יונגערמאַן — איינער פון אירע פּענסיאָנאַט־געסט, און ער וועט זי שוין באַגלייטן. איבעריקנס איז עס דאָך אַזוי נאָענט...

די אָפיצירן האָבן זיך געמאַכט נישט הערן אירע רייד. זיי האָבן זי גענומען אונטער די אָרעמס און פאַמעלעך געפירט צום אויטאָ, אין וועלכן ס׳איז דערווייל איינגעשטיגן דער יונגער פאָליאַק, וואָס איז מ׳טגעקומען מיט דער פרוי. איידער די דייטשן זענען אַרויס פונעם הויז, האָט פּלוצ־לינג דער שאָפער פון זייער אויטאָ זיך אַריבערגעבויגן צום יונגען פאָליאַק און גיך אַ זאָג געטאָן מיט אַ געדעמפּטער שטים:

— איר זענט אַ פאָליאַק, יאָ?

— יאָ... און פאַרוואָס פרעגט איר?

— ווייל, זעט איר, איך בין אויך אַ פאָליאַק, און הגם איך טראָג אַ געשטאַפּאָ־מונדיר... וויל איך אייך געבן אַ גוטע עצה...

— ???

— איר דאַרפט תיכף־ומיד, איר הערט מיך?, תיכף־ומיד אַנטלויפן פון דאַנען, אויב דאָס לעבן איז אייך טייער...

דער יונגער מענטש האָט זיך דאָס נישט געלאָזט צוויי מאָל איבער־חזרן. ער איז ווי אַן אָפּגעבריטער אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און ממש אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון דייטשן אָפיציר, וועלכער איז גראָד אַרויסגעגאַנגען פון פּענסיאָנאַט. דער צווייטער האָט געפירט אונטערן אָרעם די פרוי ווישניעווסקי, דערציילנדיק איר מיט אַ געלעכטער עפּעס אַ פריילעך מעשהלע.

— ווו לויפט איר אַזוי, יונגערמאַן?

— כ׳האָב זיך איבערצייגט, אַז אינעם אויטאָ וועט זיין צו ענג פאַר אַזוי פיל מענטשן... וועל איך שוין בעסער גיין צופוס...

— ווי איר ווינטשט זיך. נאָר זאָגט מיר, צי זענט איר נישט קיין קרוב פון דער פרוי ווישניעווסקי?

— ניין...

— פאַרוואָס האָט איר דאָס באַלד נישט געזאָגט? מיר וואָלטן אייך בכלל נישט צוגערעדט צום דאָזיקן שפּאַציר...

דער יונגערמאַן האָט געגומען מיט שנעלע טריט דערווייטערן זיך. עס איז אים איינגעפאַלן, אַז די געשטאַפּאָ־לייט קאָנען אים נאָך צוריק־רופן און ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע קוזשאַקעס, האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבן אויף דער ערד און זיך טיף איינגעגראָבן אין די געוויקסן.

אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט ער דערהערט, ווי עס איז פּאַמע־לעך אָפּגעפאָרן דער דייטשער אויטאָמאָביל. ווען דער אויטאָ איז צוגע־קומען צום אָרט, וווּ עס האָבן זיך געקרייצט עטלעכע וועגן, האָט ער פּלוצלינג פאַרקירעוועט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווי ער וואָלט גע־דאַרפט פאָרן, וועלנדיק צושטעלן די פרוי ווישניעווסקי אין איר פּענ־סיאָנאַט.

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער האָבן די דייטשן זיך אומגעקערט אין יענעם צווייטן פּענסיאָנאַט און דערציילט דער באַלעבאָסטע, אַז „די פרוי ווישניעווסקי איז שוין אינדערהיים און איז זיכער איינגעהילט אין זיסן שלאָף"... זיי האָבן נאָך געשיכורט ביז אינדערפרי און נאָכן אָפּעסן אַ גוטן פרישטיק — אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע.

בייטאָג האָט אַ פּויערטע, וועלכע איז געגאַנגען מיט פּראָדוקטן פון דאָרף, באַמערקט אויף אַ פּאָליאַנע ביים דערבייאיקן וועלדל — עפּעס אַ גרויסע, פאָרמלאָזע זאַך. זי איז צוגעגאַנגען נענטער און — גענומען שרייען פון שרעק. דאָס איז געווען דער טויטער קערפּער פון פרוי וויש־ניעווסקי.

די פּויערטע האָט זיך דעמאָלט דערמאָנט אָן די עטלעכע שאָסן, וואָס זי האָט געהערט באַגינען...

קאַפּיטל זעקס

„פאַראַן פרישע סחורה"...

ווען מען שטעלט די פראַגע, וועלכע פון מיינע איבערלעבענישן אויף דער אַרישער זייט איך האַלט פאַר די שווערסטע, וואָלט איך געמוזט מיין תשובה איינטיילן אויף צוויי חלקים: באַזונדער באַהאַנדלען די גרויסע איבערלעבענישן און באַזונדער — די קליינע, דאָס הייסט די טאָג־טעגלעכע פּיין, וואָס איר אונטערשלאַק איז געווען, דער עיקר: פּחד.

פון דער ערשטער איבערלעבענישן־קאַטעגאָריע איז ממש נישט מעג־לעך אַרויסצושיילן די שווערסטע, ווייל יעדע איינע פון זיי איז גענוג שווער געווען אויף אַריינצושלעפּן אין קבר אַריין, אין אַ קבר אָן אַ סימן און אָן אַ מצבה.

דאַקעגן קאָן מען אויף דער פראַגע וועגן די „קליינע" איבערלעבע־נישן יאָ ענטפערן: שרעקלעכער פאַר אַלץ זענען פאַר אַ ייד אויף דער אַרישער זייט געווען די מאָמענטן, ווען זיין ביז איצטיקע דירה־באַהעל־טעניש איז „פאַרברענט געוואָרן" און ער האָט זיך געפונען פאַר דער פּערספּעקטיוו פון אַ נאַכט — אָן אַ נאַכטלעגער.

אין אַלערליי קרימינאַליסטיש־סענסאַציאָנעלע אָדער סאָציאַל־געזעל־שאַפטלעכע ראָמאַנען געפינען די העלדן, וועלכע ווערן געזוכט און פאַר־פאָלגט דורך דער מאַכט, אָן אָרט אויף אַוועקצולייגן דעם קאָפּ ביינאַכט — אויף אַ באַנק אין גאָרטן, אָדער אין פּאַרק, הינטער אַ בריק, אָדער אויפן באַן־וואָקזאַל.

אין דער אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט האָבן די אַלע ערטער נישט גע־קאָנט דינען אַלס מקום־מקלט פאַרן גערודפטן ייד. אין די שטעט איז די שטערונג געווען — די פּאָליציי־שעה, וואָס איז אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער געגויסטער שטרענגקייט. נאָך דער פּאָליציי־שעה איז בפועל־ממש נישט מעגלעך געווען צו געפינען זיך אויף דער גאַס, אין אַ גאָרטן, אָדער אויף אַ פּלאַץ און נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון אַ פּאַטרול. ווען

נעכטיקן אונטער אַ בריק האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, ווייל בריקן זענען דורך ספּעציעלע וואַך־פּאָסטנס געהיטן געוואָרן קעגן סאַ־באָטאַזש־אַקטן. די וואַקזאַלן ווידער פלעגן הונדערטער מאָל במשך פון איין נאַכט „דורכגעקעמט ווערן" דורך געהיים־פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, וועלכע האָבן דאָרט געזוכט דעזערטירן און טוער פון דער אונטערערד, וואָס פלעגן כסדר פאָרן פון שטאָט צו שטאָט.

נישט לייכט פאַר אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס אַליין נישט איבערגע־לעבט, אַריינצופילן זיך אין אַזאַ מין לאַגע: די ווייזערס פונעם זייגער רוקן זיך אומאויפהערלעך פאָרויס. אָ, ווי אומברחמנותדיק דער זייגער איז. וואָס איילן זיך אַזוי זייגע ווייזערס?... שוין האַלב־פיר... די דורכגייער אויף די גאַסן הויבן אָן צוצואיילן זייערע טריט. דאָ און דאָרט זעט מען שוין אַ לויפנדיקן. ער האָט נאָך ווייט אַהיים און האָט מורא נישט צו פאַרשפּעטיקן. די פּאָליציי־שעה דערנענטערט זיך. דאָס גאַנצע לייב זינקט אין קאַלטן שווייס. אין די שלייפן האַקן האַמערס. די אויגן פאַרגייען מיט אַ נעפּל. עס שטיקט אין האַלדז. ווו גייט מען, גאָט, וווהין קירעווען די טריט, ס'איז דאָך באַלד די פּאָליציי־שעה, גאָט מיינער, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?...

זייער קליין איז געווען די צאָל פון יידן, וועלכע האָבן באַוויזן אַפילו אין אַזאַ לאַגע צו פאַרהאַלטן זיך אויסערלעך אַזוי רואיק, אַז זיי זאָלן זיך נישט וואַרפן אין די שאַרף־אָנגעשפּיצטע אויגן פון יענע, וואָס האָבן נאָר דערויף געטשאַטעוועט. אין די טעג פון געטאָ־ליקווידאַציעס האָבן ממש פון יעדן טויער אַרויסגעקוקט אַזעלכע אויגן, וואָס זיינען באַזונדערס גיריק און וואַכזאַם געוואָרן אָוונט־צו, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די פּאָליציי־שעה. דער גרעסטער רוב יידן, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ אין די לעצטע רגעס פאַרן אַריינגעשלעפּט ווערן אין אַ פּאַרטיע צום „אומשלאַגפּלאַץ", איז געפאַלן אַלס קרבן פון די אומצאָליקע שאַנטאַ־זשיסטן (די אַזוי גערופענע „שמאַלצאָווניקעס"), וואָס האָבן געלויערט אין דער גאַנצער געגנט אַרום די געטאָ־מויערן און דערקענט די אַנטלאָ־פענע יידן — קודם־כל לויט זייער האַלטונג האַרט פאַר דער פּאָליציי־שעה. האָט דער ייד געהאַט דאָס „מזל" אָנצוטרעפן אויף אַ שאַנטאַזשיסט,

וואָס איז אויסן געווען נאָר געלט, אָדער אויף אַן אַגענט, וועלכער האָט זיין טעגלעכן „קאָנטיגענט" שוין געהאַט צוגעשטעלט, נו — האָט דעמאָלט דער פסוק „הכסף יענה את הכל" געהאַט דאָ די פולע אַנווענדונג.

געווען אָבער פאַלן, ווען דער שאַנטאַזשיסט האָט געשפּילט אַ גאָר אַנדערע ראָל. ער איז געווען בלויז אַ שליח פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע, אַ שרייפל פון אַ גאַנצן מעכאַניזם, וואָס האָט געאַרבעט אַזוי, ווי מיר וועלן דאָס געוויר ווערן פון פאָלגנדיקער געשיכטע:

אסתר — אַ בלאָנד, יונג און באַחנט מיידל — איז אין אַ געוויסן פרימאָרגן אַרויס פון געטאָ־גיהנום און געלאָזט זיך אָן דער לענטע אויפן אַרבל — אין די „אַרישע" גאַסן אַריין. אין קליינעם טעשל פון אָפּגעריבענעם מאַנטל האָט זי געהאַט פאַרבאַהאַלטן אַ פּאַפּיר־צעטעלע מיט די נעמען און אַדרעסן פון די עטלעכע פּוילישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געהערט צום טאַטנס בעסטע קונים — אין יענע, גוטע, אַמאָליקע צייטן.

דעם טאַטנס העל־גרויע טרויעריקע אויגן האָבן באַגלייט אסתרן אין איר וועג איבער די גאַסן — פון אַדרעס צו אַדרעס, פון איין גוטן קונה צום צווייטן. העפלעך האָט מען זי אויפגענומען, העפלעך און קאַלט. געפרעגט זיך, וואָס עס מאַכט „פּאַן מאַיזשעש", איר פאָטער, פאַרבראַכן די הענט, געוויר ווערנדיק, אַז די „פּאַני מאַיזשעשאָוואַ", אסתרס מוטער, איז דערשאָסן געוואָרן בעת אַן „אַקציע". אָבער וואָס קאָנען זיי, די גוטע קונים, אויפטאָן? מיט וואָס זענען זיי איצט, מ'ישטיינס געזאָגט, אין אַ בעסערער לאַגע, ווי די יידן? זיי וועלן, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרלאָזן די טאָכטער פון „פּאַן מאַיזשעש", נאָר גראַד היינט האָט זי שלעכט געטראָפן... זאָל זי זיך מטריח זיין אין אַ טאָג, צוויי, דריי אַרום. זיי וועלן בינו־לבינו אַ זוך געבן, אַ טראַכט טאָן, טאָמער וועלן זיי געפינען פאַר איר עפּעס אַן אָרט צום שלאָפן, אפשר וועט זיי קומען אַ גוטע עצה אין קאָפּ אַריין... יאָ, בעסער זי זאָל אַליין נישט קומען, נאָר וואַרטן, ביז מען וועט איר מודיע זיין... זאָל זי גלייכער איבערלאָזן איר אַדרעס און מען וועט איר צו וויסן געבן.

איר אַדרעס. אָ, ווען זי פאַרמאָגט אַן אַדרעס, וואָלט זי נישט געדאַרפט האָבן זייער טובה. ווען זי האָט אַן אַדרעס...

און ווו נעכטיקט מען היינט איבער? אַנטשולדיקט מיר, פאַניע, ווי שפּעט איז שוין? שוין פיר דער זייגער? אַ דאַנק...

דער עלעגאַנטער הער, וואָס האָט נאָר־וואָס געענטפערט אסתרן אויף דער פראַגע „ווי שפּעט איז", האָט פון איר מער קיין אויג נישט אַראָפּ־געלאָזט. דער לייכטער ציטער אין איר קול האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער האָט „געטראָפן". נאָכגעגאַנגען איר אַ צוויי־דריי גאַסן און פּלוצלינג פאַרשטעלט דעם וועג:

— וואַרט־צו אַ רגע... איר זענט אַ זשידוווקע! קומט מיט מיר!

אסתרן איז אַנטלאָפן פון פּנים דאָס לעצטע ביסל בלוט. זי האָט גע־פּרוווט עפּעס אַרויסשטאַמלען, אָבער דער אומבאַקאַנטער האָט זי ברוטאַל אַריינגעשטופּט אין נאָענטן טויער און דערקלערנדיק, אַז ער איז אַ גע־היים־פּאָליציאַנט פון דער „קריפּאָ", געהייסן ווייזן די דאָקומענטן. אסתר האָט אַפילו געהאַט ביי זיך אַ „לינקן" דאָקומענט אויפן נאָמען פון מאַריאַ שוויענטאָכאָווסקאַ, אָבער די הענט האָבן איר אַזוי געציטערט, ווען זי האָט דאָס פּאַפּיר דערלאַנגט דעם חברה־מאַן, אַז ער האָט שוין קיין שום ספקות נישט געהאַט. ווען ער האָט דעם דאָקומענט אַריינגעלייגט אין טאַש און געהייסן גיין פאָרויס — צום זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטן, האָט זיך דאָס מיידל אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן און גענומען בעטן ביי אים רחמים.

דער עלעגאַנטער הער איז אָבער געווען קאַלט, ווי אַ שטיין. נישט איר דאגה פאַרוואָס ער טוט דאָס און צו וואָס עס טויג אים — זי מוז תיכף־ומיד גיין צו דער זשאַנדאַרמעריע און דאָרט וועט מען שוין זען...

ווען דאָס מיידל האָט דערפילט, אַז זי איז אַ פאַרפאַלענע, ווייל דער אַגענט וועט זי נישט אָפּלאָזן — איז פּלוצלינג אָנגעקומען עפּעס אַן על־טערע דאַמע, וועלכע האָט אַ בליק געטאָן אויפן פאַרוויינטן מיידל און געפרעגט, וואָס איז געשען. דער געהיים־אַגענט האָט גלייך אַ הויכן גע־שריי געגעבן, אַז זי זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען און נישט מישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, ווייל זי קאָן דערביי שלעכט אָפּשניידן.

— איך האָב געפּאַקט אַ זשידוווע, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ און איך פיר זי, וווהין מען דאַרף... איצט ווייסט איר שוין, וואָס ס'איז גע־שען?...

די עלטערע דאַמע האָט זיך נישט צוריקגעצויגן פונעם טויער, ווי די אַלע אַנדערע פּאַליאַקן, וועלכע האָבן בעת דער אַמפּערניש אַריינגע־שטעקט די קעפּ און זיך שנעל אָפּגעטראָגן, געוויר ווערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זי איז נאָך, להיפוך, צוגעגאַנגען נענטער צום אַגענט און גענומען אים זאָגן מוסר:

— אָ, ווי קענט איר טאָן אַזאַ זאַך... יידן זענען אויך מענטשן... איר זעט אויס צו זיין אַן איידעלער הער און דאָך... נישט שיין, זייער נישט שיין!...

דער אַגענט האָט געפּרוווט עפּעס ענטפערן, אָבער די דאַמע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַוועקגעפירט טיפער אין טויער אַריין. דאָרט האָבן זיי געשעפּטשעט עטלעכע מינוט און אסתר, וועלכע האָט מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק אָבסערווירט די אומגעריכטע סצענע, האָט דערזען, ווי די עלטערע פרוי שטופּט אַריין דעם אַגענט אין האַנט אַריין אַ פּעקל געלט. דער אַגענט האָט שנעל אַריינגערוקט דאָס פּעקל באַנקנאָטן אין טאַש און זיך אויסגעדרייט צו אסתרן מיט אַ מילד געוואָרן פּנים:

— איר זענט פריי, פריילין... — און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דער אומבאַקאַנטער: — אַ דאַנק אָט דער דאַמע... זי האָט אייך געראַטעוועט.

באַלד נאָך די דאָזיקע ווערטער איז דער אַגענט אַרויס פון טויער, איבערלאָזנדיק אסתרן אַליין מיט איר רעטערין. דאָס מיידל האָט נישט געקאָנט געפינען קיין ווערטער אויף צו באַדאַנקען דער פרוי. זי איז גע־ווען אינגאַנצן צעטרייסלט און דערשעפּט. קוים געהאַלטן זיך אויף די פיס און נישט אימשטאַנד געווען צונויפצוזאַמלען די געדאַנקען.

די דאַמע האָט, איבעריקנס, נישט געלאָזט זיך צו שטאַרק דאַנקען. זי האָט בלויז דערפילט איר מענטשלעכן חוב און יעדער אויף איר אָרט וואָלט אויך באַדאַרפט אַזוי האַנדלען. איז וואָס איז דאָ דאָס דאַנקען?... — האָט זי געזאָגט און צוגעגעבן:

— וווּ וווינט איר, אָדער וווּ האַלט איר זיך אויף? זאָגט מיר, וועל איך אייך אָפּפירן... איר זענט דאָך נאָך אַזוי אויפגערעגט, אַז איר וועט נישט טרעפן אַליין...

אסתר האָט דער רעטערין דערציילט דעם גאַנצן אמת.
האָט די דאַמע אויסגעזען צו זיין פאַרציטערט:

— אומגליקלעך קינד מיינס, איך וועל דיך נישט פאַרלאָזן. קום מיט מיר... איך האָב אַ גרויסע וווינונג און ס'וועט זיך געפינען אָרט פאַר דיר. מוזט נאָר געדענקען קיינמאָל נישט אַרויסצוגיין אין גאַס און אויך אין שטוב וואָס ווייניקער זיך אַרומצודרייען, קיינער זאָל דיך נישט באַמערקן און נישט דערהערן דיינע טריט...

די דאַמע האָט צוגערופן אַ „ריקשע" (אַ קאָמוניקאַציע־מיטל בעת דער אָקופּאַציע אין וואַרשע: אַ מין וועלאָסיפּעד אויף דריי רעדער. צווישן די צוויי פאָדערשטע רעדער האָט זיך געפונען אַ גאַנץ באַקוועם זיץ־אָרט פאַר צוויי מענטשן. הינטן איז געזעסן דער „שאָפער" און די גלייכצייטיקע טרייבקראַפט פונעם וועלאָסיפּעד. אַלס „ריקשעס" האָבן דער עיקר געאַרבעט סטודענטן און מ'ענטשן מיט העכערער בילדונג, וועלכע האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין באַשעפטיקונג אָדער נישט געוואָלט אַרבעטן ביי די דייטשן. אין לעצטן אָקופּאַציע־יאָר האָבן די דייטשן פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט די „ריקשעס", ווייל מען פלעגט מיט זיי אריבערפירן אונטערערדישע פּרעסע און געווער). נאָך אַ האַלבער שעה איז אסתר אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ רייכער און רחבותדיקער וווינונג, וואָס האָט אויף איר — נאָך די ענגע און אָנגעפּראָפּטע מיט מענטשן געטאָ־שטובן — געמאַכט דעם רושם פון עפּעס אַ פּאַלאַץ אין אַ מעשה־ביכל.

נאָך אַ לוקסוסאַרטיקן אָוונטברויט האָט פרוי סטאַניסלאַוואַ — אַזוי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט פאַר אסתרן — אַריינגעפירט דאָס מיידל אין אַ באַזונדער צימערל, וווּ עס האָט געוואַרט אַ ניקל־בעט מיט פאַרהענגלעך און מיט שניי־ווייס בעטגעוואַנט. אַ פאַרמאַטערטע און דערשעפּטע איז אסתר תיכף איינגעשלאָפן.

לאַנג האָט צומאָרגנס אינדערפרי די הינקענדיקע דינסט פון דער מאַדאַם סטאַניסלאַוואַ געמוזט וועקן דאָס מיידל און ווען אסתר האָט ענדלעך געעפנט די אויגן, האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווו זי געפינט זיך און פון וואַנען נעמט זי זיך אין אַזאַ שיין בעט און אין אַזאַ ליכטיקער שטוב...

צום גליק געוווינט מען זיך שנעלער צו, ווי צו צרות. אין עטלעכע שעה שפּעטער האָט אסתר זיך שוין געפילט כמעט היימיש אין דער פיינער דירה, אין וועלכער עס האָט אויסער איר זיך געפונען בלויז די הינקענדיקע דינסט. נאָכן פרישטיק האָט זי זיך באַקוועם אוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל און גענומען בלעטערן די ביכער פון דעם קליינעם ביב־ליאָטעק־שענקל אין „איר" צימער. אדורכקוקנדיק אַזוי די ביכלעך האָט אסתר באַמערקט אַ מאָדנע זאַך: אויף דער אינעווייניקסטער זייט פון די שער־בלעטער האָט זיך גערויטלט אַ קיילעכדיק שטעמפּעלע מיטן אויפ־שריפט „עקס־ליבריס — אברהם אייכענהאָלץ". אסתר האָט באַקוקט די ביכער פון אַלע זייטן. אומעטום — דאָס זעלביקע שטעמפּעלע. דאָס הייסט, אַז די ביכער האָבן געהערט צו דער שטוב־ביבליאָטעק פון אברהם אייכענ־האָלץ. און פון וואַנען נעמען זיי זיך — צו אָט דער... איידעלער קריסטין?

ווען די דינסט האָט אָנגעהויבן צו רוימען אין „אסתרס שטוב", האָט זי איר געשטעלט די פראַגע, צי ווייסט זי נישט אַמאָל, ווי אַזוי די ביכער זענען דאָ אַהער געקומען? גאַנץ אומגעריכט האָט די קשיה ארייַנגעפירט די דינסט אין גרויס פאַרלעגנהייט. זי האָט אַוועקגעדרייט דאָס פּנים צום פענצטער, געצוקט מיט די אַקסלען און געשטאַמלט:

— פון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן?... מיין דאגה וועמענס ביכער דאָס זענען...

אסתר איז מער נישט צוגעשטאַנען, נאָר געפּרוווט דערגיין אַ ביסל פּרטים וועגן איר רעטערין. אויך דאָ האָט זי אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ בפירושן ווידערווילן פון דער אַלטער דינסט. פון האַלב־ווערטער איז זי בלויז געוווּיר געוואָרן, אַז „פּאַני סטאַניסלאַוואַ" אַרבעט אין עפּעס אַ גרויס קאַפע־הויז אין שטאָט־צענטער און אַז אין דער גאַנצער דירה וווינט נאָך אַ געוויסער „פּאַן ראָמאַן", וועלכער איז באַשעפטיקט אינעם זעלביקן קאַ־פע־הויז. טיילמאָל נעכטיקן דאָ נאָך „פאַרשיידענע מענטשן", אָבער דאָס זענען צוגערייזטע פון אַנדערע שטעט. זיי פאַרבלייבן נישט מער, ווי אַ טאָג־צוויי און פאָרן אַוועק...

מער האָט אסתר זיך דערווייל נישט געקאָנט דערוויסן פון דער ווייַ־ניק־באַרעדעוודיקער דינסט.

אַ גאַנצן טאָג האָט די וווינונג טאַקע געפּוסטעוועט. ערשט שפּעט אין אָוונט האָט זיך אומגעקערט די פרוי סטאַניסלאַוואַ אין דער געזעל־שאַפט פון אַ הויכן, ביינערדיקן און אַנטיפּאַטישן יונגנמאַן. סטאַניסלאַ־וואַ האָט דעם יונגנמאַן פאָרגעשטעלט פאַר אסתרן אַלס איר חתן — ראָמאַן.

אין דרייען האָבן זיי זיך געזעצט צום אָוונטברויט, בעת וועלכן „פּאַן ראָמאַן" האָט געוויילט די צוויי פרויען מיט נייעסן וועגן די וואַרשעווער... דאַנסינגס און נאַכט־לאָקאַלן. הגם מען האָט דערלאַנגט מאכלים, וואָס אסתר האָט שוין לאַנג, לאַנג נישט געזען אויף איר טעלער, האָבן דעם יונגנמאַנס דערציילונגען אַזוי געווירקט, אַז דאָס גוטע עסן איז איר ממש שטעקן געבליבן אין האַלדז. פרוי סטאַניסלאַוואַ האָט ענדלעך זיך געכאַפּט, אַז די פריילעכע דאַנסינג־מעשיות זענען נישט די פּאַסיקסטע טעמע פאַר אַ מיידל, וואָס האָט זיך נאָרוואָס אַרויסבאַקומען פון געטאָ; זי האָט אי־בערגעהאַקט דעם חתנס רייד און גענומען אַליין ריידן. זי האָט פאַרזי־כערט אסתרן, אַז זי וועט פאַר איר זאָרגן, ווי פאַר אַן אייגן קינד און אויך אַ טראַכט טאָן וועגן איר צוקונפט...

אסתרן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ווען די פרוי סטאַניסלאַוואַ האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „צוקונפט", האָט „פּאַן ראָמאַן" אַ מאָדנעם שמייכל געגעבן, אָבער — וואָס אַרט איר יענעמס שמייכל? ניין, דאָס אַרט איר טאַקע נישט. נאָר ווי פאַלט ער אויס צו שמייכלען מיט אַזאַ איראָניע? זאָל ער אפשר צווייפלען אין דער אויפריכטיקייט פון זיין כלה?... ניין, מסתמא האָט ער איבערהויפּט נישט געשמייכלט.

פרוי סטאַניסלאַוואַ האָט דערוויילן ווייטער גערעדט, וואָרענענדיק אסתרן פאַר יעדער אומפאָרזיכטיקייט, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן הויז.

— דו ווייסט דאָך — האָט זי געזאָגט — וואָס עס דראָעט פאַר אויסבאַהאַלטן אַ זשידוועקע. דאַרפסט דעריבער נישט באַטרעטן די שוועל פון מיין צימער. זיץ שטיל און גיי אַרויס פון שטוב נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל דיך רופן... איך נעם דאָ ביי מיר אָפט אויף פאַרשיידענע געסט. איך וועל דיך איינלאַדן צו דער געזעלשאַפט נאָר דאַן, ווען דאָס וועלן

זיין אַבסאָלוט זיכערע מענטשן און מיר וועלן נישט האָבן פאַרוואָס מורא צו האָבן. דו וועסט דעמאָלט האָבן די געלעגנהייט זיך אַביסל צו פאַר־ווילן...

אסתר האָט געהאַלטן אין איין דאַנקען דער פרוי סטאַניסלאַוואַ און אין איין פרעגן, מיט וואָס וועט זי אימשטאַנד זיין איר אָפצודאַנקען פאַר אַזוי פיל גוטס. קודם האָט זי איר געוואָלט אָוועקגעבן דאָס ביסל געלט, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען, אַרויסגייענדיק פון געטאָ. ווען זי האָט אָנגערופן די גאַנץ קליינע סומע געלט, האָט פרוי סטאַניסלאַוואַ זיך צע־לאַכט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ווער דאַרף האָבן דיין געלט, קינד מיינס? וועסט נאָך אפשר אַמאָל קאָנען מיר אָפּגעבן און אָפּצאָלן אין דער געהעריקער מאָס...

אסתר האָט ווידער געהאַט דעם איינדרוק, אַז „פאַן ראָמאַן" שמייכלט עפּעס אונטער מיט איראָניע, אָבער אפשר באַווייזט ער גאָר דערמיט זיין אנערקענונג פאַר דער פרויס גוטסקייט און איר דאַכט זיך גאָר, אַז דאָס איז — איראָניע?

נאָכן אָוונטברויט האָט דער יונגערמאַן זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און גענומען שרייבן בריוו. ער מוז דערליידיקן די פאַרלעגענע קאָ־רעספּאָנדענץ, האָט ער געזאָגט. די פרויען זענען אַריבער אין באַזונדערן צימער, וווּ סטאַניסלאַוואַ האָט פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס מיטן מיידל, אויספרעגנדיק זיך באַזונדערס אויף אירע משפּחה־אַנגעלעגנהייטן און וועלנדיק דער עיקר דערגיין, צי איז זי שוין אַמאָל געווען... פאַרליבט, צי האָט זי געהאַט אַ חתן, אָדער אַ ייִנגל, מיט וועלכן זי האָט געהאַט נאָענ־טע באַציאונגען.

די אומגעריכטע נייגעריקייט פון פרוי סטאַניסלאַוואַ אויף דעם גע־ביט — האָט אסתרן איבערראַשט און אַריינגעפירט אין פאַרלעגנהייט. זי האָט אויף אַלע נישט דיסקרעטע פראַגן געגעבן אויסמיידנדיקע ענטפערס און באַמיט זיך אַרויסצודרייען פון ווייטערדיקן געשפּרעך אויף אַזעלכע טעמעס. אויסער דער טעמע גופא איז אסתרן שטאַרק נישט געפעלן דער צודרינגלעך־האַרבער טאָן פון די פראַגן. בעתן געשפּרעך האָט אסתר בכלל דערפילט, אַז די באַציאונג פון סטאַניסלאַוואַ צו איר ענדערט זיך.

ס׳איז נאָך געווען נישט צו באַמערקן די ענדערונג. אָבער פון געוויסע ווערטלעך און אומדערוואַרטע שמייכעלעך האָט אסתרן גענומען שטעכן אין האַרץ. צו פרי זיך געפרייט, אסתר, צו פרי געלאָזט זיך באַהערשן דורך געפילן פון רו און זיכערקייט. מ׳ען דאַרף ווערן פאָרזיכטיקער און וואַכזאַמער...

ווען סטאַניסלאַוואַ האָט זי ענדלעך געלאָזט אַליין אין צימער און זי האָט זיך געלייגט אין ציכטיקן בעט אַריין, האָט זי לאַנג נישט געקאָנט צומאַכן קיין אויג. דורך דער וואַנט האָט אסתר געהערט, ווי פרוי סטאַניסלאַוואַ דערציילט עפּעס איר נישט סימפּאַטישן חתן. קיין ווערטער האָט זי נישט געקאָנט כאַפּן, אָבער דערפאַר האָט זי בפירוש געהערט, אַז פון צייט צו צייט ברעכן זיי ביידע אויס אין אַ הילכיק געלעכטער.

נישט האָבנדיק אייגנטלעך קיין שום סיבה אַזוי צו טראַכטן, האָט אָבער אסתרן זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס רעדט מען אין יענע חדרים וועגן איר און דאָס לאַכן, לאַכט מען טאַקע פון איר...

***

ווען זי האָט זיך צומאָרגנס אינדערפרי איבערגעוועקט, איז אין דער וווינונג ווידער קיינער נישט געווען, אויסער דער אַלטער דינסט. אסתר האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און גענומען דער אַלטער צוהעלפן אין דער שטוב־ווירטשאַפט און אינעם צוגרייטן דאָס מיטאָג־עסן. אין אָנהייב האָט די אַלטע זיך קעגן דעם געוועהרט, אָבער דאָס באַחנטע מיידל האָט באַוויזן שנעל צו צעשטערן די וואַנט פון אומצוטרוי און עס האָט זיך אַפילו אָנגעהויבן שפּינען אַ סימפּאַטיע צווישן זיי ביידע.

בעתן רוימען די שטובן האָט אסתר געהאַט די געלעגנהייט גענויער זיך צוצוקוקן צום מעבל און דאַן איז איר אויפפאַלנד געוואָרן, וואָס הגם די וווינונג האָט געשיינט אָנצוגעהערן צו רייכע בעלי־בתים, איז זי אָבער איינגעאָרדנט געווען אָן אַ ברעקל געשמאַק און דאָס מעבל אַליין האָט אויסגעזען צו שטאַמען פון — פאַרשיידענע קאָמפּלעטן.

— מ׳סתמא אויפגעקומענע גבירים... — האָט אסתר געטראַכט ביי זיך — איינגעקויפט מעבל־שטיקער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און

דערנאָך צונויפגעשטוקעוועט... און אפשר איז עס גאָר מעבל, וואָס יידן האָבן אַריינגעגעבן אויסצובאַהאַלטן?

זי האָט אַ פרעג געטאָן ביי דער אַלטער דינסט. די אַלטע האָט ווי־דער נישט קלאָר געענטפערט. פלוצלונג אָבער האָט זי זיך האַסטיק אויס־געדרייט צו אסתרן און גלייך, ווי זי וואָלט מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן אין איר שווייגן, אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָסטו געזאָגט? אַז זיי האָבן אַריינגענומען דאָס יידישע מעבל אויף אויסצובאַהאַלטן עס? אַזוי האָסטו, נאַריש קינד, געמיינט, יאָ? זיי באַהאַלטן אויס די חפצים, כדי שפּעטער זיי אָפּצוגעבן די יידן?

פון גרויס אויפרעגונג איז איר דאָס גאַנצע פּנים אָנגעלאָפן מיט בלוט, טרערן האָבן פאַרגאָסן די אויגן. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט וועלן אַרויסברענגען שווערע און שאַרפע ווערטער, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט אדורך דורכן האַלדז. זענען געבליבן שטעקן...

אסתר האָט געקוקט אויף דער אַלטער מיט ברייט צעעפנטע אויגן. דאָס האַרץ האָט אַלץ שטאַרקער געקלאַפּט. פון דער האַנט איז אַרויס־געפאַלן די באַרשט.

— וואָס איז מיט אייך? פאַרוואָס רעגט איר זיך אַזוי אויף?... גאָט מיינער... ווער זענען די מענטשן? זאָגט, איך בעט אייך, איר זאָלט מיר זאָגן... פאַרוואָס איז נישט מעגלעך, אַז זיי זאָלן באַהאַלטן ביי זיך יידיש מעבל, זיי זענען דאָך אַזעלכע גוטע און האַרציקע מענטשן... די „פּאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט מיר דאָס לעבן געראַטעוועט... אויסגעקויפט מיך...

די אַלטע האָט זיך באַהערשט. גענומען ווידער ווישן דעם שטויב פון די פיגורעלעך, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף דער ברוין־רויט־לעכער גלאַנצנדיקער פלאַך פונעם מאַכאָנענעם בופעט און לאַנג נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— דו ביסט נאָך אַ נאַאיוו און נאַריש מיידל... — האָט זי ענדלעך אַ זאָג געטאָן — די אַנדערע האָבן אויך אַזוי געטראַכט, ווי דו... און וואָס איז פון זיי געוואָרן?...

אסתר איז צוגעשטאַנען צו דער אַלטער זי זאָל איר אויפקלערן, וואָס

דאָס אַלץ באַדייט, אָבער די דינסט האָט זיך פאַרעקשנט און מער נישט גע־וואָלט גאָרנישט זאָגן.

עס איז אָנגעקומען דער אָוונט און מען האָט זיך ווידער זאַלבעדריט געזעצט צום טיש. דאָס מאָל האָט „פאָן ראָמאַן" שוין מיטגעבראַכט אַ פלאַש בראָנפן און גענומען גיסן אין די גלעזעלעך. אסתר האָט איר גלעזל האַסטיק אַוועקגערוקט.

— וואָס טוט איר? — האָט ראָמאַן געפרעגט אַ פאַרחידושטער און אַנטוישטער.

— איך האָב נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געטרונקען קיין בראָנפן און כ׳וועל איצט נישט אָנהויבן...

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס איר טרינקט נישט. בראָנפן העלפט זייער שטאַרק אין לעבן...

— למשל?...

— די משקה העלפט צו פאַרגעסן וועגן זאַכן, וואָס ס׳איז טאַקע כדאַי וועגן זיי נישט צו געדענקען...

— איך בין נאָך קיינמאָל נישט באַגאַנגען אַזאַ זאַך, וואָס כ׳זאָל וועלן פאַרגעסן... און אויך וועגן מיין נאָענטער פאַרגאַנגענהייט וויל איך נישט אויפהערן צו טראַכטן...

— יאָ, יאָ... אָבער עס איז טיילמאָל גוט צו קאָנען פאַרגעסן וועגן דער קעגנוואַרט.

— מיינט איר, הייסט עס, אַז עס דערוואַרטן מיך זאַכן, וואָס עס וועט גלייכער זיין צו פאַרגעסן?...

— ווער ווייסט: ס׳איז דאָך מלחמה...

— פאַרן טויט האָב איך קיין מורא נישט.

— ריכטיק, ריכטיק, נאָר נישט דאָס האָב איך געמיינט... נישט וועגן טויט האָב איך געטראַכט, נאָר גראָד וועגן אייער איצטיק לעבן. עס דערוואַרטן אייך, אפשר, מאָמענטן, ווען איר וועט באַדויערן, הלמאַי איר ווייסט נישט, ווי אַזוי צו באַטויבן דעם מוח מיט בראָנפן און צו באַרוישן די געפילן מיט אַ ביסל וויין...

די דאָזיקע ווערטער, וואָס ראָמאַן האָט פּאַמעלעך אַרויסגעלאָזט פֿון צווישן די ציין, קוקנדיק דערבײַ אויף אסתרן מיט פֿאַרזשמורעטע אויגעלעך, האָבן אויפֿן מיידל געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. זי האָט זיך גענומען אומרואיק אומקוקן און דרייען אויף דער באַקוועמער ביז איצט שטול, ווי עס וואָלט איר פּלוצלינג אָנגעהויבן ברענען. „פּאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט דאָס גלײַך באַמערקט און אונטערגעקומען מיט אַן אינטערוועניץ:

— וואָס דרייסטו איר אַ קאָפּ מיט זאַכן, וואָס זי הויבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין? און וואָס ווילסטו פֿון איר בכלל? — האָט זי געשריען אויפֿן חתן אירן — ווער זאָגט דען, אַז עס דראָען איר אומהיימלעכע מאָמענטן? גראָד פֿאַרקערט, זאָג איך... גאָר פֿאַרקערט. זי איז שיין און יונג. עס דערוואַרט איר ווילטאָג און ליבע, יאָ — ליבע... קאָן דען זײַן אַ שענערע זאַך אין מענטשלעכן לעבן, ווי ליבע? אמת, טײַערינקע?

אסתר האָט גאָרנישט געענטפֿערט. זי האָט כסדר געטראַכט וועגן די ווערטער פֿונעם אומבאַקאַנטן, און וואָס מיינט ווידער סטאַניסלאַוואַ מיט דער — ליבע, וואָס זי דערמאָנט אַזוי אָפֿט אין איר אָנוועזנהייט? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס דאָזיקע הויז מיט — ליבע?... וואָס לענגער זי איז פֿאַרבליבן אין אָט דער וווינונג, אַלץ מער האָט אסתר געהאַט דעם אײַנדרוק, ווי זי וואָלט געהאַלטן אין האַנט אַ בוך מיט נישט אויפֿגעשניטענע זײַטלעך. די נעמען פֿון באַזונדערע קאַפּיטלען קאָן זי איבערלייענען, אָבער וואָס טוט זיך דאָרט אין די קאַפּיטלען גופֿא? מען דאַרף וואָס שנעלער די זײַטלעך פֿונאַנדערנעמען. בפֿרט נאָך, ווען דאָס פֿאַרגעפֿיל זאָגט אונטער, אַז דער אינהאַלט פֿונעם בוך איז גאָר נישט היימלעך...

צומאָרגנס האָט אסתר ווידער געהאָלפֿן דער אַלטער דינסט ביים אויפֿרוימ'ען די שטובן. דאָס מאָל האָט זי, נישט געקוקט אויף דער אַלטערס פּראָטעסטן, גענומען זיך צום פּראָטערירן די פּאָדלאָגעס. אַרויסגעשלעפּט פֿונעם קעמערל די שווערע באַרשט מיטן בלײַענעם דנאָ און גערוקט זי מיט גרויס אָנשטרענגונג אַהין און צוריק איבער די קעסטלעך און דרייעקן פֿונעם גלאַטיקן פּאַרקעט. די פּאָדלאָגע האָט געבלאַנקט נאָך פֿון נעכטן און אייערנעכטן, נאָר — נישקשה, אַ געזעץ אַזאַ ביי די מאַדאַמען, אַז מען

דאַרף איבער איר האַרעווען יעדן טאָג, כדי מען זאָל זיך אין איר קאָנען שפּיגלען...

ווען אסתר האָט אין אַ געוויסן מאָמענט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וועלנדיק אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אויסווישן דעם שווייס אויפן שטערן, האָט זי באַמערקט, ווי די אַלטע שטייט און קוקט אויף איר מיט אַ מאָדנער מילדקייט און ליבלעכקייט. זי האָט דערפילט, אַז דאָס איז נישט בלויז אויס דאַנקבאַרקייט פאַרן אַרויסהעלפן ביי דער שווערסטער אַרבעט און געפרעגט:

— פאַרוואָס קוקסטו אויף מיר אַזוי?

— דו דערמאָנסט מיר עמיצן...

— אַ טאָכטער אפשר?

— ניין, קיין קינדער האָב איך נישט געהאַט... אָבער דאָ, אין דער זעלביקער וווינונג, אויף אָט דער פּאָדלאָגע, איז יאָרנלאַנג אַרומגעלאָפן אַ מיידעלע, וואָס איך האָב דערצויגן און ליב געהאַט, ווי אַן אייגנס... אויך זי פלעגט אַרויסנעמען דעם שטעקן פון דער באַרשט — פון מיין האַנט אַרויס און געפּרוווט שלעפן די באַרשט איבערן פּאַרקעט... זי איז אָבער צו קליין און שוואַך געווען און נישט געקאָנט די שווערע משא אַ ריר־טאָן פון אָרט...

— און ווו איז דאָס מיידעלע היינט? האָט זי געהאַט עפּעס אַ שייכות צו דער פרוי סטאַניסלאַוואַ און דעם הער ראַמאַן?

— ניין, ניין, קיין שום שייכות נישט...

— טאָ ווו קומט זי אין דער זעלביקער וווינונג, אין זייער דירה, הייסט עס?...

— זייער דירה? קינד מיינס, וואָס רעדסטו פאַראַ נאַרישקייטן?... איך אַרבעט דאָ שוין לאַנגע יאָרן, איך האָב געאַרבעט ביי די עלטערן פון די אמתע בעלי־בתים...

— און פּאַני סטאַניסלאַוואַ?

— זי... האָט צוזאַמען מיטן שותף אירן צוגערויבט די וווינונג ביי די יידישע בעלי־בתים...

אסתר האָט אַרויסגעלאָזט דעם באַרשט־שטעקן פון האַנט.

— צוגערויבט ביי יידן?... גאָט מיינער, ווהין בין איך אַריינגעפאַלן?... ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט, דערציילט, דערציילט...

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן? זיי האָבן פאַרמסרט און אונטערגעשיקט דייטשן. יענע זענען אַריינגעפאַלן, ווי ווילדע. געשריגן „וועג, וועג" און אַלע אַרויסגעטריבן. צו מיר איז אויך צו איינער פון זיי און געפרעגט, צי איך בין „יודע", ווייל איך האָב שטאַרק געוויינט, זעענדיק וואָס עס קומט פאָר. איך האָב געענטפערט, אַז כ'בין אַ פּוילישע, האָט דער דייטש געזאָגט, אַז כ'זאָל פאַרבלייבן היטן די וווינונג און דאָס מעבל, וואָס געהערט שוין מער נישט צו די יידן. „דו ביסט פאַר אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ, פאַראַנטוואָרטלעך מיט דיין קאָפּ" — האָט ער נאָך געזאָגט — „אַלץ איז געענוי פאַרשריבן אַלס אייגנטום פון דריטן רייך און פאַר אָנרירן אַזאַ אייגנטום קומט טויט־שטראָף"...

— און ווייטער, וואָס איז פאָרגעקומען ווייטער?...

— איך האָב געהאַלטן אין איין וויינען... ווען די קליינע מירקע, דאָס טעכטערל פון מיינע בעלי־בתים... גוטע און פיינע מענטשן געווען, גאָט זאָל זיי באַשיצן... ווען מירקע האָט ביים געזעגענען זיך אַרומגענומען מיך און געקושט, האָט דער דייטש דאָס נישט געקאָנט אויסהאַלטן און גענומען שלעפּן און שלאָגן די קליינע... איך האָב זי אַרויסגעפירט אויף דער גאַס. אַ ווייל מ'יידעלע געווען און מוטיק, קיין טרער האָט זי נישט געלאָזט, נאָר געביילט די קליינע פויסטלעך און געקריצט מיט די ציין. שפּעטער איז זי נאָך עטלעכע מאָל געקומען צו מיר פון געטאָ, אַז איך זאָל מיט עפּעס העלפן, האָב איך איר געגעבן אַ פּאָר חפצים, וואָס כ'האָב אין דער לעצטער רגע באַהאַלטן. מיט מאַנאַטן צוריק האָב איך מיין מירקעלע געזען דאָס לעצטע מאָל. אַ, ווי שרעקלעך האָט זי שוין אויסגעזען...

— באַלד צומאָרגנס, נאָכן אַרויסטרייבן מיינע בעלי־בתים זיינען די דייטשן ווידער געקומען און אַריינגעפירט דאָ אַהער די איצטיקע מאַדאַם מיינע מיט איר פּאַן ראַמאַן. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן פון איצט אָן היטן די וווינונג מיטן מעבל און אַז אויב איך וויל, קאָן איך ווייטער פאַרבלייבן. וואָס האָב איך געדאַרפט טאָן? ווהין גיין אויף די אַלטע יאָרן? צוגעוווינט זיך אַזוי צו דער וווינונג. ס'איז מיר טייער יע־

דעס ווינקעלע... פאַני סטאַניסלאַוואַ האָט צו מיר געזאָגט, אַז אויב כ׳בין אַזוי פיל יאָרן געווען ביי יידן, קען איך זיכער גוט קאָכן, נאָר וואָס שייך ריינקייט — וועט זי שוין אַליין צוהיטן. דו פאַרשטייסט, וואָס זי האָט דערמיט געמיינט צו זאָגן? אַז ביי יידן איז געווען שמוציק און ביי איר דאַרף זיין, הייסט עס, ריין. נו... קאָן איך דיר שוין זאָגן, אַז קיין ריינערע מענטשן, ווי מ׳יינע בעלי־בתים, האָב איך אויף דער וועלט נישט געזען. און געדינט האָב איך שוין אין צענדליקער פוילישע הייזער אויך.

— און ווייטער, ווייטער וואָס איז געווען? — האָט אסתר געשעפּטשעט, ווי אין פיבער.

— וואָס איז ווייטער געווען? אָט, גאָרנישט נישט... אין אַ וואָך אַרום זענען די דייטשן ווידער געקומען און אַרויסגעפירט דאָס מעבל פון די צוויי שענסטע צימערן: פונעם סאַלאָן און פון דער שלאָפשטוב. עפּעס אַ גענעראַל איז געקומען קיין וואַרשע, האָבן זיי געזאָגט, און מען דאַרף האָבן שיין מעבל פאַר זיינע שטובן... נאָך זייער אַוועקגיין האָט פאַן ראַמאַן געשאָלטן מיט מיאוסע רייד, אָבער פאַני סטאַניסלאַוואַ האָט אים באַרואיקט, זאָגנדיק, אַז ס׳איז היינט נישט אַזוי שווער צו באַקומען מעבל. מען טרייבט פון אומעטום די יידן, האָט זי געזאָגט, און מען דאַרף נאָר האָבן דעם קאָפּ אויפן קאָרק. שפּעטער האָט זי טאַקע געהאַלטן אין איין ברענגען שטיקער מעבל. צו איין שטיקל, אָדער צוויי — פון אַ קאָמפּלעט. האָסטו דען אַליין נישט דערקענט, אַז דאָס זענען נישט קיין גאַנצע מעבל־קאָמפּלעטן?...

אסתר האָט נישט געענטפערט; זי האָט אַפילו רעכט די פראַגע נישט געהערט. דער מוח אירער איז געווען באַשעפטיקט מיט עפּעס אַנדערש. געפּרוווט געפינען אַ תשובה אויף דער איצט פאַר איר וויכטיקסטער פראַגע: — און ווי קומט עס, אַז אַזאַ איינע, ווי פרוי סטאַניסלאַוואַ ווייזט זיך אַרויס צו זיין, זאָל זי גאָר ראַטעווען, אויסקויפן פון אַ „שמאַלצאַווניקס" הענט? צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן? וועגן הומאַניטאַרע מאָטיוון איז דאָך אָפּגערעדט! צי קאָן זי נאָך דאָ ווייטער פאַרבלייבן אין דאָזיקן הויז? און פאַרוואָס זאָל זי אייגנטלעך נישט בלייבן? וואָס דראָעט איר? ניין, ווי לאַנג זי ווייסט נישט פאַרוואָס מען האָט זי געראַטעוועט, קאָן

זי גאָרנישט באַשליסן. איז אַ לייכטע זאַך איבערצולאָזן אַזאַ ליכטיקע שטוב און צו לאָזן זיך אין דער שטאָט אַריין, וווּ יעדער דורכגייער קאָן איר ווידער פאַרשטעלן דעם וועג און ווידער אַ פרעג טאָן: — אייערע דאָקומענטן, פריילין?...

האָט אסתר אַלץ מערער געוואָלט געוויר ווערן פון דער אַלטער. טאָמער דערציילט זי איר פאָרט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל געבן אַ מעגלעכקייט אָנצונעמען אַ באַשלוס: בלייבן. אוי, וואָלט זי וועלן בלייבן...

— נאָך היינט פאַרנאַכט וועל איך זיי זאָגן, אַז איך וויל נישט שלאָפן אין קיין בעט, וואָס איז געריבט געוואָרן ביי יידן... — האָט אסתר פּלוצלינג אויסגערופן וועלנדיק זיך איבערצייגן, ווי אַזוי די אַלטע וועט רעאַגירן — און כ׳וועל אַוועקגיין, ווהין די אויגן וועלן מיך פירן. און נאָך אַ טראַסק טאָן מיט דער טיר הינטער מיר...

די אַלטע איז בלייך געוואָרן. זי האָט גענומען פאַרברעכן די הענט און בעטן זיך ביי אסתרן:

— ווילסט אומגליקלעך מאַכן זיך און מיך? וואָס האָב איך דיר שלעכטס געטאָן, אַז דו גייסט אָפּטאָן מיר אַזאַ זאַך? זיי וועלן גלייך פאַרשטיין, אַז איך האָב דיר וואָס־איז נישט דערציילט... אין געשטאַפּאָ וועלן זיי מיך פאַרמסרן... דאָס זענען דאָך נידערטרעכטיקע מענטשן. דו ווילסט אַנטלויפן, גוט, זייער גוט. דאַרפסט טאַקע אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער זיי דאַרפן פריער גאָרנישט וויסן, ווייל טאָמער ווערן זיי עפּעס געוויר, טאָמיר דערשנאָפּן זיי, אַז קיין נוצן וועלן זיי פון דיר נישט האָבן, וועסטו נאָך, גאָט באַהיט, ענדיקן אַזוי ווי יענע מיידלעך...

— וואָס פאַר אַ נוצן ווילן זיי פון מיר האָבן? און ווער זענען דאָס געווען יענע מיידלעך? זאָגט מיר, זאָגט... איך בעט אייך...

די אַלטע האָט זיך ענדלעך אַנטשלאָסן צו דערציילן אסתרן דעם גאַנצן אמת. צוליב וועלכע מאָטיוון זי האָט דאָס געטאָן — איז נישט באַוווּסט. אויס דאַנקבאַרקייט פאַר די יידן, ביי וועלכע זי האָט יאָרנלאַנג געדינט און וווּ „עס איז איר אַזוי גוט געווען, ווי אין גן־עדן“, אָדער פּשוט דערפאַר, וואָס אין איר האָט זיך אָפּגערופן די שטים פון מענטש, וועלכער האַלט פאַר זיין חוב צו וואָרענען אַ מיטמענטש פאַר דער לויערנ־

דיקער געפּאַר — די אַלטע אַליין האָט זיכער נישט געוווסט פּאַרוואָס. זי האָט זיך מיט אסתרן אַוועקגעזעצט אויפן מיט בלויען אַטלאַס באַצויגענעם שעזלאָנג און דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געזען און געהערט אין די שיינע און רחבותדיקע חדרים פון דאָזיקן הויז.

„פּאַני סטאַניסלאַוואַ" איז פאַרן קריג געווען די אייגנטימערין פון אַ לאָקאַל, וועגן וועלכן די אַלטע דינסט האָט געוווסט אסתרן צו דערציילן בלויז דאָס, אַז ער האָט זיך געפונען ערגעץ־ווו אויף קרוטשע גאַס אין וואַרשע און איז מיט עטלעכע יאָר פאַרן קריג געשלאָסן געוואָרן דורך דער פּאָליציי „נאָך עפּעס אַ גרויסן סקאַנדאַל און פּראָצעס".

ווען אסתר האָט מיר דערציילט די־אָ גאַנצע געשיכטע, האָט זי נאָך געדענקט צוצוגעבן איין נאָמען, וועלכן די אַלטע דינסט האָט דערמאָנט. די אַלטע האָט, נעמלעך, איבערגעגעבן, אַז וויפיל מאָל „פּאַני סטאַניסלאַוואַ" רעדט וועגן יענעם „סקאַנדאַליעזן פּראָצעס", רופט זי אָן דעם נאָמען פון „פּרוי דאָקטאָר סאַדאָווסקאַ". דער דאָזיקער נאָמען האָט מיר אויפגעקלערט פיל מער, ווי דאָס האָט געוווסט די אַלטע דינסט און דאָס יונגע מיידל. דער נאָמען פון פרוי ד"ר סאַדאָווסקאַ האָט אין מיין זכרון אויפגעפרישט אַ סענסאַציאָנעלע מעשׂה, וועלכע האָט זיך אָפּגעשפּילט לאַנגע יאָרן פאַרן קריג און וואָס האָט במשך פון אייניקע וואָכן געהאַלטן אין שפּאַנונג גאַנץ פּוילן.

געהאַנדלט האָט זיך דעמאָלט וועגן אַ גוט אָרגאַניזירטער חברותא, וועלכע האָט איינגעאָרדנט אין וואַרשע און אין אַנדערע גרעסערע שטעט פון פּוילן לוקסוסאַרטיקע „פּאַרוויילונגס־הייזער", וווהין עס פלעגן אַריינגעצויגן ווערן מיידלעך און פרויען פון דער אַזוי גערופענער בעסערער געזעלשאַפט. די באַנדע האָט צו איר דיספּאָזיציע געהאַט גרויסע געלטער. יונגעלייטלעך מיט עלעגאַנטע מאַנירן און פיינגעשליפענע צינגלעך פלעגן פאַרוואַרפן נעצן אויף באַזונדערס שיינע פרויען און מיט דער הילף פון די ראַפינירטע מעטאָדן אַריינציען זיי אין די דערמאָנטע לאָקאַלן. געווען, אַז אַ מיידל פון אַ באַלעבאַטישער היים, אָדער אַ יונגע פרוי פון אַ מאַן אויף אַ הויכן פּאָסטן זאָל — אָנהויבנדיק ביי אַ גאַנץ אומשולדיקן פלירט — איינמאָל זיך לאָזן איינלאַדן אין איינעם פון די לאָקאַלן, וואָס

האָבן געדרייצט מיט זייער לוקסוס און געלאָקט מיט סודותפולער קאָנספּי־ראַטיווקייט, אַז זי זאָל זיך שוין מער נישט קאָנען אַרויסבאַקומען פון דער פּאַסטקע.

ווען די צאָל קרבנות איז געוואָרן אַלץ גרעסער און בפרט נאָכדעם, ווי אין די אויסגעשפּרייטע נעצן זענען אַריינגעפאַלן עטלעכע ווייבער און טעכטער פון גאָר הויכגעשטעלטע פּוילישע פּערזענלעכקייטן, האָט די פּאָ־ליציי, וועלכע פלעגט ביי דער באַנדע באַקומען גרויסע לאָ־יחרץ־געלטער, שוין מער נישט געקאָנט שווייגן און עס איז געקומען צו אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. עס איז קודם אַרעסטירט געוואָרן די אַנפירערין פון דער „גע־זעלשאַפט" — די אַקושעריע־דאָקטאָרין סאַדאָווסקי און די „דירעקטאָרן" און „דירעקטריסעס" פון די אַלע לאָקאַלן. בעת דער אויספאָרשונג איז אַנטפּלעקט געוואָרן, אַז הונדערטער פרויען, וואָס זייערע מענער האָבן זיי געהאַלטן פאַר די אומשולדיקסטע און ערנטלעכסטע אין דער וועלט, האָבן פיגורירט אין די אייגנאַרטיקע „אַלבאָמען" פון יענער חברה. יעדער די־רעקטאָר פון אַזאַ לאָקאַל האָט ביי זיך געהאַט איינעם פון די אַלבאָמען, וווּ עס זענען אַריינגעקלעפּט געווען פּאָטאָ־אויפנאַמעס פון די פרויען־קרבנות (אָן קליידער, נאָר מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים). דער „גאַסט" פלעגט זיך אויסקלייבן אַ פרוי — לויט דער פאָטאָגראַפיע — און דער דירעקטאָר האָט זי שוין צוגעשטעלט צו דער אָפּגערעדטער צייט. לגבי די פרויען, וואָס האָבן געפּרוווט זיך ווערן, איז אָנגעווענדט געוואָרן שאַנ־טאַזש אין אַלע זייערע פאָרמען און ניואַנסן... היות עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז צו די „געסט" פון אָט די לאָקאַלן האָבן געהערט באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן. (מען האָט, למשל, דערציילט, אַז אַן אָפטער איינגייער איז דאָרט געווען דער אַמאָל באַרימטער אין פוילן גענעראַל וויעניאַוואַ־דלוגאַשאָווסקי, איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון יוזעף פּיל־סודסקי און פוילישער אַמבאַסאַדאָר אין רוים), זענען געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען צו פאַרווישן און פאַרטושן די גאַנצע אַפערע. דער פּראָצעס קעגן דער פרוי סאַדאָווסקי און אירע שותפים איז פאָרגעקומען ביי פאַר־מאַכטע טירן און די פּרעסע האָט נישט געטאָרט ברענגען קיין נענטערע פּרטים. דאָס אָבער, וואָס ס'איז יאָ דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט, איז

גענוג געווען, אַז די ווערטער „סאַלאָנען פון מאַדאַם סאַדאָווסקאַ" זאָלן אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן ווערן אַ סינאָנים פון ליבע־שאַנטאַזשן און ראַפינירטער אויסגעלאַסנקייט.

ווער איז, אַלזאָ, געווען די „פּאַני סטאַניסלאַוואַ" — אסתרס „מלאך הגואל"?

נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַן אַמאַליקע מיטהעלפערין פון דער פרוי סאַדאָווסקי און די „דירעקטריסע" פונעם „סאַלאָן" אויף קרוטשאַ גאַס; זי האָט אויך פאַרנומען די באַשולדיקונגס־באַנק בעתן פּראָצעס ביי פאַרמאַכטע טירן.

געשטאַמט האָט סטאַניסלאַוואַ פון אַ גוטער פּוילישער משפחה. געענדיקט האָט זי אַ מיטלשול און אָנגעהויבן שטודירן אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט. פרוי סאַדאָווסקי האָט געהאַט אירע אַגענטן אויך צווישן די סטודענטן. נאָך אַ סטודענטישן באַל, בעת וועלכן זי האָט זיך באַקענט מיט אַ העכסט עלעגאַנטן „סטודענט" מיט פּעך־שוואַרצע האָר און אַ פאַרפירערישן שמייכל, איז זי דורך אים פאַרנאַרט געוואָרן אין אַ נאַכט־לאָקאַל, ווו זי האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן דערפילט דעם טעם פון שוימיקן שאַמפּאַניער־וויין...

נישט לאַנג איז אָבער סטאַניסלאַוואַ געווען בלויז אַ קרבן פון דער באַנדע. געפינענדיק זיך אין שלעכטע מאַטעריעלע באַדינגונגען, האָט סטאַניסלאַוואַ באַשלאָסן איר מאָראַליש אומגליק צו פאַרוואַנדלען אין מאַטעריעליש „גליק" און איז בקרוב געוואָרן אַ שותּפטע צו די „געשעפטן" פון פרוי סאַדאָווסקי.

אין מאָמענט פון מלחמה־אויסברוך איז סטאַניסלאַוואַ נאָר־וואָס אַרויס פון דער תּפיסה, נאָכן אָפּזיצן דעם געריכטס־אורטייל. זי איז געווען אויף געהאַקטע צרות און געזוכט אַן אופן זיך צוריק צו „פּאָכראַפּיען".

אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך אונטערגערוקט, ווען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געשטעלט געוואָרן אויסערן געזעץ, דאָס יידישע לעבן — הפקר און דאָס יידיש האָב־און־גוטס — אַן אָביעקט פון גזילה און רויב.

„פּאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט דערפֿילט, אַז איר שעה האָט ווידער גע־שלאָגן. זי האָט צוריק אָנגעקניפּט די צעריסענע קאָנטאַקטן מיט אירע געוועזענע מיטאַרבעטער און העלפֿער, וועלכע האָבן זיך אַלע איצט, פֿאַר־שטענדלעך, געדרייט אַרום „יידישע עסקים" און געשאַרט געלט מיט ביידע הענט. סטאַניסלאַוואַ האָט באַנייט די אַמאָליקע „אונטערנעמונג" פֿון מאַ־דאַם סאַדאָווסקי, נאָר זי צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און אָקופּאַ־ציע־אומשטענדן.

דער ערשטער אַקט איז באַשטאַנען אין אויסשפּירן און אויסזוכן דעם קרבן. דערצו האָט פּרוי סטאַניסלאַוואַ זיך באַנוצט מיט דער ריזיקער מחנה „קריפּאַ"־פּאָליציאַנטן, געהיים־אַגענטן, סתם שאַנטאַזשיסטן און „שמאַלצאָווניקעס", וואָס האָבן געטשאַטעוועט און געלויערט אַרום די גע־טאָ־מויערן. זעלטן פֿלעגט טרעפֿן אַזאַ פֿאַל, ווי מיט אסתרן, אַז דער פּאַסיקער קרבן זאָל דער פּרוי סטאַניסלאַוואַ ממש אַליין אַריינפֿאַלן אין די הענט. אָפֿטער איז עס געווען אַזוי, אַז אַ פּאָליציאַנט אָדער אַגענט פֿלעגט בלויז מודיע זיין סטאַניסלאַוואַן, אַז אויף דער אַרישער זייט האָט זיך באַוויזן אַ שיין מיידל, וואָס קאָן זיין אַ „סחורה" פֿאַר איר. מען דאַרף אָבער פֿעסטשטעלן, צי דאָס איז טאַקע אַ זשידוווקע און מען דאַרף אויך וויסן, ווי אַזוי צו פֿאַרזיכערן, אַז זי זאָל נישט „אויסגעכאַפּט ווערן" דורך יענע לייט, וועלכע זענען נאָר אידעאישע אַנטיסעמיטן און קאָנען זי אַי־בערגעבן גלייך אין געשטאַפּאָ. פֿאַרשטייט זיך, אַז סטאַניסלאַוואַ האָט פֿאַר דער געשטאַפּאָ נישט מורא געהאַט. זי האָט אויך אַהינצו געהאַט אירע דרכים און נישט איין יידיש מיידל האָט זי אַרויסגעשלעפּט ביי דער בעסטיע ממש פֿון גאָרגל אַרויס. אַזאַ מין אָפּעראַציע האָט אָבער געפּאָ־דערט זייער פֿיל אָנשטרענגונג און געלט און סטאַניסלאַוואַ פֿלעגט דאָס דורכפֿירן נאָר אין אויסנאַם־פֿאַלן, ווען זי האָט געגלויבט, אַז עס וועט לוינען...

דער צווייטער אַקט פֿלעגט זיך אָנהויבן פֿון אַריינבאַקומען דאָס מיידל אין איינער פֿון די „מלינות", וואָס זענען אַלע איינגעאָרדנט געוואָרן אין ווינונגען, פֿון וואַנען מען האָט אַרויסגעטריבן די יידישע לאָקאַטאָרן. פּונקט אַזוי ווי אסתר, האָט יעדעס מיידל געמיינט, אַז עס איז געראַטע־

וועט געוואָרן דורך מלאכים, פון הימל געשיקטע. שנעל פלעגט זיך אָבער די מיינונג ענדערן. בלויז אין די ערשטע טעג האָט אַזאַ מיידל געלעבט אין רו און ווילטאַג. „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט געוווסט, אַז קודם דאַרף מען דעם מיידל לאָזן זיך אויסרוען און קומען צו זיך. וואָס מער זיי וועלן פאַרסמאַקעווען אין ווייכן און ציכטיקן געלעגער, וואָס מער זיי וועלן הנאה האָבן פון די ווייסע זעמל און שמעקעדיקער קאַווע — אַלץ שוואַכער וועט אָנקומען דער ווידערשטאַנד און דער באַשלוס פון דעם אַלעם זיך אָפּצוזאָגן.

זיצנדיק זיך אַזוי אין די ווייכע פאַטעלן און לייענענדיק רואיק די מעשה־ביכלעך, האָבן די מיידלעך קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר הינטער זייערע פּלייצעס. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז „פאַן ראַמאַן", וועלכער איז געווען אַ „פּאַרטענצער" אין דעם רייכסטן נאַכט־דאַנסינג פון וואַרשע, האָט שוין צו אַלע „קליענטן" פונאַנדערגעשיקט בריוועלעך מיט דער קורצער מעלדונג, אַז „ס'איז אָנגעקומען פרישע סחורה"... און עס גייט אָן אַ דינגעניש און אַמפּערניש. די „קליענטעלע" איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרצווייגטע. גוט־באַזיצער און אויפגעקומענע גבירים. וואַליוטע־הענדלער און שמוגלערס, אַלערליי קאָמבינאַטאָרן און „בלויע פייגל". אינעם ספּעציעלן נאָטיץ־ביכל פון „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָבן פיגורירט אויך אַדרעסן פון אַזוי גערופענע אנשטענדיקע טאַטעס פון משפחות, וועלכע זענען אָבער גרייט געווען צו באַצאָלן יעדן פרייז פאַר דער מעגלעכקייט צו קאָנען פאַרברענגען מיט אַ יונג און אומשולדיק מיידל.

פון צווישן די אַלע „קליענטן" האָט סטאַניסלאַוואַ יעדעס מאָל אויסגעקליבן נישט בלויז יענעם, וועלכער האָט פאָרגעלייגט די העכסטע געלט־סומע, נאָר זי האָט זיך באַמיט צוצופּאַסן דעם „גאַסט" צום מיידל. אָט דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט מיט אסתרן געפירט די לאַנגע שמועסן, אויסגעפרעגט זי וועגן משפחה־אָנגעלעגנהייטן און וועגן אינטימע פּרטים. נישט איין מאָל האָט זיך סטאַניסלאַוואַן איינגעגעבן אַזוי דורכצופירן דעם שפּיל, אַז דאָס מיידל האָט טאַקע אויפריכטיק געגלויבט דערין, דאָס דעם „פאַן ראַמאַנס קוזין", מיט

וועלכן זי האָט זיך באַקענט בעת דער אויפנאַמע אין גרויסן סאַלאָן, האָט זיך טאַקע אין איר פאַרליבט און אַז ער חלשט מיט איר חתונה צו האָבן...

אָפּטער אָבער פון אַלץ האָט דער דריטער אַקט געזונקען אין בראָנפן און — טרערן.

פאַרשיידנאַרטיק האָבן די מיידלעך רעאַגירט אין מאָמענט, ווען עס האָט פלוצלינג זיי אויפגעלויכטן אין מוח דער באַוווסטזיין, אַז — מען האָט זיי מיאוס אָפּגענאַרט. די אַלטע דינסט האָט געוווסט צו דערציילן וועגן פאַלן, ווען מיידלעך פלעגן צולויפן צום פענצטער און ווען זיך אַראָפּוואַרפן אויפן ברוק. אַנדערע האָבן געכאַפּט מעסערס פון טיש און געוועדט זיך. וואָס האָט אָבער אַזאַ מיידל געקאָנט אויפטאָן, אויב זי האָט געוואָלט לעבן?

אין אַזעלכע מאָמענטן איז „פאַני סטאַניסלאַוואַ" שוין זייער ווייניק ענלעך געווען צו דער „איידעלער רעטערין", וואָס האָט געראַטעוועט „דאָס אומגליקלעכע קינד". זי פלעגט אַרויפלייגן די האַנט אויפן שוואַרצן טע־לעפאָן־טרייבל און דערקלערן קורץ: — אָדער דו וועסט טאָן אַלץ, וואָס כ'וועל פאָדערן פון דיר, אָדער איך טעלעפאָניר אין געשטאַפּאָ. זאָג וואָס דו קלייבסט אויס...

געווען פאַלן, ווען מיידלעך האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. וואָכנ־לאַנג האָט זיי סטאַניסלאַוואַ געהאַלטן פאַרשפאַרט אין אַ פינצטער קע־מערל הינטער דער קיך. נישט איינמאָל האָט די דינסט געהערט אָפּהילכן שווערע קלעפּ. ווען דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפן און דאָס מיידל האָט זיך נישט געלאָזט איינברעכן, אויסווײַלענדיק דעם טויט אַנשטאָט אַ לעבן אין שאַנד, דאַן פלעגט זי אַרויסגעטריבן ווערן אין גאַס.

דאָ האָט שוין אויף איר געוואַרט כמעט אַלעמאָל דער זעלביקער חברה־מאַן, פון וועמענס שמוציקע הענט „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט אַמאָל „אויסגעקויפט" — אסתרן.

וויפיל אומגליקלעכע יידישע מיידלעך האָבן במשך פון די אָקופּאַציע־יאָרן באַקענט זיך מיט דער פאַררעטערישער ווייכקייט פון די פּאָטעלן אין „פּאַני סטאַניסלאַוואַס" סאַלאָנען? וויפל פון זיי האָבן פאַרן אַזוי טייערן פרייז כאָטש געראַטעוועט דאָס הוילע לעבן? — דאָס זענען פראַגן, וואָס

קיין תשובה וועט אויף זיי קיינמאָל נישט קומען. פאַר די אַלע, וועלכע זענען באַהאַוונט מיט דער טאַקטיק פון דעם מין שאַנטאַזשיסטן, ווי סטאַ־ניסלאַוואַ און איר חברותא, איז קלאָר, אַז די קרבנות זייערע האָבן נישט דערלעבט די באַפרייאונג אויך דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם ביטערן גורל. „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט שוין פון פאַרויס געטראַכט וועגן פאַרווישן אַלע שפורן פון אירע פאַרברעכנס. דער טראַגישער סוף פון יעדן מיידל איז געווען אַ געחתמ'עטער שוין אין דעם מאָמענט, ווען „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט איר מיט אַ מילדן און פריינטלעכן שמ'ייכל אָנגעגאָסן דאָס ערשטע גלאָז אַראָמאַטישע קאַווע...

די מיידלעך וואָלטן אפשר אויף אייביק מיטגענומען אין קבר אַריין דעם סוד פון דער רחבותדיקער וווינונג, וואָס האָט פאַרן קריג געהערט צו אברהם אייכענהאָלץ אין וואַרשע, ווען נישט דער צופאַל מיט אסתרן.

נאָכן אויסהערן די דערציילונג פון דער אַלטער דינסט, האָט אסתר פאַרשטאַנען ווי לעכערלעך זי איז געווען זאָגנדיק: — איך וועל אַוועק־גיין און נאָך אַ טראַסק טאָן מיט דער טיר...

אַ, ניין, פון „פאַני סטאַניסלאַוואַס" שיינע חדרים גייט מען אַזוי לייכט נישט אַוועק. דאָס מוז געטאָן ווערן קליגער און פאַרזיכטיקער. עס טאָר דערביי אויך נישט פאַלן דער מינדסטער חשד אויף דער אַלטער. איר לעבן וואָלט געווען איינגעשטעלט און דערויף האָט זי דאָך זיכער ביי אסתרן נישט פאַרדינט.

די אַלטע איז, אַלזאָ, קודם־כל אַוועקגעלאָפן אויפן גראָכאָוו (אַ וואַר־שעווער פאַרשטאָט), פון וואַנען זי האָט אַליין געשטאַמט און ווו עס האָבן געוווינט אירע קרובים און פריינט, און דאָרט נאָך לאַנגע זוכענישן גע־פונען פאַר אסתרן אַ באַהעלטעניש ביי אַן איינזאַמער זקנה — אַ גרינס־הענדלערין. ווי לאַנג די זוכענישן האָבן געדויערט, האָט אסתר נישט גע־לאָזט מיט גאָרנישט דערקענען, אַז זי ווייסט עפּעס. זי האָט אַזוי גוט געשפּילט די ראָל, אַז „פאַני סטאַניסלאַוואַ" האָט טאַקע גאָרנישט חושד געווען און גענומען דאָס מיידל צוגרייטן צום באַזוך פון ערשטן „גאַסט". זי האָט, נעמלעך, דערציילט דעם מיידל מ'יט אַ סודותפולער מינע, אַז בקרוב קומט אַראָפּ קיין וואַרשע אירס אַ ווייטער קוזין, אַ מיליאָנער. דאָס

ערשטע ווייב זיינס איז אומגעקומען בעת דער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע אין יאָר 1939 און ער, דער מיליאָנער הייסט עס, זוכט איצט אַרום אַ מיידל, וואָס זאָל ראוי זיין צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אומגליקלע־כער. זי — סטאַניסלאַוואַ — ווינטשט אַלדאָס גוטס סיי דעם ווייטן קו־זין אירן און סיי אסתרן (זי איז איר טייערער, ווי אַן אייגן קינד...) און זי האָט דעריבער באַשלאָסן... — וואָס האָב איך באַשלאָסן, מיינסטו, צו טאָן? דערוויַיל מער גאָרנישט, ווי איינצולאָדן דעם קוזין מיינעם אויף אַן אָוונטברויט צו מיר... ער איז אַ זיכערער מענטש און דו וועסט דרייסט קאָנען זיך זעצן צוזאַמען מיט אונדז צום טיש. ער וועט, איבעריקנס, קיין אַנונג נישט האָבן, ווער דו ביסט. איך וועל דיך פאַר אים פאָרשטעלן אַלס אַ טאָכטער פון מיין בעסטער פריינדין. און גאָט זאָל העלפן, אַז דו זאָלסט אים געפעלן ווערן. דאָס וואָלט פאַר דיר געווען דאָס גרעסטע גליק, ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז דו זאָלסט אויך דערפילן, וואָס עס הייסט אַ ביסל גליק אין לעבן... — האָט „פּאַני סטאַניסלאַוואַ" טיף אָפּגעזיפצט און פרום פאַרגלאָצט די אויגן.

— יאָ, טאַקע שוין די העכסטע צייט... — האָט אסתר אויך געענט־פערט מיט אַ טיפן זיפץ, אַוועקדרייענדיק דאָס פּנימל צום פענצטער, כדי די גוטע „פּאַני" אירע זאָל נישט באַמערקן דעם בליאַסק פון טרערן אין אירע אויגן.

סטאַניסלאַוואַ האָט דעם זיפץ אויפגענומען מיט גרויס צופרידנקייט. זי האָט אים אויסגעטייטשט אַלס — הסכמה צו באַקענען זיך מיט דעם מיליאָנער.

— געדענק־זשע, אַז דעם נאָענטסטן זונטיק וועסטו זיין ביי מיר אויף אַ גרויסער אויפנאַמע... דאָס וועט זיין אַ וויכטיקער אָוונט פאַר דיר. די גאַנצע צוקונפט דיינע הענגט, אפשר, אָפּ פון דעם אָוונט...

שבת ביי־טאָג איז אסתר אַנטלאָפן.

ווען סטאַניסלאַוואַ האָט זיך פאַרנאַכט אומגעקערט אַהיים, אַ באַלאָ־דענע מיט שפּייז־פּראָדוקטן און וויין־פלעשער פאַר דער זונטיקדיקער אויפנאַמע — האָט איר די אַלטע דינסט אויפגענומען מיט אַ גרויס גע־וויין און מיט דער ביטערער בשורה, אַז „דאָס מיידל האָט ביי איר פלוצ־

לינג אַרויסגעריסן דעם שליסל פון האַנט, אויפגעשלאָסן די טיר און — איז אַוועק, דער טייוול ווייסט וווהין... און וואָס האָט זי געזאָלט טאָן? האָט זי דען אויף אירע אַלטע פיס געקאָנט נאָכלויפן אַזאַ יונג און פלינק מ'יידל?

סטאַניסלאַוואַ האָט גלייך אַלאַרמירט און געשטעלט אויף די פיס איר גאַנצן „אַפּאַראַט" פון אַגענטן און שאַנטאַזשיסטן. וואָכנלאַנג האָט מען געזוכט און געגנישטערט, אויף די שפּורן פון אסתרן איז מען אָבער נישט געפאַלן. אַ האַלב יאָר צייט איז זי אַפּגעלעגן אין אַ ווינקל פונעם הילצערנעם ביידל, וואָס האָט געהערט צו דער אַלטיטשקער גרינס־הענד־לערין. פון פאַרנט האָט דאָס ביידל געהאַט אַזאַ מ'ין קלאַפּע, וואָס די זקנה פלעגט בייטאָג עפענען, כדי צו קאָנען פירן דעם האַנדל.

צו די שווערסטע האָבן געהערט די שעהן, ווען די קלאַפּע איז גע־ווען אָפן און די זקנה האָט געהאַנדלט. אסתר איז צוגעדעקט געווען מיט די זעק קאַרטאָפל, ציבעלעס, בריקעוו און רעטאַך און האָט נישט געטאָרט מאַכן קיין שום באַוועגונג. די אַלטע פלעגט אַזוי מאַנעווורירן, אַז זי זאָל נישט דאַרפן צוקומען צו יענעם ווינקל, וו עס האָט אונטער די קאַר־טאָפל געעטעמט אַ מענטשלעך באַשעפעניש. אָבער עס האָבן געטראָפן פאַלן, ווען אַ קונה האָט זיך איינגעעקשנט, אַז... ניין, כ'וויל נישט פון דעם זעקל... די קאַרטאָפל זענען דאָ עפּעס אַזוי שוואַרץ, ווי די ערד... ניין, ניין, די טויגן אויך נישט. לאָמיר זען, וואָס עס טוט זיך אין יענעם זאַק... אין יענעם אָ, אין ווינקל, איר הערט, אין ווינקל. אָדער לאָזט בע־סער און איך וועל אַליין אויסקלייבן... עפנט דאָס טירל און לאָזט מיך אַריין אין דער בויד... וואָס האָט איר מורא מיך אַריינצולאָזן? בריליאַנטן האָט איר דאָרט באַהאַלטן צווישן די רעטאַך אייערע?... האַ... האַ... האַ...

געווען מאָמענטן, ווען אסתר איז געלעגן אַ פאַרגליווערטע מיט פאַר־מאַכטע אויגן און געריכט זיך, אַז אַ ליאַדע רגע וועלן די היינט, וואָס גראַבלען זיך אַלץ טיפער און טיפער אַריין אין די קאַרטאָפל פלוצלינג אַנטרעפן אויף איר לייב... וואָס וועט דעמאָלט זיין?...

דאָס מזל האָט אָבער צוגעשפּילט. דער אַלטיטשקער איז אַלעמאָל

געלונגען צו געפינען אַן אופן, ווי אַזוי צו באַפרידיקן דעם איינגעעקשנטן קונה און צוריק אַרויסצונאַרן אים פון דער בויד אַרויס.

נאָך אַ האַלב יאָר איז אסתר אַרויס פונעם באַהעלטעניש און אַוועקגעשטעלט זיך נעבן דער אַלטער הינטער דער אָפּענער קלאַפּע. די זקנה האָט אַלע קונים דערציילט, אַז עס איז צו איר געקומען פון דאָרף אַ קרובה, אַ קיילעכדיקע יתומה און זי וועט ביי איר שוין פאַרבלייבן און העלפן ביים מסחר.

איידער אסתר האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל פאַר די קונים, איז זי אַריין צום גראַכאָווער פריזירער און זיך געלאָזט העלער מאַכן די האָר. זי האָט אים אויך געהייסן מיט אַ הייסער „קאַרבוווקע" אויסקאַרבירן זיך די האָר און אויסקעמען זיי מיט אַ לאַנגן שרונט אינדערמיט. ווען זי האָט נאָך דער דאָזיקער „אָפּעראַציע" אַ קוק געטאָן אין שפּיגל אַריין, האָט זי זיך נישט דערקענט. עס האָט אויף איר געקוקט אַ טיפּישע דאָרפישע שיקסע. אמת — די אויגן אירע זענען צו טרויעריק און צו שטאַרק אונטערגעהאַקט... די ליפּעלעך צו דין און דעליקאַט, אָבער — דאָס וויכטיקסטע איז דאָך, אַז זי זאָל נישט ענלעך זיין צו אסתרן. און ווער וואָלט טאַקע אין דעם־אַ שיקסל מיט די שטרויענע האָר דערקענט די שיינע אסתר פון מילע גאַס?...

קיינער האָט טאַקע נישט דערקענט, אַז די „קרובה פון דער אַלטיטשקער גריינס־הענדלערין" איז אַ זשידוווקע און — אסתר איז געבליבן לעבן.

***

ווען מיר זענען אַרויס פון אַ לאָדזשער קאַפע, וווּ זי האָט מיר נאָר־וואָס פאַרענדיקט די־אָ געשיכטע, האָט זי מיך צוגעפירט צום ראָג פּיאָטר־קאָווסקע־גאַס און נאַרוטאָוויטשאַ און אַ זאָג־געטאָן:

— אָט־דאָ ביי דעם ראָג האָב איך מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק דערזען צווישן די דורכגייער, איר ווייסט וועמען? די „פּאַני סטאַניסלאַוואַ". אין אַן עלעגאַנטן קאַראַקול־פוטער און אַ שוואַרץ־סאַמעטן היטעלע מיט אַ פעדערל... איך ווייס נישט, צי זי האָט מיך אויך געזען און דערקענט. אָבער איך האָב זי גוט, גוט דערקענט... אין ערשטן מאָמענט האָב איך

געוואָלט לויפן צום פּאָליציאַנט, וואָס איז דאָ נישט ווייט געשטאַנען און שרייען צו אים, אַז ער זאָל זי אַרעסטירן... זי האָט דאָך אומגעבראַכט אַזוי פיל מיידלעך... אָבער באַלד האָב איך זיך מיישב געווען. איך בין צום פּאָליציאַנט נישט צוגעלאָפן. איך האָב זי בלויז נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן, ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די דורכגייער...

— פאַרוואָס האָט איר אייגנטלעך אַזוי געהאַנדלט? — האָב איך אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען — צי האָט מען דען קעגן איר נישט געקאָנט פאַרפירן קיין פּראָצעס?...

— און ווער וואָלט עדות געזאָגט? ווו זענען די אַלע מיידלעך, וועל־כע וואָלטן באַדאַרפט זי באַשולדיקן? פּאַר אַ מענטשלעך געריכט קאָנען זיי שוין ליידער נישט דערשיינען. איך בין אפשר די איינציקע, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון אירע הענט, אָבער מיט מיינע ווערטער וואָלט איך זיכער נישט באַוויזן איבערצוציייגן אַ געריכט...

„פּאַני סטאַניסלאַוואַ" און „פּאַן ראַמאַן" און אויך דער רוב פון זייע־רע שותפים און מיטהעלפער — לעבן זיך היינט אין פּוילן און עס קאָן אַפילו קיין פּראָצעס קעגן זיי נישט פאַרפירט ווערן.

ווייל די עדות פון זייערע מעשים זענען צווישן די לעבעדיקע — נישטאָ.

קאַפּיטל זיבן

וויטעל איז זייער ווייט פון געטאָ...

במשך פון צוויי יאָר צייט האָב איך נישט געזען די זון. אַריינבציענ־דיק זיך אין דער נייער „דירה״, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ פּיטשידיק קעמערל הינטערן דאַך פון אַ ווילע אין אַ געגנט נעבן וואַרשע, האָבן מיר זיך מתחייב געווען קיינמאָל נישט צו פאַרלאָזן דאָס קעמערל בייטאָג און מיר האָבן דאָס טאַקע אָפּגעהיטן מיט דער גרעסטער שטרענגקייט.

די ווילע האָט ביזן קריג געהערט צו אַ באַקאַנטן יידישן עקאָנאָ־מיסט, וועלכער איז גראָד אין יולי 1939 אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע, וווהין ער האָט אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום געזאָלט אַראָפּנעמען דאָס ווייב מיט דער טאָכטער.

נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה זענען די צוויי פרויען געבליבן ווױ־נען אין דער ווילע, אָבער גאַנץ שנעל האָבן זיי דערפילט, אַז אין די באַדינגונגען פון דער פאַרשאָלטענער „נייער אָרדנונג״ וועט מען זיי דאָ לאַנג נישט לאָזן צורו. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן וויזיטן פון פאַרדעכ־טיקטע פאַרשוינען, וועלכע פלעגן זיך אַרומקוקן איבער די צימערן מיט אַ גאָר נישט באַהאַלטענער גיריקייט, האָבן די פרויען באַשלאָסן צו ראַ־טעווען זיך דורכן אַרויספאָרן קיין... דייטשלאַנד. עס קלינגט אפשר ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ס׳איז אַ פאַקט, אַז אַ סך יידן האָבן אין יענער צייט אויסגעוויילט דעם־אָ וועג און דער לויף פון געשעענישן האָט באַוויזן, אַז זיי האָבן גוט געטאָן. דאָס איז געווען אַ מין באַשטעטיקונג פון דער טעאָ־ריע, אַז בעת אַ טייפון איז אַמלייכטסטן זיך צו ראַטעווען — אין דער דירעקטער נאָענטקייט פונעם טייפון־צענטער...

ביים פרייוויליקן מעלדן זיך צום אַרויספאָר קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט איז דער געפערלעכסטער מאָמענט געווען דאָס שטעלן זיך פאַר דער מעדיצינישער קאָמיסיע. פאַר מאַנסלייט איז עס, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אויסגעשלאָסענע זאַך (אויסער די פאַלן פון לאָזן זיך פריער

דורכפירן אַ געוויסע אָפּעראַציע. אַזעלכע אָפּעראַציעס זענען דורכגעפירט געוואָרן גאָר זעלטן, זיי פלעגן זיין פאַרבונדן מיט גרויסע קאָסטן און שווערע קאָמפּליקאַציעס און נאָר אין געציילטע פאַלן זיך פאַרענדיקט מיט געוואונטשענעם רעזולטאַט). פרויען דאַקעגן פלעגן אַזאַ קאָמיסיע דורכמאַכן לייכט, אויב זיי האָבן, נאַטירלעך, פאַרמאָגט אַ „גוט אויס־זען". די פרייוויליקע האָבן געהאַט אַ רעכט אויסצוקלייבן ווו זיי ווילן אַרבעטן: אויפן דאָרף און דאָס צוליב פאַרשיידענע טעמים. קודם־כל האָבן זיי אַזוי־אַרום אויסגעמיטן די געפאַר ד'עֶרקענט צו ווערן דורך אַ פוילישן אַרבעטער, מיט וועלכן ס'וואָלט אויסגעקומען צוזאַמען צו אַרבעטן אין דער דייטשער פאַבריק. דעם דייטשן פויער אין בייערן, אָדער ריינלאַנד, און בפרט דעם עסטרייכישן פויער איז אַלצייינס געווען, ווען מען האָט אים געשיקט אַלס שקלאַף. ביים „באָוער" האָט קיינמאָל נישט געקאָנט געבוירן ווערן אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז פון „ארבייטסאַמט" האָט ער באַקומען אַן אַרבעטער, וועלכער איז נישט קיין „ריינער אַריער". די אַר־בעט אויפן דאָרף האָט נאָך געהאַט די מעלה, וואָס ס'איז דאָ לייכטער געווען מיט דערנערונג, ווייל ווי קאַרג דער פויער איז נישט געווען און ווי שטרענג ער האָט נישט געהיטן די שפּייז־פּראָדוקטן, איז דעם אַרבע־טער פון צייט צו צייט דאָך געלונגען אַ שלונג צו טאָן פון דער קאַן מיט מילך און אָפּצובראָטן זיך אין געהיים אַ קאַרטאָפל. אַחוץ דעם אַלעם האָט מען אין דייטשן דאָרף ווייניקער געלעגנהייט געהאַט צו באַקענען זיך מיט דער טעטיקייט פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, וואָס האָבן שוין דעמאָלט אָלץ אָפטער באַזוכט די אינדוסט־ריע־צענטערן פון „דריטן רייך".

איידער די צוויי פרויען האָבן פאַרלאָזט זייער ווילע, האָבן זיי אַרייג־גערופן צו זיך דעם וועכטער סטעפאַן פּליס, וועלכער האָט שוין העכער צען יאָר צייט אָפּגעהיטן ביינאַכט אַלע אַרומיקע ווילעס. די פרויען האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש און זיך איצט פאַר אים פאַר־טרויט, אַז זיי וואָלטן וועלן באַהאַלטן אין אַ זיכער אָרט אַביסל קאָסט־באַרע חפצים: צירונג, זילבערן באַשטעק, קלייניקייטן פון אַן אָנדענק־ווערט.

פאַר אַ גוטן פּרייז האָט סטעפאַן פּליס זיך אונטערגענומען די אַלע זאַכן אויסצובאַהאַלטן און צו היטן, „ווי אַן אויג אין קאָפּ". ער האָט געבראַכט האַלץ און אויפן בוידעם צוגעבויט אַ ווענטל, וואָס האָט אויף אַזאַ קונציקן אופן פאַרשטעלט אַ ווינקל, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען עפּעס וואָס צו דערקענען. די קאָסטבאַרע זאַכן זענען באַהאַלטן געוואָרן אינעם ווינקל — הינטערן נייעם ווענטל און די צוויי פּרויען האָבן זיך געלאָזט אין געפערלעכן וועג אַריין. אין אַ מזלדיקער שעה איז דאָס געווען, ווייל ווי כ'בין געוויר געוואָרן נאָך דער מלחמה, האָבן זיי ביידע — איבערגעלעבט.

די ליידיקע ווילע איז גלייך פאַרנומען געוואָרן דורכן דייטשן „טרויהענדער"־אַמט אַלס יידיש פאַרמעגן. דער איינוווינער פון דער זעלביקער געגנט, שליוואָווסקי, האָט באַקומען דעם פּאָסטן „טרויהענדער" פון דער ווילע. ער האָט פון איר אין אַ וואָך אַרום אַרויסגעפּירט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און נאָכן „איגוועטנטאַריזירן" דאָס איבערגעבליבענע האָט ער פאַר כאַבאַר פאַרדונגען דאָס הויז אַ באַן־באַאַמטן, וועמענס ווייב האָט אים געהאַלטן אין איין יאָדען: — קוק זיך נאָר אַרום, שלימזל איינער... אַלע אונדזערע פריינט און באַקאַנטע ווערן איצט נתעשר פונעם יידישן פאַרמעגן און דו? דו זיצסט מיט פאַרלייגטע הענט...

נו, האָט דער באַן־באַאַמטער ענדלעך געפאָלגט דאָס ווייב און גע־מאַכט דעם אָנהויב: פאַרן ביסל אָפּגעשפּאָרטן געלט, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט, האָט ער זיך איינגעהאַנדלט די דערמאָנטע ווילע און גענומען זוכן „יידישע געשעפטן". דאָס ערשטע געשעפט פון דעם מין האָט ער גע־מאַכט — מיט מיר, פאַרדינגענדיק מיר דאָס דערמאָנטע קעמערל — אונטערן דאַך, פאַר אַ פאַנטאַסטישער סומע, וועלכע האָט ווייט איבער־געשטיגן דאָס געלט, וואָס ער האָט איינגעצאָלט פאַרן גאַנצן הויז.

אין דער זעלביקער צייט, ווען איך האָב זיך שוין געזאָלט צוזאַמען מיט מיין אַלטן פאָטער און יינגערער שוועסטער אַריינציען אינעם קע־מערל, האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל:

אין אַ שכנותדיקער ווילע איז ביינאַכט דורכגעפירט געוואָרן אַן איינ־ברוך. די ווילע איז גענצלעך באַרויבט געוואָרן. די פּוילישע פּאָליציי האָט

געמאַכט אַן אויספאָרשונג און אַרעסטירט דעם וועכטער פּליס, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ שותף צו די איינבּרעכער. צוויי טעג איז פּליס געזעסן אין דער תּפיסה פון דערבייאיקן שטעטל, אָבער פּלוצלינג האָט מען אים באַפרייט און ער האָט זיך ווידער געיאַוועט אין זיין הייזל. די אַרומיקע איינוווינער האָבן זיך געשושקעט צווישן זיך, אַז פּליס האָט זיך מסתמא מיט אַ גראָבער מטבע אויסגעקויפט ביי דער פּאָליציי. באַלד האָט מען זיך אָבער איבערצייגט, אַז ער האָט באַצאָלט גאָר אַן אַנדערן פּרייז.

צומאָרגנס נאָכן באַפרייען פּליסן, איז די גאַנצע געגנט פּלוצלונג אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ שטאַרקער אָפּטיילונג זשאַנדאַרמעריע. די אָנגעקומענע זשאַנדאַרן האָבן פאַרצוימט אַלע געסלעך און וועגן און קיי־נעם נישט אַריין־ און אַרויסגעלאָזט. צווישן די איינוווינער איז אויסגע־בּראָכן אַ מהומה. מען האָט באַהאַלטן די יוגנט אין די קעלערן אַריין, גע־נומען ברענען פאַרשיידענע דאָקומענטן און נישט־לעגאַלע אויסגאַבּן, דער־וואַרטנדיק רעוויזיעס און אַרעסטן.

מיטאָג־צייט איז אָנגעקומען אַן אויטאָמאָביל מיט אָפיצירן פון דער „קריפּאָ“־פּאָליציי. ווי פון אונטער דער ערד איז נעבן זיי אויסגעוואַקסן דער וועכטער פּליס, וועלכער האָט — בוקנדיק זיך און נייגענדיק זיך אין גרעסטער הכנעה — צוגעפירט די אָפיצירן צו עפּעס אַ קליין ווילעלע.

— דאָ איז עס... — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן די אָפיצירן אַרויסגעפירט פונעם ווילעלע דריי יידן, וואָס זענען דאָרט געווען באַהאַלטן. די יידן זענען שנעל אַריינגעשטופּט געוואָרן אין אויטאָ, וועלכער האָט שוין געזאָלט רירן פון אָרט, ווען פּליס האָט זיך נאָך עפּעס דערמאָנט. ער האָט די אָפיצירן אַריינגעפירט אין דער ווילע פון דערמאָנטן יידישן עקאָנאָמיסט און געוויזן דאָס וועגטעלע, וואָס ער האָט אַליין געהאַט אויפגעשטעלט אינעם ווינקל פון בוידעם. די זשאַנדאַרן זענען אַזוי צופרידן געווען פון דעם אַלעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען הינטערן וועגטל, אַז זיי האָבן גרויסמוטיק מוחל געווען דעם באַן־באַאַמטן זיין גרויסע זינד לגבי דעם „דריטן רייך“ די זינד איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט נישט גע־

מאָלדן דער דייטשער מאַכט וועגן באַהאַלטענעם אוצר. (נאַרישע דייטשן: האָבן זיי נישט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ווען דער באַן־באַאַמטער ווייסט טאַקע וועגן צירונג אויפן בוידעם — וואָלט ער עס שוין פון לאַנג אַליין צוגענומען און ערגעץ־ווו באַגראָבן?...) האָבן, אַלזאָ, די אָפיצירן דער־קלערט דעם באַן־באַאַמטן, וועלכער איז פאַר זיי געשטאַנען מיטן היטל אין דער האַנט, אַ קרייד־ווייסער מיט טויט־שרעק אין די אויגן, אַז דאָס מאָל וועלן זיי נישט מאַכן קיין גערבויך פון זיין „סאַבאָטאַזש־האַנדלונג", אָבער זאָל ער זיך היטן נאָכאַמאָל נישט דעמאַסקירט צו ווערן... זיי האָבן נאָך גוטברודעריש פליסן אַ קלאַפּ־געטאָן איבער דער איינגעהויקערטער פּלייצע און מיט די ווערטער: — טאָמער וועסטו נאָך עפּעס געוויר ווערן, קום צו אונדז גלייך צו לויפן — און ענדלעך פאַרלאָזט דאָס שטעטל, אַוועקפירנדיק מיט זיך די געכאַפּטע יידן...

די געשיכטע מיט פליסן האָט אונדז געטראָפן, ווי אַ דונער. די ביז איצטיקע באַלעבאָסטע אונדזערע האָט מער אונדז נישט געוואָלט האַלטן ביי זיך פאַר קיין שום געלט. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז טאָמער ציען מיר זיך תיכף־ומיד נישט אַוועק אין אַן אַנדערן אָרט — איז אונדזער לעבן איינגעשטעלט. וועגן אַריבערפּעקלען זיך אינעם קעמערל אויפן בוידעם, אַזוי, ווי דאָס איז געניי געווען אָפּגע־שמועסט — האָט דערוואיל קיין רייד נישט געקאָנט זיין. נישט מעגלעך געווען דאָס דורכצופירן אַזוי, אַז דער אַלטער פליס זאָל נישט געוויר ווערן. ער וועט זיכער דערשנאַפּן און — פאַרמסרן.

וואָס טוט מען? וווהין גייט מען?

גלייך ווי ביי אַלע יידן אויף דער אַרישער זייט, איז די דאָזיקע פראַ־גע פאַר אונדז אַרויסגעשוווּמען — נישט צום ערשטן (און מסתמא אויך נישט צום לעצטן) מאָל. און גלייך ווי אין אַלע אַזעלכע פאַלן האָט אונדז געקאָנט ראַטעווען אַ נס.

יעדער ייד, וואָס איז געבליבן לעבן אויף דער אַרישער זייט און האָט היינט די מעגלעכקייט צו דערציילן די געשיכטע פון יענע טעג, מוז זיך אָפּט באַנוצן מיטן וואָרט: נס, ווייל נאָר אַ קייט פון נסים האָט ער זיין לעבן צו פאַרדאַנקען.

און עס איז טאַקע מיט אונדז דעמאָלט געשען אַ נס.

ווען עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ ליאַדע רגע מוזן מיר פאַרלאָזן אונדזער שטיבעלע און נישט האָבנדיק קיין אַנדער וויינונג, פאַלן מיר אַ קרבן פון ערשטן בעסטן מסור און „שמאַלצאָווניק" — איז פּלוצלינג צו אונדז געקומען צו לויפן דער באַן־באַאַמטער מיט אַ פריידיקער בשורה: דער אַלטער וועכטער פּליס איז געפּגרט. נאָכדעם, ווי די דייטשע אָפּי־צירן זענען אַוועקגעפאָרן, האָט ער פון נאָענטן שענק געבראַכט בראָנפן און געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי איז ער געפאַלן אויפן געלע־גער. מען האָט געמיינט, אַז ער איז אַ שיכורער איינגעשלאָפן. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז מען קאָן אים שוין מער נישט דערמינ־טערן.

מיר האָבן תיכף געכאַפּט אונדזער ביסל זאַכן און אַריבערגעטראָגן זיך אין בוידעם־קעמערל. אין ווינקל האָט זיך נאָך געהוידעט אויף עט־לעכע אויסגעבויגענע טשוועקעס דאָס הילצערנע וועגטל — דער שטומער עדות פון נאַר־וואָס באַגאַנגענעם שענדלעכן פאַרראַט...

די אויסטערלישע אומשטענדן, וואָס האָבן באַגלייט דאָס אַריינציען זיך אין דעם־אַ קעמערל הינטערן דאַך, זענען נישט געבליבן אָן אַ וויר־קונג אויף אונדזער נייעם באַלעבאָס: ער האָט דערקלערט, אַז צוליב דעם אַלעם, וואָס האָט דאָ פּאַסירט, איז זייער שטאַרק געשטיגן די ריזיקע פון באַהאַלטן אונדז און דעריבער — מוז געהעכערט ווערן דער פּרייז פון „דירה־געלט". אויסערדעם מוזן מיר נאָכאַמאָל זיך שטרענג מתחייב זיין קיינמאָל נישט אַרויסצושטעקן די נאָז — אויף דער ליכטיקער שיין. מיר וועלן דעם באַלעבאָס געבן געלט און ער וועט שוין אונדז באַזאָרגן מיט עסן, כדי מיר זאָלן נישט הונגערן...

פון דעם מאָמענט אָן זענען מיר אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון דער ערדס אויבערפלאַך. דאָס איינציקע פענצטערל פונעם קעמערל איז פאַר־האַנגען געוווען מיט אַ גראָב טוך, אין וועלכן כ'האָב געמאַכט אַ לעכל. די גרויסע און שיינע וועלט איז פאַר מיר איינגעשרומפּן און איינגעקאַר־טשעט געוואָרן צו דעם קליינטשיקן קרייז, וואָס עס איז אימשטאַנד גע־ווען אַרומצונעמען מיין אויג — בעת איך האָב עס צוגעלייגט צום לעכל

אין דיקן טוך. לאַנגע, לאַנגע שעהן פלעג איך אַזוי זיצן ביים דאַזיקן לעכל און אַרויסקוקן. דער קליינטשיקער אויסשניט פון דער גרויסער וועלט, וואָס איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען — אַלעמאָל דער זעלביקער במשך פון לאַנגע צוויי יאָר צייט — האָט זיך אַזוי איינגע־קריצט אין מיין מוח, אַז ווען איך לאָז היינט אויף אַ ווייל אַראָפּ די אויגן־לעפּלעך, שווימט גלייך אויף יענץ בילד: איך זע מיט דער גרעס־טער שאַרפקייט און גענויקייט יעדעס צווייגעלע, איך דערקען יעדעס שטיינדעלע אויפן וועג, וואָס האָט געפירט צו אונדזער הויז. אָט איז די פּורטקע, וואָס האָט זיך געפונען אין לינקן ווינקל פון מיין זע־קרייז. די פּורטקע, וואָס יעדער סקריפּ פון אירע פאַרזשאַווערטע זאַוויאַסעס האָט געמאַכט ציטערן אונדזערע הערצער... און אָט הויבט זיך פון אונטער דעם פּלויט אַרויס — אויף רעכטס — אַ שמאָלער וועג. אַ געוויינטלעכער דאָר־פישער וועג, וואָס איז געוועזן דער וויכטיקסטער און דינאַמישסטער טייל פון „מיין פּייזאַזש". זומער־צייט האָט ער זיך געגעלט מיטן טרוקענעם זאַמד און געגרויט מיט די געדיכטע שטויב־כמאַרעס, וואָס יעדעס דורכ־פאָרנדיקע פורל האָט אויפגעהויבן אויף לאַנגע שעהן. אין ווינטער האָט מען אים נישט אַרויסגעזען פון אונטערן ווייסן שניי, אָבער דערפאַר האָט ער זיך נוקם געווען אין פרילינג און האַרבסט, באַקלעפּנדיק און באַוואַרפּנ־דיק אַלע און אַלץ — מיט בלאָטע.

איך זע, ווי דער וועג האַקט זיך אָפּ ביי אַ שוואַרצער וואַנט. דאָס איז דער וואַלד, וואָס ציט זיך ווייט, ווייט... אין נאָענטסטן שטעטל אַריין פאָרט מען לענג־אויס דעם וואַלד און גאַנץ אָפט באַמערק איך טאַקע דייטשע אויטאָס, וואָס איילן דאָרט אַהין. דאָס זענען דער עיקר לאַנגע, גרינע זשאַנדאַרמעריע־אויטאָס. נישט איינמאָל במשך פון די צוויי יאָר האָט זיך די זשאַנדאַרן פאַרגלוסט אָפּצושטעלן גראָד פאַר דער שוואַר־צער וואַנט פונעם וואַלד. אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל און אַרויסגע־שלעפּט פון אינעווייניק עפּעס אַ לענגלעכע געשטאַלט. אַ מענטש? יאָ, ס'זעט אויס צו זיין אַ מענטש... דער מענטש שטייט אַ רגע אָנגעלענט אָן אויטאָ. באַלד דערהערט זיך עפּעס אַ געשריי. דאָס גיט מען אים אַ באַ־פעל. ער פאָלגט דעם באַפעל און מאַכט עטלעכע טריט פאָרויס... דער

מאָטאָר פונעם אויטאָ הויבט פלוצלינג אָן הויך צו רוישן. די מאַשין נעמט פאַמעלעך רירן פון אָרט... דער מענטש איז באַפרייט געוואָרן? זיי פאָרן אַוועק און לאָזן אים איבער?... יאָ, זיי לאָזן אים טאַקע איבער, אָבער — עס גיט פלוצלינג אַ הילך־אָפּ אַ סעריע שאָסן פון אויטאָמאַטיש געווער. דער מענטש ווערט דורכגעלעכערט פון צעגדליקער קוילן מיטאַמאָל. ער פאַלט מיטן פנים צו דער ערד... דער לאַנגער, גרינער אויטאָ מיט דער זשאַנדאַרמעריע ווערט גלייכצייטיק פאַרשווונדן אין שאָטן פון שוואַרצן וואַלד.

אין עטלעכע שעה אַרום יאָווען זיך אויפן וועג די וואַלד־וועכטער. דאָס האָט מען זיי מסתמא פון זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטן טעלעפאָנירט: — אַדורכפאָרנדיק האָבן מיר אַקאָרשט באַמערקט אויפן וועג צום שטעטל אַ טויטן קערפּער... יאָ, באַלד ביים וואַלד... שיקט תיכף אַרויס מענטשן צו באַגראָבן אים...

די וואַלד־וועכטער באַקוקן דעם טויטן פון אַלע זייטן. שאָקלען טייל־מאָל רחמנותדיק מיט די קעפּ, זיפצן אָפּ און ציען שנעל פון אים אַראָפּ די שיך און מלבושים. קיין געלט אָדער צירונג זוכן זיי לחלוטין נישט אין די טאַשן. די דייטשן האָבן דאָס שוין זיכער פריער געטאָן. עס טרעפט פאַלן, ווען מען קאָן דעם טויטן אויסהאַקן מיט אַ שטיין די גאָלדענע ציין, אָבער צו דעם דאַרף מען דאָך האָבן מזל.

דער קערפּער ווערט ענדלעך אַוועקגעשלעפּט דורך די וועכטער אין נאָענטן ראַוו־אַריין און — דער וועג באַקומט צוריק זיין נאָרמאַלן אויס־זען.

וויפיל שעהן האָב איך אַזוי פאַרבראַכט, איינקוקנדיק זיך אין געלן, גרויען, אָדער ווייסן וועג? וויפיל מאָל האָב איך געפילט, אַז אויב כ׳וועל נאָך לאַנג זיין געצוווּנגען אַזוי צו זיצן און צו קוקן אינעם לעכל פון דיקן טוך... אַז אויב עס וועט נישט געשען קיין נס, ס׳וועט נישט קומען קיין ענדערונג — וועל איך אַראָפּ פון זינען... איך האָב געפילט, אַז אַ ליאַדע מ׳ינוט רייס איך אַוועק דאָס טוך און הויב אָן צו שרייען, יאָ, שרייען אַזוי הויך, אַז אַלע אַרום זאָלן דערהערן... און זאָלן קומען... און עס זאָל שוין ענדלעך נעמען אַ סוף!

ווען איך טראַכט היינט וועגן יענע אַזוי שווערע שעהן, וואָכן און חדשים, פאַרשטיי איך גאַנץ געווי, אַז שוין אָפּגערעדט פון די הונדערטער טויזנטער יידן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן, האָבן אויך אויף דער אַרישער זייט טויזנטער יידן געמאַטערט זיך אין פיל שווערערע באַדינ־גונגען ווי איך. הגם איך האָב דאָס מער פאַרויסגעפילט, ווי געוווּסט שוין דעמאָלט, זייענדיק פאַרשפּאַרט אינעם בוידעם־שטיבל, האָט דאָס אָבער פאַרלייכטערט מיינע ליידן?

קיין קלאָרע תשובה אויף אַזאַ פראַגע וואָלט איך זיכער נישט גע־קאָנט געבן דעמאָלט, אין יענער צייט, און איך בין זי נישט אימשטאַנד צו פאָרמולירן אויך איצט. איך ווייס בלויז איינס: דער באַוווּסטזיין, אַז אין דער זעלבער מינוט, ווען איך קוק אַזוי אַרויס אויפן אומעטיקן דאָרפס־וועג און עס דראָט מיר אַ פאַרהעלטניסמעסיק קליינע געפאַר, קומען אום מי־יודע וויפל יידן; דער געדאַנק וועגן דעם, אַז טאָג־איין טאָג־אויס גייט אָן אַ מוראדיקע אַקציע אומצוברענגען אַ ל ע יידן און איך האָב טאַקע געהאַט כלערליי באַווייזן און סימנים, אַז די אַקציע ווערט נישט אָפּגע־שטעלט אויף קיין רגע; דאָס געפיל, אַז איך האָב י אַ שאַנסן צו ראַ־טעווען זיך צוזאַמען מ׳יט מיין אַלטן טאַטן און די ייִנגערע שוועסטער מיי־נע — אַט דאָס האָט מיר צוגעגעבן כוח איבערצוהאַלטן, דאָס האָט גע־שטאַרקט דעם ווילן צו בלייבן לעבן, צו להכעיס דער גרויזאַמער בעסטיע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אונדז אויסצוראָטן — ביז איינעם...

נאָר אַדאַנק אַזעלכע מחשבות פלעגט זיך מיר אין די מאָמענטן, ווען כ׳בין געווען נאָענט פון משוגעת, איינגעבן זיך צו באַהערשן און צו באַ־רויקן מיינע צעשרויפטע נערוון.

די שווערסטע וואָכן זענען געווען — די ערשטע, ווען איך האָב בפועל־ממש קיין איין מאָל נישט איבערגעטראָטן די שוועל פונעם קע־מערל, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז לאַנג אַזוי אויסהאַלטן איז סוף־כל־סוף נישט מעגלעך און איך האָב נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען געפּועלט ביים באַלעבאָס, אַז ער זאָל מיר דערלויבן אַרויסצוגיין ביינאַכט.

— די שוואַרצקייט פון מיינע האָר און אויגן וועט זיך צונויפגיסן

מיטן פינצטערן אַרום און קיינער וועט נישט דערקענען ווער איך בין און נישט פרעגן, פונוואַנען איך קום. אָ, געבענטשט ביסטו גאָט, וואָס נאָכן ליכטיקן טאָג גיסטו דער וועלט אַ נאַכט — אַזוי שוואַרץ, ווי מ׳יינע האָר און מיינע אויגן. געדענקסטו, הייסט עס, יאָ, גאָט, וועגן די יידן?...

אויף מיין באַלעבאָס וואָלטן וואַרשיינלעך נישט געווירקט אַלע מיינע טענות און אַרגומענטן און ער וואָלט נישט מסכים געווען אַרויסצו־לאָזן מיך אַפילו ביינאַכט. איך האָב אָבער אַרויסגערוקט אַ נייעם מאָטיוו און דער האָט אים איבערצייגט. איך האָב, נעמלעך, דערקלערט, אַז עס לאָזט זיך ביי אונדז אויס דאָס געלט און איך מוז זוכן אַ אופן צו פאַר־קויפן עפּעס פון די גאָלדענע חפצים, כדי צו פאַרשאַפן זיך אַביסל מזו־מנים. פאַרשטייט זיך, אַז אין אָנהייב האָט דער באַלעבאָס פאָרגעשלאָגן זיין הילף אַלס פאַרמיטלער. איך האָב דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן, ווייסנדיק, אַז אַזוי־אַרום פאַרליר איך די איינציקע מעגלעכקייט אַרויסצו־רייסן זיך כאָטש אויף עטלעכע שעה אין מעת־לעת פונעם קעמערל אַרויס.

און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן צו וואַנדערן אין דער נאַכטיקער פינצ־טערניש איבערן דערבייאיקן וועלדל. איך האָב פיינט באַקומען דעם זו־מער דערפאַר, וואָס זיינע נעכט זענען אַזוי קורץ און העל. די לבנה איז מיר אַ שונא געווען, ווייל אַרומשווימענדיק אַ ברייט צעשמייכלטע אויפן הימל, האָט זי ביי מיר צוגערויבט די איינציקע מינוטן פון מיין „פריי־הייט"...

מאָדנע ענדערונגען קומען פאָר אינעם מענטשן, ווען ער ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ נאַכט־באַשעפעניש. איך האָב געפילט, ווי דער בליק פאַר־שאַרפט זיך מיר און דאָס אויער ווערט פעאיק אויפצוכאַפן דעם לייכטסטן און ווייטסטן שאָרך. אין טיפסטן חשכות בין איך אימשטאַנד געווען אויס־צושיידן דעם סילועט פון וואַלד־וועכטער פונעם בוים, צו וועלכן ער האָט זיך צוגעטוליעט. דורכשלייכנדיק זיך צווישן די ביימער האָב איך געוווסט צו דערקענען, צי די צווייגן באַוועגן זיך צוליב ווינט, צי זיי ווערן פונאַנ־דערגענומען דורך אַ מענטשלעכער האַנט. צו מיין גרויסער שטוינונג האָב איך נאָך אַ דערפאַרונג פון לאַנגע חדשים באַמערקט, ווי עס בילדעט זיך ביי מיר אויס עפּעס אַ זעקסטער חוש, וועלכער פאַרהיט מיך אויף אַ סו־

דותפולן אופן פון אומדערוואַרטע געפּאַרן. דער דאָזיקער חוש האָט מיך נישט אײנמאָל אָפּגעשטעלט האַרט ביי אַ טיפן ראַוו, וועלכן כ׳האָב נישט געקאָנט דערזען אַפילו מיטן שאַרפסטן אויג צוליב דער פולשטענ־דיקער פינצטערניש פונעם אַרום. איך פלעג דערפילן דאָס דערנענטערן זיך פון אַ מענטש, ווען ער איז נאָך געווען אַ קילאָמעטער ווייט פון מיר. און פאַרן וואַלד האָב איך נישט מורא געהאַט, פאַר קיין חיה — אויך נישט. דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט און געוואָלט מיר שלעכטס טאָן, איז געווען — דער מענטש.

די מעגלעכקייט פון באַגעגענען דאָ אַ דייטש איז געווען אַ גאָר קליי־נע, ווייל די דייטשן האָבן נישט ריזיקירט צו פאַרקריכן סתם־אַזוי אין אַ וואַלד אַריין. דאַקעגן האָט עקזיסטירט אַ געפאַר פון צונויפטרעפן זיך מיט די טוער פון פוילישן אונטערערד און זיי האָבן ווידער געהאַט אַ טבע — קודם־כּל צו שיסן צום אומבאַקאַנטן און ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין געלעגן אַ טויטער, אָדער פאַרוווּנדעטער, צו קאָנטראָלירן זיינע דאָקו־מענטן.

ווהין האָבן געפירט מיינע נאַכטיקע וואַנדערונגען? און ווו פלעג איך זיך אָפּשטעלן? דורך אַ גליקלעכן צופאַל בין איך געוווּר געוואָרן, אַז נישט ווייט פון מיין „דירה״, אין אַ ישוב פון יענער זייט וואַלד, וווינט מיינס אַ באַקאַנטער פון פאַרן קריג, אַ יידישער דאָקטער, וועלכער האָט אַ זייער „גוטן אויסזען״ און האָבנדיק „אַרישע פּאַפּירן״ פון בעסטן מין, אַרבעט ער אַלס לייטער פונעם שפּיטאָל אין שכנותדיקן שטעטל. דאָרט האָט ער זיך יעדן טאָג געטראָפן מיט דייטשע אָפיצירן און פון צייט צו צייט איז אים אין אויער אַריינגעפאַלן עפּעס אַ ידיעה וועגן דער לאַגע אויפן פראָנט. דער דאָקטער האָט נאָך געהאַט אַזאַ „מזל״, אַז עס האָט זיך אין אים פאַרליבט דאָס ווייב פון אָרטיקן דייטשן זשאַנדאַרמעריע־קאָמענ־דאַנט. זי פלעגט אים זייער אָפט באַזוכן און אויספּלאַפּלען אַלץ, וואָס זי האָט געהערט פון מאַן און זיינע קאַמעראַדן. אַזוי־אַרום איז דער דאָקטער געווען גוט אינפאָרמירט און מיין קלעטערן צו אים איבערן שוואַרצן וואַלד — איז קיינמאָל נישט געווען קיין אומזיסטע טירחה. ער האָט שוין דער־מאָלט דערציילט מיר וועגן ריזיקע טראַנספּאָרטן דייטשע זעלנער, וואָס

מען ברענגט זיי פון ווייטן רוסישן פראָנט מיט מוראדיק אָפּגעפרוירענע הענט און פיס; וועגן גאַנצע אָפּטיילונגען דייטש מיליטער, וואָס זענען אויסגעשניטן געוואָרן ביז איינעם דורך די סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער; וועגן די ערשטע אַמעריקאַנער טאַנקן, וואָס האָבן זיך באַוויזן הינטער אַריאָל און סמאָלענסק... דאָס זענען אַלץ געווען ידיעות, וואָס דעם דאָק־טערס דייטשקע האָט אָנגערופן „שרעקלעכע און גרויזאַמע״, אָבער וועל־כע האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען, ווי די זיסטע מוזיק. דאָס איז גע־ווען דער וווּנדערלעכסטער באַלזאַם, וואָס האָט דערהאַלטן די נשמה אינעם גוף פון מיין אַלטן טאַטן...

דער דאָקטער האָט מיך אויך אַריינגעפירט אינעם הויז פון אַ וויכ־טיקן פּוילישן אונטערערדישן טוער, וועלכער האָט געוווינט אויפן ראַנד פון דעם זעלבן וואַלד. דער דאָזיקער מענטש איז געווען דער פאַרבינדלער צווישן די באַזונדערע ראַיאָן־קאָמערלעך פון דער אונטערערד מיטן געהיי־מען געריכט, וואָס האָט געמשפּט די פּאָליאַקן, וועלכע מען האָט באַשול־דיקט אין קאָלאַבאָראַציע מיטן אָקופּאַנט. די פּראָצעסן האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אין שטרענגסטער קאָנספּיראַציע, עס פלעגן אָבער געמאַכט ווערן אַלע באַמיאונגען, אַז די ריכטער זאָלן קאָנען אויסהערן עדות און באַקענען זיך מיט דאָקומענטן — סיי קעגן דעם באַשולדיקטן און סיי לטובת אים. דער אורטייל פון די געהיימע שופטים פלעגט איבערגעגעבן ווערן דעם פאַרבינדלער און צו זיינע אויפגאַבן האָט געהערט צו מעלדן וועגן דעם דער געהעריקער אונטערערדישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע אינעם ווויןאָרט פונעם פאַרמשפּטן פאַרעטער. די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע האָט שוין פון איר זייט באַשטימט די מענטשן און די צייט פון אויספירן די עקזעקוציע.

העכער אַ יאָר צייט בין איך כמעט יעדע נאַכט אַריינגעקומען צום דאָזיקן פאַרבינדלער אין שטוב. ער האָט מיך שטענדיק גערן געזען ביי זיך, ווייל איך האָב אים צוגעטראָגן די ידיעות באַקומענע פונעם דאָקטער. מיט דער צייט בין איך אַפילו געוואָרן אַ שטיקל פאַרטרויונגס־מאַן ביים פאַרבינדלער און אַדאַנק דעם אַריינגעדרונגען אין סודות פונעם אונטער־ערדישן פּוילישן טריבונאַל.

ווי כ'האָב פריער דערמאָנט, האָט דאָס אונטערערדישע געריכט גע־משפּט פּאָליאַקן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיטן נאַצישן אָקופּאַנט. פאַר־שטייט זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון אַזעלכע באַשולדיקונגען זענען נוגע געווען „יידישע ענינים", דאָס הייסט — מיטהעלפן די דייטשן אין זייער אויסראָטונגס־אַקציע קעגן יידן. און אָט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט נענטער זיך צו באַקענען מיטן אופן פון באַהאַנדלען דורכן פּוילישן גע־ריכט די כלערליי שאַנטאַזשיסטן, „שמאַלצאָווניקעס", מוסרים און אַגענטן פון געשטאַפּאָ און „קריפּאָ".

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז היות די יידן־רדיפות האָבן זיך אָפּ־געשפּילט אויף אַלעמענס אויגן און דאָס מסרן און שאַנטאַזשירן די קרבנות, ווי אויך דאָס אויסליפערן זיי צו געשטאַפּאָ איז פאָרגעקומען פראַנק און פריי און קיינער פון דער איידעלער חברותא האָט זיך מיט זיין „טעטיקייט" נישט געשעמט און באַהאַלטן — איז דער משפּט איבער אָט די אַלע פינצטערע טיפּן געווען אַ קורצער און שנעלער. אַזוי וואָלט מען טאַקע געקאָנט מיינען, אָבער אין דער אמתן האָבן אַזעלכע פּראָצעסן זיך געשלעפּט חדשים און זייער צעלטן געקומען צו אַ סוף.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז נאָר געציילטע יידן האָט זיך איינגעגעבן אַנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיטן אונטערערדישן געריכט און צו פאַרקלאָגן דאָרט אַהין דעם „שמאַלצאָווניק", וואָס האָט זיי שאַנטאַזשירט. אַזאַ ייד איז אָבער נישט אימשטאַנד געווען צו זיצן אויף אַן אָרט און צו וואַרטן, ביז דער אַנגעקלאָגטער חברה־מאַן וועט אָפּגערוימט ווערן אויפן סמך פון־נעם אורטייל. דער געדרודפּטער ייד האָט געמוזט כסדר ענדערן זיין „וווין־אָרט" און ווי אַזוי האָט ער געקאָנט זיך שטעלן צו די אומצאָליקע אויס־פאָרשונגען און ווי אַזוי — אַנווייזן די „געהעריקע צאָל" עדות, וואָס זאָלן באַשטעטיקן זיין באַשולדיקונג?

ווען עס איז אין טייל פאַלן סוף־כל־סוף יאָ געלונגען דורכצוברעכן די אַלע שוועריקייטן און דער משפּט איז אין אַ מזלדיקער שעה ענדלעך פאָרגעקומען, איז דער אורטייל אויך נישט אַלעמאָל געווען אַזעלכער, ווי מ'וואָלט דאָס געדאַרפט דערוואַרטן.

די סיבות דערפון? אָט זענען זיי:

די פוילישע אונטערערדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט אין זיך גרופירט פאַרשידנאַרטיקע עלעמענטן, פון לינקע אַנהייבנדיק און ענדיקנדיק מיט עקסטרעם־רעכטע פאַשיסטן און מאָנאַרכיסטן אַפילו. די רעכטע עלעמענטן האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער „בויטווענדיקייט צו לייזן די יידן־פראַגע דורך צוואַנגס־עמיגראַציע”, וועגן אַ „נאַציאָנאַליזירונג פון יידישן פאַרמעגן באַלד נאָכן סוף פון קריג” און וועגן אַנדערע אופנים פון אַן עצה־געבן זיך מיט די יידן, די זעלביקע יידן, וואָס אַפילו די קינדער אין פוילן האָבן געוווסט, אַז זיי ווערן מאַסנווייז דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן און פאַרברענט אין די אויוונס פון טרעבלינקע און מיידאַנעק. איז ווי אַזוי האָט מען געקאָנט דערוואַרטן מצד אָט די עלעמענטן אַן אַקציע קעגן פאַליאַקן, וועלכע האָבן געהאָלפן ביים תיכּפדיקן און גענצלעכן לייזן דעם יידן־פּראָבלעם?

און טאָמער האָט געטראָפן אַ פאַל, אַז אין ריכטער־קאָמפּלעט האָט זיך געפונען אַ פאַרשטייער פון אַ לינקערער גרופּירונג, וואָס וואָלט יאָ גרייט געווען אַרויסצוטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף אַ שאַנטאַזשיסט, פלעגט ער אָפט מורא האָבן פאַרשריגן צו ווערן אַלס „יידישער פּאַראָבעק”; אַ חוץ דעם איז דער לינקער פליגל געווען אין אַ בפירושער מינדערהייט.

דער געדאַנקען־גאַנג פונעם רוב אונטערערדישע ריכטער־קאָמפּלעטן איז געווען אַזעלכער: דאָס אויספירן אַ טויט־אורטייל איז אַלעמאָל פאַרבונדן מיט אַ גרויסער ריזיק פאַר די עקזעקוטאָרן; איז דען כּדאַי איינצושטעלן דאָס לעבן פון עטלעכע יונגע פאַליאַקן — צוליב ראַטעווען יידן?

פלעגן דעריבער אַזעלכע משפּטים זיך דער עיקר ענדיקן נישט מיט טויט־אורטיילן, נאָר מיטן פאַרמשפּטן דעם מסור אָדער שאַנטאַזשיסט אויף... אינפאַמיע, דאָס הייסט — אומכּבוד. גאַנץ אָפט פלעגט מען אַפילו נישט מודיע זיין דעם „פאַרמשפּטן” וועגן „פּסק”, נאָר טאָמער איז ער וועגן דעם יאָ געוווּיר געוואָרן, פלעגט עס נאָך מער אויפקאָכן די יוכע אין אים: — אַזוי גאָר? איר נעמט זיך נאָך אָן פאַר די „זשידקעס”? איר ווילט מיר פאַרשוואַרצן דאָס פּנים? נו, וועל איך אייך שוין ווייזן, וואָס איך

קען... — און אַזאַ חברה־מאַן פֿלעגט מיט נאָך מער פֿאַרביסנקייט, עק־שנות און אומברחמנותדיקייט רודפֿן די יידן, מסרן זיי און שאַנטאַזשירן.

לויט די כללים פֿון די אונטערערדישע משפטים האָט עס געהייסן, אַז דער פֿאַרמשפּטער צו „אומכבוד" האָט געזאָלט נאָכן באַפֿרייען פּוילן אויטאָמאַטיש געמשפּט ווערן דורך אַן אָפֿן מלוכה־געריכט. נישט געקוקט אָבער דערויף, וואָס אַזעלכע „אינפֿאַמיע־אורטיילן" זענען אין אָקופּאַציע־יאָרן אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין די הונדערטער, צי האָט עמיץ אין נאָך־מלחמהדיקן פּוילן געהערט, אַז די „פֿאַרמשפּטע" זאָלן אַלע שטיין פֿאַר די מלוכהשע געריכטן?

די באַקאַנטשאַפֿט מיינע מיטן פּוילישן פֿאַרבינדלער האָט פֿאַר מיר געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג, ווייל אַדאַנק אים האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו פֿאַרקויפֿן פֿון צייט צו צייט די לעצטע חפֿצים, וואָס מיר האָבן נאָך פֿאַרמאָגט. און פֿאַרקויפֿן האָבן מיר אַלץ געמוזט דערפֿאַר, ווייל דער באַלעבאָס האָט געהאַלטן אין איין הייבן דעם פּרייז פֿון דירה־געלט. אין די לעצטע טעג פֿון יעדן חודש האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע גע־שיכטע: דער באַלעבאָס פֿלעגט אַריינקומען אין אונדזער קעמערל און זיפֿצנדיק און קרעכצנדיק דערציילן, אַז „איר האָט געהערט? מען האָט שוין ווידער געכאַפּט... אַנטדעקט ביי ווישניעווסקין, דאָ נישט ווייט, דריי באַהאַלטענע... מען האָט דערשאָסן, אים און דאָס ווייב... איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז ווייטער קען איך נישט ריזיקירן... קיין לעבן וועסטו פֿאַר געלט נישט אָפּקויפֿן..." ווען מיר האָבן אַזאַ געשיכטע דערהערט דאָס ערשטע, אָדער צווייטע מאָל, האָבן מיר די זאַך גענומען ערנסט און זיך שטאַרק דערשראָקן, צי וועט ער אונדז טאַקע אויף אַן אמתן נישט משלח זיין. יע־דעס מאָל האָט עס זיך אָבער געענדיקט מיטן העכערן דעם שכר און אין די שפּעטערדיקע פֿאַלן פֿלעגן מיר שוין דעם באַלעבאָס אַפֿילו נישט לאָזן דערציילן די מעשה ביזן סוף, נאָר גלייך פֿרעגן: — פּאַניע קאַזשימיע־זשו... הער קאַזימיר, הייסט עס, — וויפֿל ווילט איר פֿאַרן קינפֿטיקן חודש? זאָגט באַלד...

„דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן" — און דער ביז דאָ נישט לאַנג באַ־שיידענער באַן־באַאַמטער האָט טאַקע באַקומען אַן אַלץ גרעסערן אַפּע־

טיט. דאָס ווייב זיינס און די טעכטער זענען כסדר געפאָרן קיין וואַרשע און איינגעקויפט זיך די שענסטע קליידער און שוכוואַרג. צוויי מאָל אין וואָך האָט ער געמאַכט אויפנאַמעס פאַר פריינד פון דער גאַנצער געגנט. און בעת מיר זענען אינעם קעמערל געזעסן שטענדיק האַלב הונגעריק און געציילט דאָס געלט און גערעכנט אויף ווי לאַנג עס וועט נאָך סטאַיען, האָט זיך אין די צימערן אונטער אונדזערע פיס געגאָסן שאַמפּאַניער־ווייַן — פאַר אונדזער געלט...

מיר וואָלטן לאַנג נישט אימשטאַנד געווען צו דעקן די הוצאות פון די אַלע הוליאַנקעס און פון די רייכע קליידער, ווען נישט אַ גליקלעכער צופאַל: עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו פאַרקויפן דאָס הויז פון מיין פאָטער. עס שיינט טאָקע צו זיין אומגלויבלעך, אָבער ס'איז אַ פאַקט, אַז יידן, אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט (אָדער אַפילו פון הינטער די געטאָ־מויערן אַרויס), האָבן פאַרקויפט זייערע הייזער. ווי אַזוי פלעגט אַזאַ טראַנזאַקציע דורכגעפירט ווערן?

לויט די דייטשע „געזעצן" איז דאָס גאַנצע יידישע אומבאַוועגלעכע אייגנטום קאָנפיסקירט געוואָרן לטובת דעם מלוכה־אוצר פון „דריטן רייך". די היפּאָטעקעס פון אַלע יידישע הייזער זענען, אַלזאָ, געווען גע־שלאָסן און קיין שום טראַנזאַקציע האָט אויף אַ יידישער היפּאָטעק־קאַנ־טע נישט געקאָנט דורכגעפירט ווערן. דאָך האָבן זיך געפונען פּאַליאַקן, וועלכע זענען גרייט געווען צו קויפן אַ יידיש הויז. געלאָקט האָט זיי דער שפּאָט־ביליקער פּרייז, ווייל דער ייד האָט גענומען יעדע פאַרגעשלאָגענע סומע. אויסער דעם פלעגן אַלס קונים זיך מעלדן דער עיקר ביי־אויפגעקו־מענע גבירים, וועלכע זענען גאָר גליקלעך געווען פון דער מעגלעכקייט צו פאַרפעסטיקן זייער רייכטום און צו פאַרבלייבן הויז־אייגנטימער אויך אויף דער נאָך־מלחמה־צייט. דער ייד פלעגט, אַלזאָ, פאַר עדות אונטער־שרייבן אַ דאָקומענט, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין הויז און באַפולמעכ־טיקט דעם אָנגעוויזענעם אַדוואָקאַט דורכצופירן די געהעריקע היפּאָטעק־פאָרמאַליטעטן, וויבאַלד דאָס וועט נאָר זיין מעגלעך.

דורך דער פאַרמיטלונג פון דערמאָנטן פאַרבינדלער האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען אַ קונה אויף מיין פאָטערס קליין הויז אין צענ־

טער פון וואַרשע. נאָר אַדאַנק דעם האָבן מיר געהאַט צו צאָלן פאַר אונ־
דזער לעבן. און כדי צו באַגרייפן, אַז אַזאַ לעבן האָט גאָר טייער אויסגע־
מאַכט, וועט גענוג זיין צו דערמאָנען, אַז בלויז פון מאַי חודש 1943
ביזן טאָג פון באַפרייאונג, דאָס הייסט ביזן 17טן יאַנואַר 1945, ווען די
רויטע אַרמיי איז אַריין קיין וואַרשע, האָבן מיר — דריי מענטשן —
אויסגעגעבן די ריזיקע סומע פון העכער אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס...

קאַפּיטל אַכט

די אַפּעראַ פון „האָטעל פּאָלסקי“

אין איינער אַ דושנער זומער־נאַכט, ווען איך האָב זיך געשלייעט צווישן די ביימער פון „מיין“ וואַלד אין דער ריכטונג צום הייזל פון פּוי־לישן פּאַרבינדלער, בין איך אומדערוואַרט געוואָרן אַן עדות — און שי־עור נישט אויך אַן אַקטיאָר — פון אַן אימהדיקער סצענע, וואָס איז, ווי כ׳בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, געווען אַן עכאָ פון דער אויסטערלישער טראַגעדיע, וועלכע איז אַריבער אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „די אַפּעראַ פון האָטעל פּאָלסקי“.

איידער איך וועל דערציילן וועגן יענעם באַגעגעניש אין וואַלד, וועל איך אין קורצע ווערטער דערמאָנען די טראַגעדיע גופא; די טראַגעדיע, וואָס איינעם פון אירע לעצטע קרבנות האָב איך דעמאָלט געזען:

צוזאַמען מיט די יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס אין אויסלאַנד האָבן אויך אַ ריי איינפלוסרייכע יידישע משפחות אין אַמעריקע, ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו קומען צו הילף די פּוילישע יידן אין די געטאָס און לאַגערן. נאָך לאַנגע השתדלותן האָט זיך אַ ריי יידן אין די לענדער פון דרום־אַמעריקע איינגעגעבן צו שאַפן אַ גע־וויסע צאָל דאָקומענטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט, אַז דער אָדער יענער ייד איז אַ בירגער פון האָנדוראַס, פּאַראַגוויי, אָדער אורוגוויי. די דאָקומענטן האָט מען אַרויסבאַקומען (פאַר היפּש געלט) אויפן סמך פון אַ געזעץ אין טייל דרום־אַמעריקאַנישע מדינות, לויט וועלכן יעדער באַזיצער פון אַ שטיקל ערד אין דער דאָזיקער מדינה קריגט אויטאָמאַטיש די בירגער־שאַפט פונעם לאַנד, וווּ די ערד געפינט זיך. האָבן יידן איינגעקויפט שטי־קער ערד און פאַרשריבן זיי אויף נעמען פון זייערע קרובים אין פּוילן. די באַקומענע בירגערשאַפט־באַשטעטיקונגען זענען אָוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּוילן און אָנגעקומען אין די הענט פון געשטאַפּאָ.

ווען אַזעלכע דאָקומענטן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין וואַרשע,

ווי לאַנג זיי זענען אָפּגעלעגן אין געשטאַפּאָ, ביז עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן מיט זיי עפּעס וואָס צו טאָן און ווער האָט עס דעם געדאַנק אַרויס־געזוקט און אונטערגעדרוקט — דאָס אַלץ וועט אפשר נאָך אַמאָל אויפגע־קלערט ווערן. דערווייל איז בלויז זיכער דאָס, אַז ווען ס׳האָט צווישן די יידן אויף דער אַרישער זייט געגומען פאַרשפּרייטן זיך די אין אָנהייב אַזוי אומגלויבלעכע ידיעה וועגן „האָטעל ראַיאַל״ און שפּעטער „האָטעל פּאָלסקי״ — האָט שוין אייגנטלעך דאָס וואַרשעווער יידנטום נישט עק־זיסטירט מער.

די אויסלענדישע פּאַספּאָרטן האָבן אָבער יאָ עקזיסטירט און — אַרום זיי טאָקע האָט זיך פאַרפלאָנטערט און פאַרוויקלט איינע פון די אויסטערלישסטע פּאַסירונגען פון דער אָקופּאַציע־צייט.

דער הויך־טאַלאַנטירטער יידישער שריפטשטעלער, וואָס שרייבט אין פּויליש אַלס „אַדאָלף רודניצקי״ (ער פאַרלייקנט נישט זיין יידיש־קייט, נאָכמער: ער באַהאַנדלט אָפט יידישע טעמעס און שטענדיק מיט אַ יידיש האַרץ און געפיל) האָט די אָקופּאַציע איבערגעלעבט אויף דער אַרי־שער זייט און אַלע זיינע ערשטע נאָך־מלחמה־שאַפונגען זענען נוגע די דאָ־זיקע צייט. זיי האָבן אַ גרויסן ווערט אי אַלס קינסטלערישע ווערק אי אַלס באַשרייבונגען פון אַן עד־ראיה. אין זיין נאָוועלע „גינאַנצי דאַניעל״ („דער אומגעקומענער דאַניעל״) האָט ער אויף אַזאַ אופן געשילדערט דאָס, וואָס ס׳איז פאַרגעקומען אַרום „האָטעל פּאָלסקי״:

„...נאָכן פאַרלאָזן דאָס געביט, וואָס איז דירעקט אַרומגענומען גע־ווען מיט דער קריגס־אַקציע (רודניצקי מיינט דאָ די יידן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון ברענענדיקן געטאָ בעתן אויפשטאַנד), האָבן די מענטשן דעם טויט־אורטייל ווייטער געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס. דער גובער־נאַטאָר פישער האָט אויפסניי אַפּעלירט צו די פּאָליאַקן, אַז זיי זאָלן אַרויס־געבן סיי די, וואָס זענען אָקאָרשט אַנטלאָפן און סיי יענע, וועלכע באַ־האַלטן זיך אויס שוין פון פריער. אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך „פאַר־ברענט״ פיל גוטע „מלינות״. קלאַנגען, אַז אויף מאַקאַטאָוו, אויף ווספּול־נאַ, אויף זשאַליבאָזש האָט מען דערשאָסן נישט בלויז די יידן, נאָר אויך די באַלעבאָטים, וואָס האָבן זיי אויסבאַהאַלטן, האָבן געמאַכט דאָס זייע־

ריקע. „אַריער" האָבן געגומען מאַסנווייז אָפּזאָגן די ווינונגען יענע לאַ־קאַטאָרן, וואָס האָבן דערוועקט דעם מינדעסטן שאָטן פון פאַרדאַכט. די באַלעבאַטים האָבן באַשלאָסן גלייכער צו רעזיגנירן פון „די פּאָר גראָשן". אין דער לעצטער מלחמה האָט קיינער נישט דערפילט אַזוי שטאַרק ווי די יידן, אַז אַ מענטש לעבט ווי אַ שלימאַק אַזוי לאַנג, ווי ער באַזיצט אַ היים.

די דייטשן, וועלכע האָבן זייער סיסטעם שוין גאָר שטאַרק אויסגע־בעסערט — געהאַלטן ביים ליקווידירן שוין נישט דעם ערשטן מיליאָן — האָבן געדענקט, אַז דער פּרינציפּ פון גוטער מלאכה באַשטייט אין טיילן ביזן סאַמע סוף. די לעבעדיקערהייט פאַרברענטע אין די מויערן האָבן שוין גאָרנישט געקאָנט העלפן און — ווי מען וואָלט געזאָגט — דאָס איז געווען פ אַ ר ש ט ע נ ד ל ע ך. דאַקעגן די אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט, וועלכע האָבן יעדן טאָג געבעטלט ביי זייערע באַלעבאַטים אַ קריש געדולד, ביז זיי וועלן געפינען עפּעס אַ ניי באַהעלטעניש, זיי קאָ־נען דאָך נישט שלאָפן אויפן גאַס — האָט מען אין אַ געוויסן טאָג גע־געבן צו וויסן, אַז זיי זענען נאָך, חלילה, נישט פאַרלוירן. זיי האָבן אַ פּרעכטיקע שאַנס. אַ פּרעכטיקע, אויסערגעוויינלעכע און — אַ שויז באַ־קאַנטע. די האָט דעריבער בעסער געווירקט. די אויסבאַהאַלטענע איז אַזוי־אַרום אומגעקערט געוואָרן די האָפענונג.

די אָפּגעראַטעוועטע פון וואַרשעווער געטאָ — דערציילט ווייטער רודניצקי אין דער דערמאָנטער נאָוועלע — האָבן לאַנג געדענקט ווי אַזוי עס זענען אָנגעוואַקסן די הכנות צו דער אַקציע פון זומער 1942, זייער — קרעשטשענדאָ. די דייטשן האָבן באַגרענעצט די געטאָ־טויערן ביז צוויי, אָדער דריי. די קריסטלעכע גייסטלעכע האָט מען געהייסן פאַרלאָזן די געגנט, הגם דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע קירכעס. מען האָט די יידן איבערגעלאָזן אײנגאַנצן אַליין. און אַז די יידן זענען שוין געבליבן אַליין, האָבן אַלע באַזיצער פון אויסלענדישע פּאַספּאָרטן באַקומען אַ באַ־פעל צו שטעלן זיך אין דער „פּאַוויאַק"־תפיסה, ווו זיי האָבן געזאָלט אינ־טערנירט ווערן. דער שווייצאַרישער בירגער אָסקאַר באַרנשטיין האָט גע־בעטן צו פאַרלאַנגירן אים דעם טערמין אויף עטלעכע טעג — צוליב אַ קראַנק קינד. דערויף האָט מען אים געענטפערט, אַז אויך פאַר אַ קראַנק

קינד וועט עס בעסער זיין, ווען עס וועט זיך געפינען אויפן „פּאַוויאַק״. אָסקאַר באַרנשטיין האָט אַפילו נישט איבערגעפּרעגט פּאַרוואָס און איז אַוועק אין יענער תפיסה. די „זאַגראַניטשניקעס״, דאָס הייסט די „אויס־לענדער״ האָט מען גלייך איינגעטיילט אויף אָנגעהעריקע צו מדינות, וואָס האַלטן קריג און וואָס זענען אין קריג נישט אַריינגעטראָטן. די אָנגעהע־ריקע צו די נישט־קריגס־מלוכות, בתוכם אויך אָסקאַר באַרנשטיין, האָט מען תיכף דערשאָסן. די אָנגעהעריקע דאַקעגן צו די קריגס־מדינות האָט מ׳ען אַריינגעפירט אין די צימערלעך פון דער געוועזענער תפיסה־אַדמי־ניסטראַציע, פונוואַנען די פענצטער אָן קראַטעס זענען אַרויס אויף דער דזשעלנע גאַס. פון אָט די פענצטער האָבן די אינטערנירטע געזען די מחנות, וואָס האָבן מאַרשירט צום אומשלאַג־פּלאַץ — שטומע ווי אַ שטיין. קיינמאָל האָבן די אינטערנירטע נישט געהערט קיין קרעכץ פון אַ זקן, אָדער אַ געוויין פון אַ קינד. די דאָזיקע מחנות האָבן שוין נישט געגלויבט אינעם ווערט פון מענטשלעכער שפּראַך.

די אינטערנירטע האָט מען באַהאַנדלט ווי אַמבעסטן. עסנוואַרג אָן באַגרענעצונגען האָבן זיי געקאָנט באַקומען פון דער אַרישער זייט. צו די אינטערנירטע האָט מען זיך געווענדעט פּער „זי״ און טייל ווייבערלעך, גערירט פון דער אייראָפּעאישקייט פון די געשטאַפּאָ־לייט האָבן זיך שוין מיישב געווען וואָס פּאַר אַ מתנות זיי צו קויפן. אין „פּאַוויאַק״ זענען זיי אַזוי געזעסן פון יולי ביז יאַנואַר — אין אַ געמישטער געזעלשאַפט, מען האָט אַפילו נישט סעפּאַרירט יידן פון די נישט־יידן, דער פּאַס האָט ני־וועלירט אַלע אונטערשיידן. אין יאַנואַר 1943 האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויף צוויי טעג אין האָטעל „ראַיאַל״, אויף דער כמיעלנע־גאַס, פונוואַנען זיי זענען אַוועקגעפאָרן. אַלע זענען איבערצייגט געווען, אַז דאָס איז אַ גייער דייטשער פּאָרטל, אַז קיינער פון די מ׳ענטשן וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּרופן. אָבער נאָך פיר וואָכן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען בריוו — אויף בלאַנקן פּאַר קריגס־געפאַנגענע — נישט קיין בריוו, נאָר לויב־גע־זאַנגען: זיי וווינען אין אַ קור־אָרט מיט אַ וועלט־נאָמען, אין הערלעכע האָטעלן, דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ שיקט פּעקלעך, קלויס־טער־שוועסטער לערנען די קינדער די ענגלישע שפּראַך (טייל קינדער

האָבן זיך שוין געלערנט די דריטע שפּראַך במשך פון דער מלחמה) — אַ לעבן ווי אויף אַ יאַכט־שיף בעת אַ לוסטרייזע אויפן ים. דאָס אָרט האָט געהייסן וויטעל און אָט דער נאָמען האָט גלייך אָנגעהויבן קלינגען, ווי אַ לעגענדע, אין די אויערן פון די פּאַרמשפּטע, וואָס טייל פון זיי האָט געלעבט ווי שטשורעס אין זייערע נאָרעס און אַנדערע ווידער, אויב זיי האָבן אַמאָל פאַרלאָזט זייער באַהעלטעניש, איז שטענדיק מיטן באַוווסט־זיין, אַז יעדער זייער טריט קאָן זיין — דער לעצטער.

מיטן אויסברוך פון יידישן פּסח־אויפשטאַנד איז דער צווייטער טראַנספּאָרט אָפּגעפאָרן קיין וויטעל.

מענטשן לעבעדיקערהייט געברענטע און — וויטעל; מאַמעס, מיט די קינדער אויף דער האַנט שפּרינגענדיקע אין פייער און — וויטעל; דאָס כסדרדיקע דערוואַרטן דעם טויט און — וויטעל; די אומאויפהערלעכע מורא פאַר שאַנטאַזש, די פולע מיט אומצוטרוי און מ'אַטערנדיקע באַלע־באָסטעס און — וויטעל; קלויסטער־שוועסטערס, וואָס לערנען ענגליש און „שמאַלצאָווניקעס״ מיט אויגן ווי מעסערס אויף די ראָגעס פון יעדער גאָס; הערלעכע האָטעלן, פּעטע אַמעריקאַנער פּעקלעך און — די שטענ־דיקע מורא, אַז דאָס געלט וועט זיך אויסלאָזן, די מורא, וואָס האָט נישט פאַרלאָזט אַפילו די רייכסטע אויף דער אַרישער זייט; דער גהינום־תהום און — וויטעל. נישט שווער צו פאַרשטיין די צוציאונגס־קראַפט פון דאָ־זיקן כישוף־וואָרט.

ווען די יידישע געגנט האָט זיך צום לעצטן מאָל געפונען אין פייער, האָבן די פּאַספּאָרטן אָנגעהויבן אָנצוקומען אין אַ גרעסערער ווי ביז איצט צאָל. הענריק גאָלדמאַן האָט אַ יאָר צייט אָנגעשלאָגן אומעטום, כדי אַרויסצובאַקומען אַ פּאַס, מיט אַלע מעגלעכע ווען האָט ער אַרויסגעשיקט „ס. אָ. ס.״־רופן, באַשווירן, געשריבן: — איר האָט קיין רעכט נישט צו רוען...

ביז וואַנען מען האָט אים טאַקע צוגעשיקט אַ בירגערשאַפט־באַשטע־טיקונג, אַן אַזוי גערופענע „פּראָמעסע״. אָבער אין מאָמענט, ווען די „פּראָמעסע״ איז אָנגעקומען, האָט הענריק גאָלדמאַן שוין נישט געלעבט. אַזעלכע הענריק גאָלדמאַנס, פאַרסמטע, פאַרברענטע, פאַרקאַטעוועטע —

זענען געווען אַ סך. די אַדרעסאַטן זענען נישט געווען, קיין גאַסן זענען נישט געווען, קיין הייזער זענען נישט געווען, נאָר די פּעסער זענען געווען.

איז אין אַ געוויסן טאָג די פאַרהאַנגענע מיט רויך, צאַפּלענדיקע פון אויפרייסן און אכזריות שטאָט דורכגעלאָפן אַ ידיעה, אַז פאַר אַ געלט־סומע קאָן מען קויפן אַ פּאַס, אָדער אַן אָרט אין אַ פּאַס, אָדער הייסן זיך צושרייבן אין אַ פּאַס אַלס פּאַטער, זון, מוטער, ווייב וכו׳. ס׳איז קלאָר געווען, אַז אין אויסלאַנד וועט קיינער נישט קוועסטיאָנירן הלמאי אַנ־שטאָט גאָלדמאַנען איז געקומען צופּאָרן גאָלדפאַרב אָדער גאָלדשטיין, אויסלאַנד האָט געוואָלט העלפן, אַזאַ זין איז דאָך געווען פון די פּאַס־פּאָרטן. געגאַנגען איז דער עיקר אין דער באַציאונג פון די דייטשן צו אַזאַ מין טויש, און דאָס מאָל האָבן גראָד די דייטשן אויך געוואָלט העלפן. זיי האָבן געוואָלט פאַרקויפן די פּעסער, זיי האָבן ווי שטענדיק געוואָלט וואָס מער געלט, אָבער דערביי געהאַט אויך זייערע פּאָליטישע אינטערעסן, דאָס מאָל — דערלייזערישע, ווי עס האָבן געזאָגט די פאַרנונפטיקערע.

אין יענער צייט — דערציילט ווייטער רודניצקי — האָט דאַניעל באַקומען פון דער שווייץ אַ רעקאָמ׳ענדירטן בריוו, אַדרעסירט צו זיין פריינד, וואָס איז באַלד דערנאָך אַרויסגעפאָרן פון וואַרשע. דער קאָנסו־לאַט פון האָנדוראַס אין בערלין האָט אים מודיע געווען, אַז עס איז אים צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אָנערקענט געוואָרן די האָנדוראַסער בירגער־שאַפט און ער ווערט דעריבער געבעטן צוצושיקן אַלע אינפאָרמאַציעס וועגן זיך און אויך פאָטאָ־אויפנאַמעס פאַר די פּאַספּאָרטן. אַלץ צוזאַמען איז געווען דורכזיכטיק, איינדייטיק, אָבער מען האָט נישט אַרעסטירט נישט דעם פריינד, אויף וועמענס אַדרעס דער בריוו איז אָנגעקומען, און נישט קיינעם פון זיין פאַמיליע.

די „פּראָמעסע״ איז אָנגעקומען גראָד אין ריכטיקן מאָמענט. אַ טאָג פריער האָט דאַניעלס באַלעבאָסטע אים באַזוכט און אַרומגעקוקט דאָס צימער זיינס און דאָס ביסל מעבל, גלייך ווי זי וואָלט עס געזען צום ערשטן מאָל.

— דאָס ביורקעלע — האָט זי געזאָגט — דאָס ביורקעלע... איר שרייבט אַמאָל נישט צו פיל אויפן ביורקעלע? ס׳איז דאָך אַזוי קרוכקע,

אַזוי ווייבעריש, ס׳פאַרטראָגט נישט די שווערע האַנט פון אַזאַ מאַנספּאַרשוין ווי איר. און דאָ־אָ, איז דאָ ביורקעלע צעדראַפּעט. צי מיינט איר, אַז ס׳איז היינט לייכט מיט מעבל? צי פונעם דירה־געלט, מיינט איר, איז לייכט צו קויפן אַזאַ ביורקעלע? נו, ווי דאַכט זיך אייך, וויפל דאַרף אַזאַ זאַך קאָסטן? — זי האָט זיך דערנענטערט צום טיש: — צי רוקט איר אַמאָל נישט צו אָפט פונאַנדער דעם טיש? (ס׳איז געווען אַן אמתער הונדערטפּוסיקער וואָרעם. זיינע דינע פיסלעך האָבן זיך נאָך דערצו אָנגעשפּאַרט אויף עפּעס מאָדנע רעדלעך). מען שאַנעוועט נישט, ווייל ס׳איז פרעמדס...

— מען שאַנעוועט יאָ — האָט דאַניעל געענטפערט אויסוואַרטנדיק — מען שאַנעוועט...

— און איך זאָג, אַז מען שאַנעוועט דווקא נישט — די באַלעבאסטע האָט אַלץ גערעדט, נישט בייזערנדיק זיך שטאַרק, דערווייל נאָך — אַלס הקדמה. — איר ווייסט, די גאַנצע גאַס לויבט אייך. מען זאָגט, אַז איר זענט העפלעך, דעליקאַט, שיין, לייקנט נישט. מען זאָגט, אַז איר זענט אַ שיינער מאַנספּאַרשוין. איך אַליין בין אויך ביי דער זעלבער מיינונג, און זי האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי אַ זעכציקיעריקע דאַרף שמייכלען צו אַ מיט אַ העלפט יינגערן מאַנספּאַרשוין, שפּילעוודיק, אָבער בכבודיק צוזאַמען. — ווען איר זענט געקומען צו מיר, האָט איר זיך פאָרגעשטעלט אַלס „פאַן קאָוואַלסקי״, שפּעטער האָט איר מיין שנור דערלאַנגט אַ דאָקומענט אויפן נאָמען „דזשיקאָווסקי״ און איינמעלדן האָט איר זיך געהייסן טאַקע „דזשיקאָווסקי״, איז ווי אַזוי הייסט איר אין דער אמתן, קאָוואַלסקי. צי דזשיקאָווסקי? איר זעט דאָס־אָ מיידעלע? — דאָ האָט זי אַ גלעט געגעבן דאָס מיידעלע, וואָס זי האָט געבראַנגט מיט זיך צו פירן, איבער אירע שוואַרץ־געקרייזלטע האָר — דאָס אָרעמע קינד איז אויך אַביסל דזשיקאָווסקאַ, זי ווייסט אויך נישט, ווי אַזוי זי דאַרף הייסן, כדי איר זאָל גוט זיין אויף דער וועלט. איר פאָטער הייסט יעדע דריי מאָנאַטן אַנדערש, זייער אַן אָרנטלעכער מענטש. מיר איז באמת זייער ווייטיקלעך, אָבער איך מוז אייך בעטן, אַז איר זאָלט זיך וואָס שנעלער אַרויסציען פונדאַנען. ווען די פּאָליטישע לאַגע וועט זיך ענדערן, איז דעמאָלט ביטע זייער,

אָבער איצט נישט... אויב איר זענט פּאַקטיש קאָוואַלסקי, טאָ וועט איר דאָך לייכט געפינען אַ צימער. אַ קאָוואַלער, אַ שײנער, אַ רעגולערער צאַ־לער, אַ שטילער — אַזעלכן זוכט מען דאָך מיט אַ ליכט. זענט איר אָבער בלויז דזשיקאָווסקי (אויך אַ שיינער נאָמען, אַ צו שיינער), מוזט איר מודה־זיין, אַז איך האָב פון מיין זייט ערלעך געהאַנדלט, איך האָב זיך אויסגעשטעלט אויף געפאַר במשך פון צען חדשים... צי ווייסט איר וויפל שלאָפלאָזע נעכט איך האָב אייך צו פאַרדאַנקען? איך האָב מיין חוב אַלס קריסטין דערפילט, איצט איז געקומען די ריי אויף אַנדערע. איך בעט אייך זייער, אַז איר זאָלט זיך אַרויסציִען. איר ווילט דאָך מסתמא נישט, אַז מען זאָל מיך, די אַלטע, דערשיסן און דאָס הויז לאָזן מיטן רויך.

דער באַלעבאָסטעס טענות זענען געווען נישט אָפּצופרעגן. די שאַנסן פון באַקומען אַן אַנדער צימער האָבן אויסגעמאַכט — נול. דאַניעל האָט מיט גרויס מי זיך אָפּגעבעטן, אַז זי זאָל צוּוואַרטן נאָך עטלעכע טעג.

הגם די „פראָמעסע" איז אָנגעקומען אין דער ריכטיקער צייט, האָט דאַניעל נישט געקאָנט זיך אַנטשליסן אויסצונוצן זי. — מען דאַרף זיין בלינד און טויב — האָט ער איינגעטענהט מיט זיך אַליין — כדי נישט צו דערזען די פּאַסטקע. יעדע אויסראָטונג האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ פאַרשלאַג צו פאָרן „אויף מזרח", „אין אַרבעטס־לאַגערן", „אין אַרבעטס־לאַגער טרעבלינקע". דאָס איז נאָך איין פאַרעטערישער שפּיצל. דאַניעל האָט זיך דאָס יעדן טאָג איבערגעחזרט און מיט שרעק געטראַכט וועגן דעם, אַז עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען ער וועט בלייבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

דעם באַשלוס האָט פאַר אים אָנגענומען — אַן אַנדערער.

דאָס לעבן פון דאָקטער קאַליסקי — דערציילט וויטער רודניצקי — איז ווי ביי פיל אַנדערע באַשטאַנען פון צווייערליי געפילן: פון לויערנדיקן געפאַר און פון אויסטערלישער־נאַגנדיקער לאַנגווייליקייט. דאָס איז גע־ווען אַ לעבן אָן אַרבעט, אָן פרויען, אָן אַטראַקציעס, אויסער די אַטראַק־ציעס, וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיטן דערוואַרטן דעם טויט, אָבער דאָס האָט נישט דערהרגעט אַנדערע געברויכן. דעם אַדרעס, ווו מען וווינט, האָט מען פּרינציפּיעל קיינעם נישט אויפגעגעבן, מען האָט אויך

קיינעם נישט אויפגענומען. יעדער פון די אומגליקלעכע אויסבאַהאַלטענע האָט זיך כסדר געפונען צוזאַמען מיט די זעלבע צוויי אָדער דריי מענטשן, וועלכע האָבן אים געמוזט סטאַיען פאַר דער גאַנצער וועלט. דער רירעוו־דיקער און וויטאַלער קאַליסקי האָט ערגער ווי אַנדערע פאַרטראָגן די לאַנגווייליקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַביסל געלט, נישט געפילט דעריבער קיין הונגער, געהאַט אַפילו נישט קיין שלעכטע וווינונג; נאָך שאַרפער זענען צוליב דעם ביי אים געווען די איבעריקע געברויכן. ער פלעגט אַריינ־קומען צו דאַניעלן, פאַרפירן מיט אים אומענדלעכע דעבאַטן אויף סטראַ־טעגישע טעמעס. ביידע האָבן וועגן דעם קיין אַנונג נישט געהאַט, אָבער ביי די דעבאַטן פלעגן זיך ביידע שטאַרק אָנצינדן און אויפרעגן. די קריי־געריי האָט שטענדיק איבערגעריסן קאַליסקי, זאָגנדיק, אַז אויב עס וועט זיך בקרוב עפּעס נישט ענדערן אין זיין לעבן, וועט ער — משוגע ווערן.

ווען עס איז אָנגעקומען פאַר דאַניעלן די „פּראָמעסע״, האָט קאַ־ליסקי זי תיכּף אָנערקענט פאַר אַ בשותּפותדיקע (יעדן האָט מען געקאָנט אַריינשרייבן אַלס פאַמיליע־מיטגליד) און האָט אָנגעהויבן אַרום איר צו אַרבעטן. ער האָט קודם אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות, כּדי צו צווינגען דאַ־ניעלן, אַז ער זאָל זיך אַנטשליסן. אויפגעפירט האָט ער זיך דערביי ווי אַ העלד. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט, נישט קוקנדיק אויף די דייטשן און אויף די „שמאַלצאָווניקעס״. ער איז אַפילו געפאָרן אַליין צום האָטעל „ראָיאַל״ און יעדן טאָג האָט ער געבראַכט ידיעות „פון וויטעלער פראָנט״.

נישט קאָנענדיק אָננעמען קיין ענדגילטיקן באַשלוס איז דאַניעל נאָענט געווען פון משוגעת. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אויפגעהערט צו עפענען די טיר קאַליסקין. מיט מאָדנעם פּחד האָט אים אָנגעפולט דער גאַנצער קאַליסקי מיט זיין דורשטיקן קלאַמערן זיך אינעם לעבן, מיט זיין גוואַלדיקן ווילן צו לעבן פאַר יעדן פּרייז. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַזאַ מין אַקטיוויטעט.

אַ געוויסן טאָג האָט קאַליסקי געבראַכט אַ ידיעה, אַז צומאָרגנס דאַרף מען שליסן די רשימה. „די דייטשן זאָגן, אַז ס׳איז שוין פאַראַן צו פיל מענטשן. די רייכע יידן צאָלן יעדן פּרייז פאַר אַן אָרט. נאָך אַ טאָג און

ס'קאָן זיין צו שפּעט. דאָרט פעלט נישט קיין פּאַספּאָרטן. מען האָט גע־בראַכט אַ גאַנצן זאַק מיט „פּראָמעסס". מאָרגן קאָן מען שוין נישט ווערן אָנערקענען אונדזער „פּראָמעסע". מיין באַלעבאָסטע שטעלט מיר וואָס אַמאָל מאָדנערע קשיות. דאָס געלט לאָזט זיך מיר אויס. אויב דו ווילסט נישט פאָרן, טאָ זאָג בפירוש. איך וועל זוכן צו קויפן אַן אָרט ביי אַן אַנדערן"...

דער ענין איז געווען אַ דעליקאַטער. די „פּראָמעסע" איז וואָס אַן אמת אויסגעשטעלט געווען נאָר אויף דאַניעלס נאָמען, אָבער קאַליסקי איז אויך געווען פאַרבונדן מיט פריינדשאַפט־פעדעם מיט יענער פאַמיליע אין אויסלאַנד, וואָס האָט די „פּראָמעסע" געשיקט. אויסער דעם האָט קאַליסקי געהאַט אַ מוטער און אַ שוועסטער, וועלכע האָבן זיך אויך אַרומ־געוואַלגערט ערגעץ ווו אויף דער אַרישער זייט. דאַניעל האָט קיין משפחה נישט געהאַט; האָט ער, אַלזאָ, געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרזאָרגן די גאַנצע פאַמיליע קאַליסקי. יאָ, אָבער וועלנדיק מיטנעמען די קאַליסקיס האָט ער געמוזט פריער אַליין באַשליסן. דערווייל האָט ער יעדן טאָג איי־בערגעחזרט, אַז ער וועט נישט פאָרן, אַז ער וועט פאַר גאָרנישט אין דער וועלט נישט פאָרן, אַז דאָס איז אַ פּאַסטקע. ער האָט, באמת, געקאָנט אָפּ־טרעטן די גאַנצע „פּראָמעסע" קאַליסקין, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין פּשוטע זאַך. ער האָט טאַקע נישט געוואָלט פאָרן, אָבער געהאַלטן האָט ער גלייכצייטיק, אַז איינגאַנצן זיך פון דער „פּראָמעסע" אָפּזאָגן — טאָר ער אויך נישט. זי איז דאָך געווען אַ מין בילעט אויף צו לעבן. ווען ער פאַלט אַריין אין דייטשע הענט און דאָס קאָן געשען יעדע מינוט, וואָלט די „פּראָמעסע" געקאָנט אים ראַטעווען.

ער האָט דעריבער אָפּגעוואָרפן די פאָרשלאָגן, וואָס מען האָט אים געמאַכט פון פאַרשידענע זייטן (דאָס ווייב פון אַ באַקאַנטן טוער, וועל־כער איז געזעסן אין „פּאַוויאַק", האָט אים פאָרגעלייגט אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס, אַן אַנדערער האָט געוואָלט אויף זיין נאָמען אָפּשרייבן אַ הויז אויף כמיעלנע־גאַס).

אינדערפרי פון דעם זעלבן טאָג, ווען קאַליסקי איז געקומען צולויפן מיט דער ידיעה, אַז מאָרגן שליסט מען אָפּ די רשימה, האָט דאַניעל גע־

האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער וועט נישט פאָרן. די וועלט איז קראַנק און אין אַ קראַנקער וועלט דאַרף מען זיך וואָס ווייניקער באַוועגן. אָבער האַרט פאָרן אָנקומען פון קאַליסקין, האָט די באַלעבאָסטע ביי אים געפּאָדערט, אַז ער זאָל תיכף־ומיד פאַרלאָזן די שטוב, ווייל ביינאַכט דאַרף די זשאַנדאַרמעריע „דורכקעמען" די געגנט.

דעם זעלבן טאָג זענען זיי אָפּגעפאָרן צום האָטעל „ראָיאַל" אויף כמיעלנע־גאַס.

העכער צוויי טויזנט מענטשן זענען פריער געקומען אין האָטעל „ראָיאַל" אויף כמיעלנע און שפּעטער אין האָטעל „פּאָלסקי" אויף דלוגע. פונוואַנען דער גאַנצער ענין האָט באַקומען זיין נאָמען. דער עולם האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויפן האַטשיק. צווישן די צוויי טויזנט מענטשן איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל נישט פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ האַטשיק, אַז די דייטשן האָבן ווידער פאַרשפּרייט אַ נעץ, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן הונדערט מאָל ביז איצט. אָבער די־אָ מענטשן האָבן נישט געהאַט וווהין צו גיין. נעכטן האָבן זיי פאַרלוירן די דירה, צום ווייפלסטן מאָל געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן אַ מעגלעכקייט צו געפינען אַן אַנדערן דאַך. עס זענען דאָ אַהער געקומען זקנים, האַלטנדיק, אַז זיי האָבן סיי ווי נישט קיין סך צו פאַרלירן, און יונגע, וועלכע עס האָט קיינער נישט געוואָלט, נישט דער וואַלד און נישט די שטאָט. עס האָבן זיך דאָ אַהער געיאָוועט חכמים און נאַראָנים. בעת די אומאויפהערלעכע געשפּרעכן און וויכוחים אַרום דעם, צי איז דאָס אַ פּאַסטקע, צי נישט, און נישט קיין אונטערשיד וואָס זיי האָבן גערעדט (למשל: אַז די דייטשן וואָלטן זיך נישט געדרייט קיין קאָפּ מיט אַ ספּעציעלן האָטעל, כדי אומצוברענגען נאָך צוויי טויזנט יידן), האָבן זיי צו דער גאַנצער זאַך סקעפּטיש זיך באַצויגן און מער ווי אויף איין פּראָצענט האָבן זיי די שאַנס זיך צו ראַטעווען נישט געשאַצט.

אָבער אויסערהאַלב דעם האָטעל האָבן זיי דעם איינעם פּראָצענט אויך נישט געהאַט. אויסערהאַלב פונעם האָטעל האָט אויף זיי געוואַרט דער „שמאַלצאָווניק", כדי זיי אָפּצושינדן און אויסצוליפערן אין דייטשע הענט.

דאַניעל איז נישט געפאָרן.

אַ וואָך שפּעטער, ווען עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז מען גייט זיי איבערטראָגן אין אַן אַנדערן האָטעל, איז דאַניעל איבערצייגט געווען, אַז דער צווייטער האָטעל וועט זיין — מאַידאַנעק, און ער איז אַנטלאָפן..."

"...דאַניעלס חשדים האָבן זיך אַרויסגעוויזן נישט צו זיין באַגרינ־דעט. אַלס צווייטער האָטעל איז באַשטימט געוואָרן דער "האָטעל פּאָל־סקי" אויף דלוגע־גאַס. מען האָט געזוכט פון דאַניעלן. אַלע קאַליסקיס האָבן געלאַכט פון אים...

צומאָרגנס נאָכן אַנטלויפן פון האָטעל האָט דאַניעל דורך אַ גליק־לעכן צופאַל געפונען אַ שטיבעלע, ווו מען האָט בייטאָג אויסגעאַרבעט שטעקשיך. אינעם זעלבן הויז האָט עטלעכע לאָקאַלן פאַרנומען די פעלד־זשאַנדאַרמעריע, וועלכע פלעגט שליסן דאָס טויער נאָך פאַר דער פּאָלי־צײ־שעה. וויפל מאָל דאַניעל איז דעמאָלט געקומען, האָט אַ זשאַנדאַרם מיט דער בלעך אויפן האַלדז געעפנט פאַר אים דעם טויער און אים גע־ווונטשן אַ גוטע נאַכט.

דאָס דערלאָבערן אַ ניי אָרט צום שלאָפן האָט דערוועקט אין דאַ־ניעלן אַ פרישן מין ספקות: אַז ער טוט ווי אַ נאַר, רעזיגנירנדיק פונעם אַרויספאָר. און ער האָט טאַקע נישט רעזיגנירט ענדגילטיק, יעדן טאָג פלעגט ער ווייטער גיין אין האָטעל אַריין, אָפּלייגנדיק דעם באַשלוס אויף דער לעצטער רגע.

נאָך פיר וואָכן, ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איצטיקער טראַנספּאָרט ווערט געשיקט נישט קיין וויטעל, נאָר קיין צעללע אין דייטשלאַנד, האָט דאַניעל אָנגענומען דעם באַשלוס צו פאַרבלייבן. מיטן טראַנספּאָרט זענען אָפּגעפאָרן לערך טויזנט מיט פיר הונדערט מאַן, בתוכם די דריי קאַליסקיס — אויף דאַניעלס "פּראָמעסע". דער טראַנס־פּאָרט איז אויף אַ געוויסע צייט פאַרהאַלטן געוואָרן הינטער האַנאָווער, שפּעטער האָט מען די יידן צוריקגעבראַכט קיין פּוילן, קיין אָשוויענטשים און דאָ פאַרברענט אין די אויוונס"...

איך האָב דאָ געבראַכט אַזאַ גרויסן אויסצוג פון רודניצקיס דראַמאַ־טישער דערציילונג, כדי מיט נאָך איין שיין צו באַלויכטן די אַטמאָספע־

רע, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די יידן אויף דער אַרישער זייט. די אַטמאָספערע, וועלכע האָט דערמעגלעכט די דייטשן אַרויסצונאָרן טויזנ־טער יידן פון זייערע באַהעלטענישן און אויך זיי צו פאַרברענען אויף אַש.

פיל פּרטים פון דער „האָטעל פּאָלסקי"־אַפּערע פאַרבלייבן נאָך אין שאָטן און וואַרטן אויפן היסטאָריקער, וואָס זאָל זיי אויספאָרשן און אויפ־קלערן. עד־היום איז נישט באַוווּסט, צי האָבן די דייטשן דעם גאַנצן ענין לכתחילה אַראַנזשירט נאָר צוליב געלט־גייציקייט און דער גורל פּגז די אַלע „אויסלענדישע בירגער" איז פון פאָרויס געווען אַ געחתמעטער. איז דאָך ווידער אַ פאַקט, אַז אַ געוויסע צאָל אַזעלכע יידן איז יאָ אויסגע־טוישט געוואָרן אויף היטלעריסטן, אַרעסטירטע אין די דרום־אַמעריקאַנער און אין אַנדערע לענדער. און לויט רחל אויערבאַך, די שרייבערין, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט אין וואַר־שע און זיך פון דער נאָענט צוגעקוקט צום גאַנצן גערענגל, קומט אויס, אַז די דייטשן האָבן יאָ ערנסט געמיינט די „אויסלענדישע" יידן אַרויסצו־לאָזן פון זייערע נעגל. אין איר אַרבעט וועגן רודניצקיס דערציילונג „גי־נאָנצי דאַניעל" שרייבט רחל אויערבאַך, אַז פון צעללע און וויטעל האָבן די דייטשן אַוועקגעפירט קיין אַשוויענטשים און אין אַנדערע לאַגערן נאָר יענע יידן, וואָס זייער בירגערשאַפט איז דיסקוואַליפיצירט געוואָרן דורך די לענדער, ווהין זיי האָבן געזאָלט אַריינפאָרן. „נאָך אַ קאַפּיטל פון יידי־שער טראַגיק. — שרייבט רחל אויערבאַך — אַמאָל אין אַ נאַווינע איז די אכזריותדיקע און הפקרדיקע באַציאונג צו יידן דאָס מאָל געקומען צום אויסדרוק אין דער האַנדלונג פון די מלוכות, וואָס האָבן זיך אין אַזאַ גע־פערלעכער לאַגע אָפּגעזאָגט צו געבן פאַר אַ פּאָר טויזנט יידן אַן אַזיל".

אַזוי צי אַזוי, צי די דייטשן טראָגן אין דעם פאַל יאָ די הויפּטשולד, צי נישט, איז אַ פאַקט, אַז די אַפּערע פון „האָטעל פּאָלסקי" האָט גורם געווען דעם אומקום פון טויזנטער יידן, וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אויף דער אַרישער זייט און וואָלטן אפשר סוף־כל־סוף באַוויזן זיך צו ראַטעווען.

אויב אָבער וועגן דער פּראָוואָקאַציע פון „האָטעל פּאָלסקי" גופא האָט מען שוין ביז איצט פיל גערעדט און געשריבן און דאָס וועט נאָך

אפשר פאַרגעזעצט ווערן, איז זייער ווייניק באַקאַנט דער פאַקט, אַז אומ־געקומען זענען נישט בלויז יענע יידן, וואָס האָבן זיך געלאָזט אַריינגנאַרן אין די האָטעל־צימערלעך אויף דלוגע־גאַס. די פּראָוואָקאַציע קאָן פאַר־גליכן ווערן צו אַ מין חולאת, וואָס האָט מיט אירע טויט־מיקראָבן אָנ־געשטעקט יעדן ייד, וואָס האָט זיך נאָר צום ענין צוגערירט. די ראָל פון מיקראָבן האָבן דאָ געגומען אויף זיך די פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס" אין שאַנטאַזשיסטן. „האָטעל פּאָלסקי" איז פאַר זיי געווען אַן אמתער שמאַלץ־גרוב, פון וועלכן זיי האָבן געשעפּט און געשעפּט...

לאָמיר זיך איצט אומקערן צו די דערציילונגען פונעם יונגן פּויליש־יידישן ליטעראַט מיט די שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן און הערן ווי אַזוי ער האָט בעת איינער פון זיינע נאַכט־וואַנדערונגען איבערן פינצטערן וואַלד געטראָפן זיך מיט אַ קרבן, וואָס איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אַזאַ „וועלט־מיקראָב":

געווען איז דאָס אַ צוויי־דריי חדשים נאָכדעם, ווי דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אָפּגעפאָרן פון „האָטעל פּאָלסקי". אין איינעם פון די הייזלעך נישט ווייט פונעם פּוילישן פאַרבינדלער, וועמען איך פלעג כמעט יעדע נאַכט באַזוכן, האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אַריינגעצויגן אַ נייע יידי־שע משפּחה.

וועגן דער פאַמיליע האָט מיר דערציילט דער פּוילישער פאַרבינד־לער, צוגעבנדיק, אַז די וווינונג פאַר די יידן האָט ער אַליין געשאַפן.

— פונוואַנען קומט עפּעס צו אייך אַ יידישע משפּחה? — האָב איך אַ פאַרחידושטער געפרעגט — און ווי פאַלט איר אויס אַזוי ווייט זיך צו אינטערעסירן מיט יידן, אַז איר זאָלט פאַר זיי אויסזוכן אַ באַהעלטע־ניש?...

— איך האָב באַקומען אַ בריוול פון „זשעגאָטאַ" — האָט דער פּוי־לישער טוער מיר געענטפערט — אַז איך זאָל זען צו העלפן דער פאַמיליע פון אַ באַקאַנטן פּוילישן געשיכטע־פּראָפעסאָר, אַ ייד, וואָס איז געפאַלן אַ קרבן פון „האָטעל פּאָלסקי"...

אַזוי־אַרום האָב איך זיך מיט איינמאָל אָנגעשטויסן אויף אָט די צוויי באַגריפן, וואָס זענען מיר ביז איצט לחלוטין נישט געווען באַקאַנט, אָבער

וואָס האָבן אַזאַ גרויסע ראָל אָפּגעשפּילט אין לעבן פון די יידן אויף דער אַרישער זייט. „האָטעל פּאָלסקי" — אין שלעכטן זין און „זשעגאָטאָ" — אין גוטן.

אַ סך פּרטים וועגן „האָטעל פּאָלסקי" בין איך אַ טאָג שפּעטער גע־וויר געוואָרן פון דער ניי־אָנגעקומענער יידישער פאַמיליע. דאָקעגן וועגן „זשעגאָטאָ" האָט זייער פיל געוווסט צו דערציילן דער פּוילישער טוער אַליין. — „זשעגאָטאָ" — דאָס איז געווען דער קאָנספּיראַטיווער נאָמען פון דער פּוילישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס אויפ־גאַבע צו העלפן די גערודפטע יידן אין יענע מוראדיקע טעג. „זשעגאָטאָ" האָט געפירט אַן אמתע „מתן־בסתר"־טעטיקייט, שטיצנדיק יידן אויף דער אַרישער זייט מיט אינדיווידועלער הילף, שאַפנדיק פאַר זיי באַהעלטע־נישן, אויסאַרבעטנדיק „אַרישע פּאַפּירן" וכד'.

די פאַמיליע, מיט וועלכער איך האָב זיך איצט באַקענט, האָט גע־האָט געפונען אַ באַהעלטעניש אין דער געגנט פון טשענסטאָכאָוו. אָבער אויך דאָ אַהער איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן וויטעל. די פרוי פונעם פּראָפעסאָר איז דאַן ספּעציעל געפאָרן קיין וואַרשע, כדי אויסצופאָרשן די מעגלעכקייטן אַרויסצופאָרן. זי האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו גיין דירעקט אין „האָטעל פּאָלסקי" — דעם וואָלף גלייך אין פּיסק אַריין. האָט זי זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט אויף די גאַסן אַרום דער דלוגע, ביז עס האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט איינער פון די „מעקלערס", וואָס האָבן דאָרט געטשאַטעוועט אין די הונדערטער. באַלד ווי דער חברה־מאַן האָט אַרויסגעבראַכט פאַרן מויל די סומע געלט, וואָס דאַרף איינגעצאָלט ווערן פאַר יעדער פּערזאָן, וועלכע וויל ווערן „אַן אויסלענדער", האָט די פרוי באַשלאָסן צוריקצוציען זיך פונעם גאַנצן ענין. זי איז נישט אימ־שטאַנד געווען איינצוצאָלן אַפילו אַ קליינעם חלק פון אַזאַ ריזיקער סומע.

צומאָרגנס איז דעם פּראָפעסאָרס פרוי אָפּגעפאָרן צוריק קיין טשענס־טאָכאָוו, פונוואַנען זי האָט מיט אַ פוילעריש פּורל געזאָלט דערלאַנגען „אַהיים". שוין אין דער באַן האָט זי אָבער באַמערקט, אַז זי ווערט נאָכ־געשפּירט דורך אַ פאַרדעכטיקטן פאַרשוין. עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע

אירע פרווון אַנטרונען צו ווערן פון אונטער זיין שאַרפן בליק. ער האָט זי באַגלייט ווי אַ שאָטן...

פון הינטער טשענסטאָכאָווו האָט דער פּראָפעסאָר זיך איבערגע־טראָגן קיין קראָקע. אין קראָקע גופא פיר מאָל געטווישט דעם אַדרעס. אַלץ אומזיסט — די שאַנטאַזשיסטן האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט.

אַדאַנק דער באַקאַנטשאַפט מיטן אַדוואָקאַט לעאָן פייגער, דעם בונ־דישן טוער, וועלכער האָט אונטערן פסיידאָנים „מיקאַליי" זייער אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער „זשעגאָטאַ", האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע גע־טאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען, כדי צו ראַטעווען דעם פּראָ־פעסאָר און זיין פאַמיליע. זיי האָבן באַקומען אַ סטאַבילע חודשלעכע אונ־טערשטיצונג, מען האָט זיי צוויי מאָל באַזאָרגט מיט נייע דאָקומענטן אויף שפּאָגל־נייע נעמען און ענדלעך אָפּגעשיקט אין יענער געגנט, נישט ווייט פון וואַרשע, וו אויך איך האָב געפונען אַ מקום־מקלט.

— נו, איצט פאַרהאָפן מיר, אַז ס'איז אונדז ענדלעך געלונגען צו פאַרווישן די שפּורן און מיר וועלן קאָנען אַביסל זיך באַרואיקן און קו־מען צו זיך... — האָט מיט אַ שווערן זיפץ פאַרענדיקט די פרוי פונעם פּראָפעסאָר די געשיכטע פון זייער גערודעל קעגן דער באַנדע שאַנטאַ־זשיסטן, וועלכע האָט זיי פאַרפאָלגט און נאָכגעיאָגט איבער גאַנץ פוילן.

— יאָ, אויך איך מיין אַזוי... דאָ אַהער וועלן זיי מסתם שוין נישט קומען... — האָב איך צוגעוואָרפן, וועלנדיק אויך האָבן אַ חלק אין באַרו־איקן די אויסגעמאַטערטע און העכסט פאַרצווייפלטע פרוי, וועלכע האָט זיך גאָרנישט געקאָנט שענקען, וואָס צוליב איר איז געקומען דאָס אומ־גליק אויף דער גאַנצער שטוב. האָט דאָך זי אַליין אָנגעהויבן דעם שמועס וועגן „האָטעל פּאָלסקי" מיט יענעם יונגמאַן, וואָס האָט אַזוי אומשול־דיק אויסגעזען... איך האָב נישט פאַרויסגעפילט קיין שום געפאַר. ווען איך האָב אין אַ געוויסער נאַכט דערנענטערט זיך, שפּרייזנדיק מיט שטילע טריט דורכן וואַלד, צום הייזל, וו ס'האָט געוווינט דער פּראָפעסאָר. ווי נאָר כ'בין אַרויס פון די געדיכטע קזשאַקעס, כדי צו לאָזן זיך מיט דער גלאַטיקער סטעזשקע צום אַריינגאַנג פונעם הויז, האָב איך אויפגעצאַפּלט:

טיף פאַרוקט אונטער די ביימער איז געשטאַנען אַן אויטאָ מיט פאַרלאָ־שענע רעפלעקטאָרן.

כ׳האָב זיך אינסטינקטיוו אַ ריס געטאָן אויף צוריק, אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן צוויי שאָטנס זיך אויך אָפּגעריסן פונעם אויטאָ־סי־לועט און גענומען שנעל דערנענטערן זיך צו מיר. דעם מוח האָט מיר דורכגעשפּיזט אַ געדאַנק: — געשטאַפּאָ! און כ׳האָב אָנגעהויבן צו אַנט־לויפן, טיפער אין וואַלד אַריין. כ׳האָב געהערט אָפּהילכן די שווערע טריט פון צוויי מענטשן, וועלכע האָבן מיך נאָכגעיאָגט. די קזשאַקעס און יונגע ביימלעך האָבן מיך געשמיסן איבערן פּנים מיט די צווייגעלעך, ווי מיט שפּיצרוטן. איך בין געלאָפן אַזוי לאַנג, ביז עס האָט מיר אין די אויערן אַ קלונג געטאָן דער געשריי: — האַלט, האַלט! — אויסגעמישט מיטן זשומען פון קוילן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די, וואָס יאָגן מיך נאָך, הערן מיינע טריט און אָריענטירן זיך דערפון, ווו איך בין. איך האָב זיך דריי־בער אַ וואָרף געגעבן אויף דער ערד. כ׳האָב גראָד אָנגעטראָפן אויף ווייכן מאָך, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גערויש פונעם פאַלן. איך האָב זיך צוגעטוליעט צו אַ דיקן בוים, וואָס האָט מיך מיט זיינע אַרויסשטאַרצנ־דיקע וואָרצלען איבער דער ערד אַרומגענומען, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט פאַרשטעלן פאַר די פאַרפאָלגער.

די געשטאַפּאָ־לייט האָבן, אַפּנים, זיך נישט געכאַפּט, ווו איך בין אַהינגעקומען. עטלעכע מאָל האָבן זיי נאָך אַויסגעשריגן: — האַלט! און געשאָסן אין דער שוואַרצער וואַלד־טיפעניש אַריין. נישט הערנדיק מער קיין שום שאָרך, וואָס זאָל אָנווייזן די ריכטונג פון מיין אַנטרינען, האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן צום אויטאָ זייערן; דער רויש פונעם מאָטאָר האָט מיר בקרוב אָנגעזאָגט, אַז זיי זענען אָפּגעפאָרן.

זיכערהייטס־טעמים האָבן דיקטירט, אַז איך זאָל אָפּוואַרטן אויפן ווייכן מאָך אַ שטיקל צייט און דערנאָך זיך לאָזן אַהיים. איך האָב אָבער נישט געקאָנט ביי זיך פועלן אַזוי צו טאָן, איידער כ׳וועל געוויר ווערן, וואָס ס׳איז געשען מיט דער פאַמיליע פונעם פראָפעסאָר און אויך אויס־פאָרשן, צי דראָט אונדז נישט קיין געפאַר מצד די געשטאַפּאָ־לייט.

— אָמבעסטן וועט זיין — האָב איך געטראַכט ביי זיך — צו דער־

קלייבן זיך צו דער גמינע (אַדמיניסטראַטיווער אַמט אויף דער פּראַווינץ), דאָרט וועל איך שוין דערשנאַפּן, וואָס ס׳טוט זיך. אויב די געשטאַפּאָ האָט בדעה צו מאַכן אַן אַבלאַווע אין דער געגנט, מוזן זיי איצט נישטערן אין די גמינע־קאַרטאָטעקעס, כדי צו קאָנטראָלירן די נעמען און אַדרעסן...

מיט די וואַלדיקע סטעזשקעס, וואָס יעדן בייג זייערן האָב איך גוט געקענט, האָב איך זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון גמינע־הייזל. שוין פונדערווייטנס האָב איך דערזען, אַז מיין השערה איז געווען אַ ריכטיקע. דאָס גמינע־הייזל האָט געלויכטן מיטביידע פענצטער. איך האָב זיך אַני־דערגעלייגט אויפן דנאָ פון אַ ברייטן ראָוו, אַ 50 מעטער פון דער גמי־נע און זיך איינגעקוקט אין די באַלויכטענע פענצטער. איידער איך האָב באַוויזן עפּעס וואָס צו באַמערקן, האָט זיך אויפגעפּראַלט די טיר פונעם הייזל און צוויי מאַנסלייט, איינער אינעם מונדיר פון אַ געשטאַפּאָ־אָפי־ציר און דער צווייטער — פון אַ „גראַנאַטענעם״ פּאָליציאַנט, זענען שנעל אַרויסגעגאַנגען. פון דער אָפענער טיר האָט אַ שלאַג אַרויס געטאָן אַ ליכט־סנאָפּ, וועלכער האָט דערגרייכט כמעט ביז צום ראָוו, אין וועלכן כ׳בין געלעגן. איך האָב זיך פעסטער צוגעדריקט צו דער פייכטלעכער ערד און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם ווייטער אָבסערווירט.

די מאַנסלייט האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט נעבן אַ קליין בער־געלע און דער אָפיציר האָט מיטן שפּיץ פונעם שטיוול אָנגעצייכנט עפּעס אויף דער ערד, זאָגנדיק: — אָט דאָ־אָ. אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי צור־ריק אַריין אינעם הויז און באַלד דערנאָך האָב איך דערזען, ווי עס איז פון דאָרט אַרויס אַ פרוי, וואָס איז ברוטאַל אונטערגעשטופּט געוואָרן דורך אַ פּוילישן „גראַנאַטענעם״ פּאָליציאַנט. די פרוי האָט אויף דער פּלייצע געטראָגן אַ לאָפּעטע. זי איז צוגעפירט געוואָרן צום אָרט, ווו דער געשטאַפּאָ־אָפיציר האָט אָקאָרשט געמאַכט אַ צייכן מיטן שטיוול.

דער פּאָליציאַנט האָט אָנגעצונדן אַן עלעקטריש טאַשן־לעמפּל און ווען זיין שיין איז געפאַלן אויפן גרויען קאָפּ האָר פון דער פרוי, בין איך אויפגעציטערט געוואָרן: דעם פּראָפעסאָרס ווייב!...

צוזאַמען מיטן דערקענען די פרוי האָט ביי מיר אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז איך וועל דאָ זיין אַן עדות דערפון, ווי אַזוי מען וועט זי אומ־

ברענגען. כ׳בין געלעגן אויף דער ערד און נישט געקאָנט באַהערשן דעם ציטער, וואָס האָט גענומען וואַרפן מיינע הענט און פיס. דאָס געפיל פון רחמנות איבער דער אומגליקלעכער פרוי, וועלכע ווערט געפייניקט אויפן ראַפינירטסטן אופן דורכן צווינגען זי צום גראָבן פאַר זיך אַליין אַ קבר, האָט אויסגעמישט מיט פּראָטעסט און בונט קעגן מיין אייגענער געפאַלנקייט און אָנמעכטיקייט.

די גרויזאַמע פאָרשטעלונג האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיר כמעט אין פולסטן שטילשווייגן. דער קרבן האָט מיט רואיקע און רעגלמעסיקע באַוועגונגען איינגעגראָבן די לאָפּעטע און אויסגעשאָטן אין אַ זייט די ביסלעך ערד. אין דער פינצטער האָט זיך געצייכנט בלויז אַ קליינער ליכט־קרייז, געוואָרפן דורכן האַנט־לעמפּעלע. פון צייט צו צייט האָט אַ בליש־טשע־געטאָן דאָס אייזן פון דער לאָפּעטע, וואָס האָט ביים אַרויסוואַרפן די ערד זיך איינגעטונקען אינעם ליכט־קרייז. עס האָבן אויך געפינקלט די פּאַפּיראָסן־פייערלעך, וואַרפנדיק אַ שוואַכן שיין אויף די פּנימער פון די תליינים. קיינמאָל וואָלט איך זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די לעצטע מינוטן פאַרן באַגיין א שרעקלעכע טאָט — אַ מאָרד איבער אַן אומשול־דיק נפש — קאָנען מענטשן פאַרברענגען אין אַזאַ גלייכגילטיקער און רואיקער שטימונג. יאָ — מענטשן?

דער אימהדיקער שאָטן־שפּיל האָט דערוויייל געדויערט ווייטער. אַלץ טיפער האָט די לאָפּעטע געזונקען אין דער ערד, אַלץ רעגלמעסיקער זענען געוואָרן די באַוועגונגען פון דער פרוי. עס איז קענטיק געווען, אַז זי איז אינגאַנצן רעזיגנירט, אַז זי האָט שלום געמאַכט מיטן גורל. אין דאָזיקן יאוש איז אָבער פאַרבאַהאַלטן געווען אויך העכסטע גבורה, עכט־מענטש־לעכער שטאָלץ און טיפע פאַראַכטונג פאַר די כמו־מענטשן, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. די פרוי איז די תליינים נישט געפאַלן צו די פיס, זי האָט נישט געבעטן קיין רחמים, זי האָט נישט געשריגן און נישט געוויינט. זי האָט זיך נישט דערנידעריקט.

אַלע מיינע געפילן זענען איצט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דער העכס־טער באַוואונדערונג פאַר דער העלדישער האַלטונג פון דער אומגליקלעכער. אייגנטלעך וואָלט איך דאָך געדאַרפט מאַכן אַ געוואַלד; איך וואָלט

געדאַרפט אויפוועקן די מענטשן, וואָס זענען זיך רואיק געשלאָפן אין די אַרומיקע הייזלעך און ווילעס. צונויפרופן זיי אַלע און אויפפאָדערן נישט צו דערלאָזן צום שוידערלעכן פאַרברעכן, וואָס ווערט בשתיקה צוגעגרייט...

נאָר כ׳בין אין ערגעץ נישט געלאָפן. נישט אויפגעהויבן אַפילו די האַנט, כדי אָפּצווישן דעם קאַלטן שווייס, וואָס איז מיר גערונען פון שטערן און פאַרגאָסן די אויגן. איך האָב געוווּסט, אַז קיינער פון די אַרומיקע איינוווינער קען נישט און וויל נישט קומען צו הילף...

כ׳ווייס נישט ווי לאַנג עס האָט אַזוי געדויערט. די רגעס האָבן זיך געשלעפּט און יעדע ווײַלע האָב איך זיך געריכט אויפן מערדערישן שאָס. די פרוי האָט שוין אויסגעזען צו זײַן פאַרמאַטערט. אויך זי האָט געוואַרט — אויפן סוף.

אָבער פּלוצלינג איז פונ״ם גמינע־הויז אַרויסגעלאָפן אַ מאַנספּאַרשוין. ער איז גיך צו צום געשטאַפּאָ־אָפיציר און גענומען אין אים שנעל אַרײַנריידן. אין אָנהויב האָט דער אָפיציר געדרייט מיטן קאָפּ אויף „ניין״, אָבער ווען יענער האָט נישט אָפּגעלאָזט, האָט ער עפּעס אַ זאָג־געטאָן צו זײַנע מיטהעלפער. מען האָט דער פרוי געהייסן אָפּשטעלן דאָס גראָבן און דער אָפיציר איז צוזאַמען מיטן אומבאַקאַנטן פאַרשווּנדן אין דער גמינע. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אַרויסגעשריען אַ באַפעל דורכן פענצטער אַרויס און די פרוי, וועלכע איז דערווײַל געשטאַנען אָן אָנגעלענטע אָן דער לאָפּעטע און שווער געאָטעמט, איז אַוועקגעפירט געוואָרן צום אויטאָ.

כ׳האָב נישט געקאָנט באַגרײַפן, הלמאַי איז די עקזעקוציע איבערגעריסן געוואָרן. כ׳האָב געוואָלט ווײַטער פאַרבלײַבן אין ראַוו און זען, וואָס דאָ וועט נאָך פאַרקומען. אָבער איך האָב געפילט, אַז מײַנע כוחות לאָזן זיך אויס און אַז די דראַמאַטישע שפּיל האָט מיך אַזוי נערוועאיש דערשעפּט, אַז אויב איך וועל תיכף־ומיד נישט אַנטלויפן פון דאַנען, וועט עס אָנהויבן פון מיר אַרויסצושרײַען. און איך וועל דעם געשריי מער אין זיך נישט קאָנען דערשטיקן. עס האָבן אין מיר געפירט אַ שווערן קאַמף צוויי מענטשן: איינער — דער פאַרנונפטיקער — האָט מיך באַ־

רואיקט, געוואָרנט, אַז כ׳זאָל ליגן אָן באַוועגונג און אָן אַ שאָרך צו טאָן. „געדענק, אַז דו האָסט אַן אַלטן טאַטן און אַ יונגע שוועסטער... און דער אומגליקלעכער פרוי וועסטו סיי־ווי מ׳יט גאָרנישט קאָנען העלפן...״ „יאָ, אָבער ווי קאָן מען צוקוקן און שווייגן?...״ — האָט אָפּאָנירט דער צווייטער מענטש אין מיר און ס׳האָט געהאַלטן דערביי איך זאָל אַרויס־שפּרינגען פונעם ראָוו און צולויפן צום קבר, כדי אים צו פאַרשיטן...

דער פלוצלינגער גערויש פונעם מאָטאָר האָט מיר אומגעקערט דאָס גלייכגעוויכט. דער אויטאָמאָביל איז פאַמעלעך פאַרבייגעפאָרן מיין ראָוו און אַוועקגעפירט סיי די אומגליקלעכע און סיי אירע פייניקער.

איך האָב זיך קוים דערשלעפּט אַהיים. דער קאָפּ האָט מיר גע־שוועדט, ווי ר׳וואָלט אָנגעפולט געווען מיט בליי. פאַר די אויגן האָב איך כסדר געזען די בלישטשענדיקע לאָפּעטע אין די הענט פון דער שטאָלצער פרוי מיטן גרויען קאָפּ...

צומאָרגנס בין איך ביים פוילישן פאַרבינדלער געוויר געוואָרן, ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט דאָס אומגליק:

די שאַנטאַזשיסטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף דעם פּראָפעסאָרס משפחה זינט די פרוי האָט זיך אין וואַרשע איינפאָרמירט וועגן „האָטעל פּאָלסקי״, האָבן, זעט אויס, אין קראָקע אויסגעשפּירט, וווהין „זשעגאָטאַ״ האָט די פאַמיליע געשיקט. זיי האָבן פאַרמסרט צו דער געשטאַפּאָ און די „שטראָף־עקספּעדיציע״ איז אַראָפּגעקומען שוין מיט אַ גענויעם אַדרעס און אַפילו מיט אַ באַשרייבונג פונעם אויסזען פון יעדן פאַמיליע־מיט־גליד.

ווען דער געשטאַפּאָ־ אויטאָ איז פאַרפאָרן פאַרן טויער פונעם הייזל, האָט זיך דעם פּראָפעסאָרס זון גראָד געפונען אין גאָרטן. דורך אַ לאָך אינעם פאַרקאָן איז אים געלונגען צו אַנטלויפן און אויסצובאַהאַלטן זיך אינעם דערבייאיקן וואַלד. דעם פּראָפעסאָר אַליין האָט זיך איינגעגעבן אַראָפּצולויפן אינעם קליינעם קעלערל און דאָרט אַריינרוקן זיך אין אַ שטויס קאַרטאָפל. די קאַרטאָפל זענען געווען אָנגעשיט אין אַ גרויסן הילצערנעם קאַסטן. דער פּראָפעסאָר האָט זיך גיך אַנידערגעלייגט נעבן קאַסטן און האָט אַרויסגעשלעפּט זיין פּאָדערשט ווענטל. דורכן אַזוי־אַרום

געשאַפֿענעם לאָך האָבן זיך האַסטיק אַרויסגעשיט די קאַרטאָפֿל און צוגע־דעקט דעם פּראָפֿעסאָר מיט אַ דיקער שיכט. ליגנדיק אונטער די קאַר־טאָפֿל האָט דער פּראָפֿעסאָר געהערט, ווי די געשטאַפּאָ־לייט נישטערן אַרום אינעם קעמערל. זיי איז אָבער נישט איינגעפֿאַלן אַוועקצושאַרן דעם היפּכן שטויס קאַרטאָפֿל און דער פּראָפֿעסאָר איז ניצול געוואָרן.

דאַקעגן איז זיין פֿרוי אַריינגעפֿאַלן אין די תּלינישע הענט. דער־זעענדיק זי האָט דער געשטאַפּאָ־אָפֿיציר איר אַפֿילו קיין פֿראַגן נישט געשטעלט. ער האָט בלויז קאָנטראָלירט אינעם צעטעלע, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך, צי די באַשרייבונג שטימט.

— יאַ, יאָ... — האָט ער בלויז געזאָגט — דאָס זינט זי די פֿראַו פֿאָן הער פּראָפֿעסאָר... יאַ, דאָס שטימט גענאַו...

וואָס איז מיט איר ווייטער געשען — ווייסן מיר שוין. נאָר צוליב וועלכער סיבה איז די עקזעקוציע איבערגעריסן געוואָרן?

ענטפֿערנדיק מיר אויף אָט דער פֿראַגע האָט מען מיר דערציילט אַ ממש אומגלויבלעכע, אָבער אמתע געשיכטע:

דעם אָרטיקן „וואָיט"ס (שעף פֿון דאָרפֿישן אַדמיניסטראַטיוון אַמט — פֿון דער גמינע) ווייב איז אַ זייער גערוואַישע פֿרוי. ווען דער גע־שטאַפּאָ־אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פֿון דער גמינע (און אויך פֿון איר וווינונג) און זי האָט דערהערט, וואָס עס דאַרף זיך דאָ באַלד אָפּשפּילן, האָט זי פֿון גרויס שרעק באַקומען אַ נערוון־אָנפֿאַל. זי האָט זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ, ספּאַזמאַטיש געוויינט און היסטעריש גע־שריגן צום מאַן, אַז ער זאָל זען אַוועקצופֿירן די געשטאַפּאָ אויף אַן אַנ־דער אָרט. „זיי וועלן נאָך דער זשידוווע אויך אונדז אַלעמען אויסשיסן" — האָט זי געשריגן ווי אַ באַנומענע.

דער מאַן איר'ער, דער „וואָיט", איז דעריבער געלאָפֿן צו די תּלינים און געבעטן זיי זאָלן זיך מרחם זיין — נישט איבער דער אומשולדיקער יידישער פֿרוי, חלילה, נאָר איבער דעם היסטערישן ווייב זיינעם. ווען דער געשטאַפּאָ־אָפֿיציר איז אַריין אין דער וווינונג און דערזען די פֿרוי, ווי זי האַקט זיך מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט און וויינט מיט ביטערע טרערן, איז אים דאָס האַרץ ווייך געוואָרן. עס האָבן זיך אין אים דערוועקט די

געפילן פון „אַ ריין־ראַסיקן גערמאַנישן ריטער" און ער האָט דער פרוי דערקלערט, אַז ער נעמט אין אַכט איר געזונט־צושטאַנד און וועט מער גאָרנישט טאָן, וואָס זאָל זי אויפרעגן. ער האָט טאַקע גלייך ארויסגע־שריגן דורכן פענצטער, אַז מען זאָל דעם קרבן צוריק אַריינזעצן אינעם אויטאָ.

וווהין מען האָט דעם פּראָפעסאָרס פרוי אָוועקגעפירט — ווייסט מען עד־היום נישט. איינס איז נאָר זיכער — אַהיים איז זי נישט צוריקגע־קומען.

אַזוי איז אומגעקומען נאָך איין יידיש נפש, וואָס האָט זיך בלויז צוגעריירט צו דער גרויסער אַפּערע און פּראָוואָקאַציע — צום „האָטעל פּאָלסקי".

קאַפּיטל ניין

די היימישע געשטאַפּאָ-העלפער פאַרן געריכט

דער יונגער ליטעראַט איז גרייט געווען מיר נאָך ווייטער צו דער־ציילן און דערציילן. אָבער איך האָב אויפגעהערט זיך מיט אים צו טרעפן. איך האָב אַלץ מער זיך אַריינגעטאָן אין טאָג־טעגלעכער זשורנאַליסטי־שער אַרבעט — אַלס וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טע־לעגראַפן־אַגענטור און אויך פון אַ ריי יידישע צייטונגען אין דער וועלט און גאָר באַזונדערס פון דער העברעאישער פּרעסע אין ארץ־ישראל. און ביי דער־אָ אַרבעט פון אינפאָרמירן וועגן לויפנדיקן יידישן לעבן אין דעם נאָך־חורבנדיקן פוילן, האָט זיך פאַר מיינע אויגן געעפנט וואָס אַמאָל מער אָפּדעקן דער שלייער, וואָס האָט פאַרהילט די נאָענטע פאַרגאַנגענ־הייט. אויף טריט און שריט האָב איך געטראָפן יידן, וועלכע האָבן אי־בערגעלעבט צווישן פּאָליאַקן און יעדער פון זיי האָט נאָר געוואַרט אויף דער געלעגנהייט צו קאָנען זיך אַביסל אַראָפּריידן פון האַרץ. און צו האָבן די מעגלעכקייט פאַרצולייענען כאָטש אַ טייל פון זיין באַשולדיקונגס־אַקט קעגן פּאָליאַקן, קעגן פּוילישן פאָלק...

אָבער נישט נאָר יידן האָבן דערציילט און געוואָלט זיך איילן מיט דער שילדערונג פון זייערע איבערלעבענישן.

„די אַרישע זייט" האָט יעדן טאָג אַנטפּלעקט אירע סודות — אויף די שפּאַלטן פון דער פּוילישער פּרעסע.

ווייל הגם די קרבנות פון פּוילישע מוסרים און שאַנטאַזשיסטן זענען אין זייער ווייט איבערוויגנדיקער מערהייט אומגעקומען, האָט זיך פאַרט אַ קליינעם טייל יידן איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון זייערע נעגל. און גע־וויסע פון זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרשווייגן די עוולות און ווי נאָר זיי האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, האָבן זיי אַריינגעטראָגן אָנקלאַגעס צו דער פּוילישער מאַכט. און ווי די פּאָליציי־אָרגאַנען און די אויספאָרשונגס־ריכטער זאָלן זיך נישט וועלן „דרייען אויפן קאָרעק" און פאַרפירט

משפּטים נאָר נאָכן באַקומען אַ באַשולדיקונג, וואָס האָט „פּאַרמאָגט האַנט און פוס״ — זענען די געריכטן ממש פּאַרפּלייצט געוואָרן מיט פּראָצעסן קעגן די היימישע, פּוילישע מיטהעלפער פון געשטאַפּאָ. כאָטש די פּוילישע פּרעסע ברענגט נאָר אין קורצע נאָטיצן אַ קליינעם ברוך־טייל פון די באַריכטן, וואָס וואָלטן געדאַרפט פּאַרעפּנטלעכט ווערן וועגן די דאָזיקע פּראָצעסן, איז דאָך גענוג בלויז צו לייענען אַזעלכע נאָטיצן, כדי צו באַגרייפן ווי גרויזאַם עס דאַרף אויסזען דער באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויסצושטעלן קעגן די פּאָליאַקן.

אָט ברענג איך דאָ אַ קליין בינטל נאָטיצן, וואָס איך האָב נישט געזאַמלט בכוונה, נאָר פּשוט אויסגעשניטן גאַנץ צופעליק פון פּאַרשיידענע פּוילישע צייטונגען אין איין און דעם זעלביקן טאָג. די נאָטיצן דערציילן וועגן זעקס פּראָצעסן, וואָס קומען שוין פאַר אָדער דאַרפן בקרוב זיך אָפּשפּילן פאַר די ספּעציעלע פּוילישע טריבונאַלן, וועלכע מען האָט באַשאַפן צו משפּטן די פאַרברעכנס אין דער אָקופּאַציע־צייט. פּראָצעסן קעגן 6־7 מוסרים און „שמאַלצאָווניקעס״, נאָר ווער ווייסט מען קאָנען ווען־עס־איז דערגיין וויפיל יידן זענען אומגעקומען צוליב זייער שולד?

לאָמיר איבערלייענען, למשל, אין יידישער איבערזעצונג די נאָטיץ אונטער דעם אַזוי קורצן טיטל „פּאַטוואָרי״, וואָס עס באַדייט: „מאָנסטערס״.

„אין ספּעציעלן געריכט אין וואַרשע וועט דעם 30טן ה. ח. *) פאָרקומען דער פּראָצעס פון וואַצלאַוו בודניצקי און לוציאַן ווראָבלעווסקי. אין דער אָקופּאַציע־צייט האָט בודניצקי זיך פאַרנומען מיטן אויסבאַהאַלטן יידישע קינדער, פאַרוואָס ער פלעגט באַקומען אַ גוטן אָפּצאָל. די קינדער האָט בודניצקי געוויינלעך געשיקט צו זיין חבר לוציאַן ווראָבלעווסקי, וואָס האָט געוווינט אין כאָטאָמאָוו, נעבן וואַרשע, ווען ער האָט זיך פאַרפליכטעט צו צאָלן אַ העלפט פון דער סומע, וואָס ער אַליין האָט געקריגן ביי די קינדערס עלטערן.

*) מאַי חודש 1947.

Na wokandzie sądowej

Nie prześladował, a pomagał żydom

Oczyszczenie z niesłusznego zarzutu

Niecodzienna sprawa znalazła się na wokadzie Sądu Okręgowego w Warszawie. Oskarzenie było ciężkie, hańbiące, lecz przewód sądowy wykazał całkowitą jego bezzasadnośc, wobec czego sprawa skończy...
... uniewi...

ze Krongeldowa w obecności Bizka, ubliżała Domzalskiemu a nawet uderzyła go w twarz. Znajomi ci byli w Radości ...
...ście zabrali kilka
...goldowej, jednakze
...rzeni Domżal-
...rów ... i św.
... potwierdzali
... groźba ... dzielona

względu na ...
sprawy, oskarż...
wszystkich sta...
Bronila adw...

Koniec przewo...
W dniu
świadkowie
nek organi...

Sprawa Anny Bartel

Po willę chodziła aż do ghetta

W maju 1939 roku na licytacji w Sądzie Grodzkim w Piasecznie została sprzedana za 18.200 zł. willa „Franusinek", należąca do Anny Bartel.
Nabywcami willi były. Regina Marynower i Gitla Wilner.
Na początku 1940 r. do mieszkających w getcie przy ul. Siennej 36 Reginy Marynower i Gitli Wilner przyszła Anna Bartel — w owym czasie już volksdeutschka w asyście oficera SS.
Volksdeutschka zażądała unieważnienia aktu sprzedaży willi „Fra...
...nek" bez żadnego odszkodowa...
...razie odmowy Bartel zagroż...
...niesieniem do gestapo. Regin...
... w
... oświadczył

nower i Gitla Wilner po...
zgodziły się akt sprze...
nić.
W dniu 30.5.
przed Sądem ...
wie. Oskarż...
winy, tw...
nia spr...
stąpi...
m...

Żandarm-morderca

zdez...

on denuncjował w gestapo

— brzmi straszliwe oskarżenie

Sam byłem prześladowany

— twierdzi z uporem obwiniony

POD ciężkim zarzutem aresztowano Jana Falkowskiego, któremu kilka osób zarzuca współpracę z Gestapo i wydawanie Żydów
Było to na terenie Grodna. Helena Brońska nie była pewna dnia ani godziny. Kiedy przyszli po nią gestapowcy udało jej się zbiec drugim wyjściem. Postanowiła schronić się w mieszkaniu swego brata. Gdy wychodziła z ... się na Falkowskiego stojącego razem z gestapowcem. P... ...ła Brońska". Aresztowano ją natychmiast...
Akt o...

...wagnąc
za zwol...
od razu
tachów,
neofite
...rmerii
dysta.
...ionki
...strze.
...jając
... po
...dy
...ed.

Proces szantażystki

Przed Sądem O...

...n w War-
...ym czasie
...miołkow-
...sekretar-
...rogistów
...zasie oku
...nowisko.
...ścicielce
... 26 Dąb
... żydow
...dała, od
...nia jej
...200 zł.
...dstąpie
...ple to-

...waru wartości 100 tys. zł. za 5 tys. złotych.
Właścicielka drogerii musiała zgodzić się na te warunki. Szantażystka w krótkim czasie zmusiła Dąbrowską do zupełnego zrzeczenia się wszelkich praw własności, kupując od niej pod groźbą denuncjacji dobrze prosperującą drogerię za 12 tys. zł.
Po zakończeniu wojny córka Dąbrowskiej odszukała prześladowczynię matki i złożyła na nią skargę o szantaż. Sprawa zapowiada się ciekawie. Oskarżona wypiera się wszel...kiej winy.

Z sali sądowej

Potwory

W Sądzie Specjalnym w Warszawie odbędzie się 30 bm. proces Wacława Budnickiego i Lucjana Wroblewskiego.

Podczas okupacji Budnicki zajmował się przechowywaniem dzieci żydowskich za co pobierał sowitą zapłatę. Dzieci Budnicki kierował do swojego kolegi, Lucjana Wróblewskiego, zam. w Chotomowie k/Warszawy, któremu zobowiązał się płacić za przechowanie połowę sumy, jaką otrzymywał od rodziców.

Z czasem obaj wspólnicy postanowili pozbyć się kłopotu opieki nad dziećmi.

Wróblewski wsiadał z dzieckiem oddanym mu na przechowanie do pociągu, idącego w stronę b. Rzeszy Niemieckiej.
W pociągu mówił do dziecka.
— Jedziemy do mamusi. Masz tu bułkę, poczekaj aż ja przyjdę — i wychodził. Oczywiście nie wracał. Dziecko jechało samo do granicy, a później do Rzeszy. Tak zginął synek Hanny Margules, synek jej szwagra oraz córeczka Felicji Froelich.
Budnicki, wiedząc, że dzieci już na pewno zginęły, wymuszał na dodatek od rodziców pieniądze pod pretekstem kosztów utrzymania. Od Hanny Margules wymusił 20 tys. zł. (ca)

„מיט דער צייט האָבן די צוויי שותפים באַשלאָסן פּטור צו ווערן פון דעם קלאַפּאָט צו פאַרנעמען זיך מיט די קינדער.

„ווראָבלעווסקי פלעגט איינשטייגן צוזאַמען מיטן קינד, וואָס ער האָט געגומען צום אויסבאַהאַלטן, אין אַ צוג אין דער ריכטונג פון דייטשלאַנד. אין וואַגאָן פלעגט ער זאָגן צום יידישן קינד:

— מיר פאָרן צו דיין טאַטעשי. נאַ, דאָ האָסטו אַ זעמעלע, וואַרט־צו ביז איך קום גלייך צוריק — און פלעגט אויסשטייגן אויף דער נאָענטער סטאַנציע, נישט קומענדיק מער צוריק. דאָס קינד פלעגט אַזוי אַליין פאָרן ביז דער דייטשער גרענעץ און דערנאָך אָנקומען אין „דריטן רייך" גופא. אַזוי איז אומגעקומען דאָס יינגעלע פון האַננאַ מאַרגולעס, דער זון פון איר שוואָגער און דאָס טעכטערל פון פעליציאַ פרעליך.

„וויסנדיק אויף זיכער, אַז די קינדער זענען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, פלעגט בודניצקי נאָך אַלס צולאָג אויספּרעסן געלט ביי זייערע עלטערן — אויף דער כלומרשטער אויסהאַלטונג פון די קינדער. פון האַננאַ מאַרגולעס האָט ער אויסגעפּרעסט 20 טויזנט זלאָטעס".

מיט וואָס ענדיקן זיך אַזעלכע פּראָצעסן?

בלויז אין די פאַלן, ווען עס זענען פאַראַן יידישע עדות און זיי האָבן די מעגלעכקייט צוצושטעלן באַווייזן וועגן דער שולד פון די אָנגעקלאָגטע, ווערן די פאַרברעכער פאַרמשפּט צו האַרבע שטראָפן — לאַנגע יאָרן תפיסה.

אָבער גאַנץ אָפט קאָן מען אַזעלכע באַווייזן נישט צושטעלן און די יידישע עדות זענען אַזוי צעבראָכן דורך די איבערגעלעבטע גרוילן, אַז זיי זענען נישט אימשטאַנד ווי געהעריק צו דערציילן וואָס זיי ווייסן וועגן באַגאַנגענעם לגבי זיי, אָדער זייערע נאָענטע, פאַרברעכן. און דאָס געריכט גלויבט דעמאָלט דעם באַשולדיקטן, וועלכער טענהט — אַזוי ווי עס טענהן אַלע אָן אויסנאַם פאַליאַקן!... — אַז „ער האָט נישט פאַרפאָלגט, נאָר געהאָלפן די יידן" — ווי דאָס זאָגט אָן דער גרויסער „קאָפּ" פונעם באַריכט אין דער „גאַזעטאַ לודאָוואַ", וואָס איך ברענג דאָ צווישן די פּוילישע צייטונגס־אויסשניטן. און אַזאַ אייגער ווערט, נאַטירלעך, פרייגעשפּראָכן.

**
*

עס טרעפֿט אויך, אַז פּאָליאַקן אַליין קלאָגן אָן זייערס אַ מענטש פֿאַר צוהעלפֿן ביי אומברענגען יידן. אין גרעסטן טייל איז עס צוליב — קנאה. די שכנים, וואָס זענען געבליבן אָרעמעלייט, קאָנען נישט פֿאַרגי־נען יאַצעקן אָדער פֿראַנעקן, אַז ער איז רייך געוואָרן פֿון יידיש געלט און האָט דערלעבט די באַפֿרייאונג.

האָב איך בייגעווינט אַ פּראָצעס, ווו פּוילישע שכנים האָבן עדות געזאָגט קעגן יאַן סקלאַדקאָווסקי און טשעסלאַוו קוריקאָווסקי, אַז זיי האָבן אַליין דערמאָרדעט אַ ייד. צוערשט האָבן זיי אים אויסבאַהאַלטן און אויס־געהאַלטן כל־זמן ער האָט פֿאַרמאָגט געלט. ווען ער האָט נישט געהאַט מער מיט וואָס צו צאָלן, האָבן זיי אים דערהרגעט מיט אַ האַק.

אָבער היות קיין יידישער עדות איז נישט געווען, האָבן די צוויי באַשולדיקטע דערציילט פֿאָלגנדיקע מעשה: זיי זענען זיך מודה אין דער־מאָרדן דעם ייד (כאַראַקטעריסטיש: נישט די באַשולדיקטע און נישט זייערע שכנים האָבן נישט געוווסט צו זאָגן ווי אַזוי דער אומגליקלעכער ייד האָט געהייסן!...), נאָר נישט דערפֿאַר האָבן זיי עס געטאָן, ווייל ער האָט מער קיין געלט נישט געהאַט. ניין, זיי האָבן בלויז באַשיצט זייער אייגן לעבן, ווייל אָט די זעלביקע שכנים, וועלכע באַשולדיקן זיי איצט פֿאַרן פּוילישן טריבונאַל, האָבן זיי אין דער אָקופּאַציע־צייט פֿאַרמסרט — אויך צוליב קנאה! — פֿאַר דער געשטאַפּאָ.

— אין אַ געוויסער נאַכט זענען די דייטשן צו אונדז געקומען — האָט סקלאַדקאָווסקי דערציילט אין געריכט — און דורכגעפֿירט אַ רעוויזיע, זוכנדיק דעם באַהאַלטענעם ייד. ער איז אָבער געווען אַזוי גוט פֿאַרשטעקט אונטער אַ שטויס קאַרטאָפֿל, אַז די דייטשן האָבן אים נישט געפּאַקט... נאָר נאָכדעם ווי די געשטאַפּאָ־לייט זענען אַוועק, האָבן מיר ביידע זיך צונויפֿגערעדט, אַז לענגער קאָן עס אַזוי נישט דויערן, ווייל מען וועט אונדז סוף־סוף פּאַקן און דערהרגענען צוזאַמען מיטן ייד. האָבן מיר זיך געוואָלט ראַטעווען און מיט אַ האַק באַענדיקט דעם ייד, וועל־כער איז סיי־ווי געווען שוואַך און קראַנק און לאַנג וואָלט ער נישט אויסגעהאַלטן...

נאָכן מודה זיין זיך פון די באַשולדיקטע האָט דאָס געריכט נישט געקאָנט זיי נישט פאַרמשפּטן. אָבער ווי הויך איז געווען די שטראָף?

סקלאַדקאָווסקי איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף 6 יאָר תפיסה, זיין שותף — צו 4 יאָר.

נאָר שוין אין דער העלפט פון יאָר 1947 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַן אַמנעסטיע און היות דער באַשריבענער פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1947, האָט דער טריבונאַל פאַרקלענערט די שטראָף אויף אַ העלפט, אין הסכם מיט די אַמנעסטיע־פאַרשריפטן...

למען האמת: איך האָב ביַיגעוווינט אויף פּראָצעסן קעגן מוסרים און שאַנטאַזשיסטן, וואָס האָבן באַקומען דעם פאַרדינטן פּסק — טויט־שטראָף. אַזוי, למשל, דערמאָן איך זיך דעם משפּט קעגן דאַליאַ שיפּינסקאַ, וועלכער עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז זי איז געווען אַן אַגענטין פון געשטאַפּאָ און האָט זיך פּשוט „ספּעציאַליזירט" אין שאַנטאַזשירן און מסרן יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. איינע פון די געמסרטע — מרים שושמאַק — האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקויפן ביי דער געשטאַפּאָ פאַרן הון־רב פון הונדערטער טויזנטער זלאָטעס און זי האָט עס עדות געזאָגט בעתן משפּט און אָנגעוויזן מיט אַ ציטערדיקן פינגער:

— אָט־די־אָ, דאַליאַ שיפּינסקאַ, האָט מיך שאַנטאַזשירט אין משך פון לאַנגע חדשים, אויסשפּיאָנירט יעדע נייע דירה מיינע, געשלעפּט געלט און לסוף — אויסגעגעבן...

די באַשולדיקטע פּוילישע פרוי איז פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. אָבער דאָס געריכט האָט בלי ספק גענומען אין אַכט אויך דעם פאַקט, אַז זי האָט אויסשפּיאָנירט און פאַרמסרט נישט בלויז יידן, נאָר אויך פּאָליאַקן, מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג קעגן די נאַציס...

צום טויט האָט דאָס קרייז־געריכט אין קאָשאַלין, אין פּאָמערניע, פאַרמשפּט דעם ווילנער פּאָליאַק קאָנסטאַנטי גויזעווסקי, וועלכער האָט אין דער ווילנער תפיסה אָנגעפירט מיט עקזעקוציעס איבער די אָנפירער און אָנגעשטעלטע פון „ייווא" — און בעת איינער פון די דאָזיקע עקזעקוציעס איז דערשאָסן געוואָרן נח פּרילוצקי ז"ל — אָבער קאָנסטאַנטי

גויזעווסקי האָט דערשאָסן אויך פּאָליאַקן, פּאַטריאָטישע קעמפער קעגן דייטשן אָקופּאַנט.

טאָ גיי און ווייס וואָס עס פלעגט אין געוויסן פון פּוילישן ריכטער איבערוועגן די וואָגשאָל און צי האָט וועגן פּאַראורטיילן צום טויט נישט דעצידירט אַמאָל מער דאָס דערמאָרדן איין פּאָליאַק, ווי דאָס אומברענגען הונדערטער יידן.

***

נאָר אַמטיפסטן האָט אין מיין זכרון זיך איינגעקריצט אַ פּראָצעס, וואָס האָט מיט זיין פאַרנעם פיל איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע משפּטים קעגן פאַראיינצלטע מוסרים און שאַנטאַזשיסטן. אַ פּראָצעס, אין וועלכן דער „יידישער מאָמענט" איז אַרויסגעשוומען כמעט צופעליק, אָבער האָט זיך גלייך אַרויסגערוקט — אַלענפאַלס פאַר מיר — אויפן אויבנאָן, באַווייזנדיק, אַז די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָט מיטן פולסטן באַוווסטזיין געפירט נישט בלויז אַ ווידערשטאַנד קעגן דייטשן אָקופּאַנט, נאָר אויך אַן אויסראָטונגס־אַקציע קעגן די אויסבאַהאַלטענע יידן.

דער פּראָצעס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קראָקע, אין אויגוסט 1947, און איז געווען איינער פון דער לאַנגער סעריע משפּטים קעגן די אָנפירער און מיטגלידער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועלכע האָבן געהאַט געקעמפט קעגן דעם נאַצי־אָקופּאַנט, אָבער וואָס האָבן נישט געוואָלט אנערקענען די נייע פּוילישע רעגירונג און געפירט אַ געראַנגל אויך קעגן איר.

די באַשולדיקונגס־באַנק אין קראָקע האָבן פאַרנומען די סאַמע וויכטיקסטע אָנפירער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" *) מיטן קאָלאָנעל ניעפּאָקולטשיצקי און די מאַיאָרן קאַרטשמאַרטשיק און סטזשאַלקאָווסקי בראש.

דער באַשולדיקטער סטזשאַלקאָווסקי איז בעת דער אָקופּאַציע געווען דער שעף פון שפּיאָנאַזש־דינסט ביי דער „אַ. ק." („אַרמיאַ קראַיאָוואַ")

*) „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — די גרעסטע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן; געפונען זיך אונטערן איינפלוס פון דער ענדעציע.

און אין ניי־אַנטשטאַנענעם פּוילן האָט ער פאַרנומען דעם זעלביקן „אַמט" ביי דער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע קעגן דער פּוילישער רעגירונג, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן: „וואָלנאָשטש אי ניעפּאָדלעגלאָשטש" („פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט"), בקיצור: „ווין".

ביים פאַרהערן דעם־אָ סטזשאַלקאָווסקי פרעגט אים דער פּראָקוראָר:

— צי האָבן אייערע מענטשן שפּיאָנירט נאָר די דייטשן?

— יאָ, דער עיקר די דייטשן, געשטאַפּאָ־לייט און אָפיצירן פון דער אַרמיי...

— און מער קיינעם נישט? די פּוילישע לינקע טוער נישט?

— גאַנץ זעלטן... מיר האָבן געדאַרפט אָפּהיטן, אַז די „אַרמיאַ לודאָוואַ" *) זאָל אונדז נישט שטערן אין די אונטערנעמונגען דורך דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אַקציעס...

— און אייערע „בע. ווע." („בריגאַדי וויוויאַדאָווטשע", וואָס באַדייט די שפּיאָניר־בריגאַדעס) האָבן מער קיינעם נישט נאָכשפּיאָנירט? — פרעגט ווייטער דער פּראָקוראָר און ווען עס דערהערט זיך אַ נעגאַטיווע תשובה, דערקלערט דער פּראָקוראָר, אַז ער וועט פאָרלייענען פאַרן געריכט איינעם פון די געהיימע ראַפּאָרטן, וואָס זענען בעת דער אָקופּאַציע צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך „בע. ווע". און פון דאָזיקן ראַפּאָרט ווערט קלאָר וועמען די לייט פון סטזשאַלקאָווסקי האָבן שפּיאָנירט.

אין אַ טויטער שטילקייט פון פול געפּאַקטן זאַל האָט דער פּראָקוראָר פאָרגעלייענט פאָלגנדיקן ראַפּאָרט, וואָס איז כדאַי איבערצוגעבן ווערטלעך:

„מעלדונג נר... קאָסאָווסקי וו., אַרבעט אַלס שאָפער ביי דער פירמע „נוט" אין זשעשאָוו (ריישע). פירט אַרויס אויף אַ געשיקטן אופן יידן פון דערבייאיקן לאַגער; קוביטש סטאַניסלאַוו, פאַרבלייבט אין קאָנטאַקט מיט די יידן, וואָס אַרבעטן אויפן טאָרף־פעלד; אוסעי פראַנציִשעק, באַהאַלט זיך אויס אין זשעשאָוו פאַר די דייטשן דערפאַר, וואָס ער האָט אַ ייד באַזאָרגט מיט אַ פאַלשן „אַרישן דאָקומענט"; זוואָלינסקי וולאַדיס־

---

*) „אַרמיאַ לודאָוואַ" —ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, פון קלענערן פאַרנעם ווי „אַ. ק."; געפונען זיך אונטערן איינפלוס פון די עקסטרעם־לינקע עלעמענטן.

לאָוו, באַהאַלט ביי זיך אַ יידישע פרוי, וואָס הייסט אויפן ערשטן נאָמען פעלאַ־פייגע. ער פאָרט אויך קיין קראָקע נאָך געלט פאַר די יידן, וואָס באַהאַלטן זיך אין זשעשאָוו; רובעל באַלעסלאָוו, אַ ייד, באַהאַלט זיך אונטער אַ פאַלשן נאָמען; דער גלח באַראָוויעץ, סימפּאַטיזירט מיט קאָמוניסטן; זוואַלינסקי טיטוס, געוועזענער פאַרזיצער פון פּ.פּ.ס. (סאָציאַליסטישע פאַרטיי). ער באַהאַלט ביי זיך איין יידישע פרוי אויף זיכער, מעגלעך, אַז נאָך אַנדערע יידן אויך...״

פאַרלייענענדיק דעם דאָזיקן ראַפּאָרט, וואָס דערציילט אונדז מער ווי גאַנצע בענדער מיט גביית־עדותן, האָט דער פּראָקוראָר אונטערגעשטראָכן, אַז ער באַקענט דאָס געריכט נאָר מיט איין פראַגמענט, אַ קליינטשיקן טייל פון ענלעכע דאָקומענטן, וואָס די פּראָקוראַטור באַזיצט.

— אינפאָרמאַציעס פון דעם כאַראַקטער האָבן מיר צונויפגעזאַמלט זייער פיל — האָט דער פּראָקוראָר געזאָגט — פון קראָקאָווער ראַיאָן האָבן מיר באַקומען אַזעלכע 633 אינפאָרמאַציעס, וואָס זענען נוגע הערכער טויזנט מאַן, פּאָליאַקן און יידן, פון טאַרנאָווער ראַיאָן — 431 אַזעלכע אינפאָרמאַציעס, פון יאַסלאָ — 93, סאַנאָק — 23, פּזשעמישל — 26, יאַראָסלאַוו — 166, קראָשניק — 13, קראָסנאָ — 134 א.א.וו.

— צי זענען די אַלע אינפאָרמאַציעס פון אייערע שפּיאָנאַזש־קעמערלעך דורך אייך אויסגענוצט געוואָרן? — האָט דער געריכט־פאָרזיצער געפרעגט דעם באַשולדיקטן און אין מיינע אויערן קלינגט נאָך זיין רואיקע תשובה:

— יאָ, פאַרשטייט זיך, אַז יאָ...

סטזשאַלקאָווסקי האָט עס געזאָגט רואיק.

אָבער איך דערמאָן זיך גוט ווי אויפגעטרייסלט עס האָט מיך דער דאָזיקער קורצער, אָבער גרויזאַמער ענטפער, ווּעלכער באַדייט, אַז די ברייט פאַרצווייגטע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט די „דעמאַסקירטע״ פוילישע פריינט פון די באַהאַלטענע יידן אויסגעגעבן דער „געשטאַפּאָ״. און וואָס שייך דעם גורל פון די אומגליקלעכע יידן, וועלכע זענען „דערטאַפּט״ געוואָרן דורך די געניטע שפּיאָנען פון „בע־ווע״, איז זייער גורל געווען אַ געחתמעטער...

לעאָן לענעמאַן

ווּיפיל יידן זענען אומגעקומען צוליב דער שולד פון די „בריגאַדי וויוויאַדאָווטשע״?

קיינער וועט דאָס קיינמאָל נישט דערגיין.

די באַשולדיקטע אין קראָקעווער פּראָצעס האָבן דאָס נישט דערציילט. אין ווייטערדיקן פאַרלויף פון פּראָצעס האָבן זיי בכלל נישט געוואָלט זיך מודה זיין אין רודפן יידן. סטשזאַלקאָווסקי האָט אין אַ לאַנגער דרשה געענומען „אויפקלערן״, אַז די אַלע אינפאָרמאַציעס וועגן באַהאַלטענע יידן האָבן זיי געזאַמלט נאָר „אויף שפּעטער״ און אַז זייער באַציאונג צו יידן איז געווען „ווי אַ מענטש צו אַ מענטש״.

אָבער זיין דרשה האָט קיינעם נישט איבערצייגט. ווייל עס איז דאָך קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז אין די אַזוי שווערע און געפערלעכע באַדינגונגען פון קאַמף קעגן דייטשן אָקופּאַנט, וואָלט די פּוילישע אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציע נישט פאַרנומען זיך סתם אַזוי מיטן שפּיאָנירן באַהאַלטענע יידן און נאָכפאָלגן די פּאָליאַקן, וואָס האָבן די דאָזיקע יידן געהאָלפן...

קאַפּיטל צען

די דערפער אַרום טרעבלינקע זענען רייך און פריילעך!

„דער סטראַטעגישער בעטאָן־וועג, אויסגעבויט דורך די דייטשן פאַר זייער אָנגריף אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, פאַרבינדט קאָסאָוו — דורך טרעב־לינקע — מיט מאַלקיניע. דער וועג גייט דורך אייניקע דערפער. ביים אַריבערטראַנספּאָרטירן די אַרמייען דורכן בוג, איז די געגנט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד און פון רוב כאַטעס איז דאָ געבליבן נאָר אַ שטיין אויף אַ שטיין.

„און דאָך פאָרן מיר אַצינד פאַרביי פריילעכע, ליכטיקע כאַטעס, אָפּטמאָל געבויטע ווי רייכע ווילעס, מיט דריי־פליגלדיקע פענצטער און אפילו — שטאָקיקע. ניי זענען אויך אַלע אַנדערע בנינים: די קי־ און פערד־שטאַלן, סטאָדאָלעס, שפּייכלערס. די דערפער אַרום טרעבלינקע זע־נען שוין אַלע צוריק אויפגעבויט.

„— דאָס זענען אַלס „גאָלד־גרעבער” — אינפאָרמירט אונדז דער וועג־ווייזער, פון דערבייאיקן קאָסאָוו.

די אויטאָסטראַדע לויפט לענג־אויס דער באַנליניע מאַלקיניע־שעד־לעץ און אין אַ געוויס אָרט קרייצט זיך מיט איר אַן אַנדערער וועג, גע־לייגט פון שוואַרצן שטיין־אַפּפאַל. דער וועג שניידט דורך די באַנליניע און פאַרשווינדט טיף אין וואַלד. דאָס איז דער באַרימטער „שוואַרצער וועג”, דער וועג פון טויט, וואָס פירט קיין טרעבלינקע.

„מיטן דאָזיקן וועג זענען געגאַנגען העכער אַנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן. געגאַנגען נאָר אין איין ריכטונג. צוריקגעקומען איז קיינער נישט.

„דער טרעבלינקער לאַגער איז באַשטאַנען פון צוויי אָפּטיילונגען: נענטער איז געלעגן דער יידן־לאַגער, ווייטער — דער לאַגער פאַר פּאָ־ליאַקן.

„פון יידן־לאַגער, וואָס איז געווען אַ גרויסע טויט־פאַבריק, האָט זיך געראַטעוועט נאָר איין מענטש. דער פּוילישער לאַגער איז געווען בלויז אַ

Reportaż specjalny „Expressu Wieczornego"

„Kopalnia złota" w Treblince pod Małkinią

Czarna droga śmierci prowadziła tylko w jednym kierunku

Przeszło nią półtora miliona ludzi a nikt nie wrócił z powrotem

BETONOWA droga strategiczna, wybudowana przez Niemców przed uderzeniem na ZSRR łącząca Kosów poprzez Treblinkę z Małkinia, przechodzi przez parę wsi. Przy forsowaniu Bugu cały ten teren zamieniony został w jedno wielkie pobojowisko i z większości chałup, kamień na kamieniu nie został.

A mimo to mijamy wesołe, widne chaty, często budowane jak wille, o trzy skrzydłowych oknach i nawet piętrowe. Nowymi również są i inne zabudowania, obory, chlewy, stodoły. Wsie w pobliżu Treblinki odbudowały się już całkowicie.

— To wszystko „złotnicy" — informuje przewodnik z pobliskiego Kosowa.

Autostrada biegnie wzdłuż toru kolejowego Małkinia Siedlce w pewnym miejscu krzyżuje się z nią droga zrobiona z czarnego żużlu. Droga ta przecina tor kolejowy i niknie w lesie.

To słynna „czarna droga" śmierci wiodąca do obozu w Treblince.

Drogą tą przeszło półtora miliona ludzi. Szli zawsze tylko w jednym kierunku. Nikt nie wrócił

Obóz w Treblince zbudowany na nieużytkach między dwoma lasami składał się z dwóch oddziałów: bliżej leżał obóz żydowski — dalej obóz dla Polaków, między nimi stara żwirownia.

Z obozu żydowskiego, który był wielką fabryką śmierci ocalał tylko jeden człowiek. Obóz polski był czymś w rodzaju karnego obozu pracy dla więźniów zatrudnionych w żwirowni.

Dziś po obu obozach zostały tylko szczątki fundamentów i... czarna droga.

Znajduję się na terenie dawnego obozu żydowskiego Parę hektarów jakiejś czarnej ziemi, na której nic nie rośnie wśród niej reszki walizek, kółka, po wózkach dziecięcych gdzieniegdzie łyżka, czy garnek.

Dziwna to ziemia.

Jakaś miałka bez kawałka kamienia. Rozgrzebuję ją nogą. W pewnym momencie but natrafia na coś twardego, wygrzebuję kawałek na wpół spalonej kości ludzkiej.

Największe cmentarzysko świata

To nie ziemia, to hałdy setek ton popiołu ludzkiego.

Hałdy te nie są jednak równe. Widać wszędzie jakieś doły wykopane ręką człowieka. Niektóre z nich mają dwa — trzy metry głębokości.

Gdy samochód nasz zatrzymał się koło tego oodaj największego cmentarzyska świata, z jednego z dołów wyskoczyło parę kobiet i dzieci i zniknło w pobliskich zaroślach.

Idę na to miejsce.

Na dnie dziury wygrzebanej w ludzkim popiele leży parę gęstych sit.

Makabryczna kopalnia złota

To „złotnicy" pracują Codziennie od paru lat setki ludzi — dniem z bliższych i dalszych okolic ukradkiem przychodzi tutaj i przesiewa proch na specjalnych dużych sitach Popiół ludzki jest miałki, przelatuje przez sito, na którego dnie zostają — złoto i drogie kamienie, ostatni dobytek zwożonych tu na śmierć setek tysięcy ludzi.

Nie pomagają obławy, represje i surowe kary Nie pomagają kazania w kościołach i odczyty w szkołach. Żądza złota jest silniejsza niż religia, moralność i prawo razem wzięte. Żądza złota każe grzebać w popiołach, każe dokładnie oglądać każdą czaszkę i skrupulatnie wybijać z niej złote zęby.

Brylanty z Amsterdamu

Przesiewanie ludzkich popiołów — to wydało się niektórym zbyt powolną drogą. Zastosowano metody bardziej fachowe Jakaś szajka zwoziła na hałdy poniewierające się wszędzie w okolicy niewypały i bomby lotnicze, po czym wysadzała je w powietrze. Na skutek eksplozji całe tony szczątków ludzkich unoszone były w powietrze. Złoto jako cięższe leciało wyżej i padało później na wierzch. Po eksplozji łatwo je było zebrać na powierzchni.

Fundamenty baraków i okolica, gdzie mieszkali więźniowie, zatrudnieni przed śmiercią na funkcjach obozowych, poryte są najbardziej. Wśród ludności okolicznej chodziły legendy, że więźniowie ci ukryli w pobliżu swych mieszkań legendarne skarby — słynne brylanty przywożone tutaj przez Żydów holenderskich z Amsterdamu.

Już dwa lata

Czy legendy te są prawdziwe?

Nowe domy okolicznych wsi, duży ruch w knajpach w Kosowie — gdzie nierzadko płaci się złotymi zębami i co tydzień przyjeżdżający do Kosowa i Małkini przedstawiciele handlarzy złotem, dla dokonywania zakupu, mogliby coś powiedzieć o tym.

Podobno w lato („w sezonie") operacje tygodniowe, kupna—sprzedaży złota sięgały często do 10 milionów zł.

Pierwsi „kopacze" w Treblince pojawili się już w lipcu w 1944 roku. Upłynęło już przeszło dwa lata i kopalnia złota ciągle jest czynna.

Czy naprawdę nie ma żadnej siły, aby ją zatrzymać!

Czas wreszcie położyć kres tej przestępczej działalności ludzi, dla których złoto jest wszystkim. Najsurowsze kary będą jeszcze za łagodne dla tych, którzy milionom pomordowanych tutaj nie dadzą spokoju nawet po śmierci.

Bestia ludzka, pojawiająca się na terenie obozu w Treblince, w swojej najbardziej ohydnej postaci musi być poskromiona.

J. Korycki.

מין שטראָף־אַרבעטס־לאַגער פֿאַר די אַרעסטאַנטן, באַשעפּטיקטע ביים צע־רייבן די שטיינער. היינט זענען נאָך בײדע לאַגערן פֿאַרבליבן נאָר רעשט־לעך פֿון די באַראַק־פֿונדאַמענטן און... דער שוואַרצער וועג.

„איך געפֿין זיך אויפֿן שטח פֿון יידן־לאַגער. עטלעכע העקטאַר פֿון עפּעס אַ שוואַרצער ערד, אויף וועלכער עס וואַקסט גאָרנישט; דאָ און דאָרט רעשטלעך פֿון אַ וואַליזע, רעדער פֿון קינדער־וועגעלעך, אַ לעפֿל, אַ טעפּל.

„עפּעס אַן אויסטערלישע ערד.

„פּוכקע איז זי, אַן אַ פּיצל שטיינדל. איך צעגראָב די ערד מיטן פֿוס. דער פֿוס טרעפֿט אָן אויף אַ האַרטע זאַך. איך הויב עס אויף: אַ האַלב פֿאַרברענט שטיקל מענטשלעכער ביין.

דער גרעסטער בית־עלמין אין דער וועלט

„דאָס איז גאָר קיין ערד נישט, נאָר בערגלעך פֿון הונדערטער טאָן מענטשלעך אַש.

„די בערגלעך זענען אָבער נישט גלייכע. אומעטום זעט מען מאָדנע גריבער, אויסגעקאָפּעטע מיט מענטשלעכע הענט. טייל גריבער האָבן צוויי־דריי מעטער די טיף.

„ווען אונדזער אויטאָמאָביל האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן ראַנד פֿון דאָזיקן גרעסטן אין דער וועלט בית־עלמין, זענען פֿון אַזאַ גרוב אַרויס־געשפּרונגען עטלעכע פֿרויען און קינדער און האָבן זיך שנעל באַהאַלטן צווישן די דערבייאיקע קזשאַקעס.

„איך דערנענטער זיך צום אָרט, פֿון וואַנען די לייט זענען אַנטלאָפֿן.

„אויפֿן דנאָ פֿונעם לאָך, אויסגעגראָבן אין מענטשלעכן אַש, דערזע איך אייניקע געדיכטע זיפּן.

דער מאַקאַברישער גאָלד־גרובן

„דאָ אַרבעטן די „גאָלד־גרעבער". זינט עטלעכע יאָר קומען דאָ אַהער יעדן טאָג הונדערטער מענטשן — היענעס, פֿון די נאָענטע און ווייטערע געגנטן. שטילערהייט זיפּן זיי אַדורך דעם מענטשלעכן אַש. דאָס אַש

איז פוכקע, עס שיט זיך אדורך דורך די לעכלעך אין די זיפּן, דאַקעגן פאַרהאַלטן זיך די שטיקלעך גאָלד, ברילייאַנטן און דימענטן, דאָס לעצטע ביסל פאַרמעגן פון די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס מען האָט דאָ געבּרענגט אויף אומקום.

„עס העלפן נישט קיין אָבלאַוועס, רעפּרעסיעס און שטרענגע שטראָפן. עס העלפן נישט די פּרעדיקן אין די קירכעס און די רעפעראַטן אין די שולן. די גאָלד־גיריקייט איז שטאַרקער ווי רעליגיע, מאָראַל און געזעץ — צוזאַמענגענומען. די גאָלד־גיריקייט באַוועגט די מענטשן צו גראָבן אינעם אַש, צו באַקוקן געגוי יעדן שאַרבן און זאָרגפעליק אויסהאַקן פון די מענטשלעכע שאַרבנס — די גאָלדענע ציין.

די ברילייאַנטן פון אַמסטערדאַם

„פאַר געוויסע איז דאָס געוויינלעכע איבערזיפן דאָס מענטשלעכע אַש אויסגעקומען אַ צו פאַמעלעך מיטל. האָבן זיי גענומען אָנווענדן מער פאַכמענישע מעטאָדן. עפּעס אַ באַנדע האָט געבראַכט נישט אויפגעריי־סענע לופט־באָמבעס, וואָס וואלגערן זיך אַרום אין דער געגנט, און האָבן געמאַכט אויפרייסן די באָמבעס אינמיטן פון די אַש־בערג. גאַנצע טאָנעס מענטשלעכע רעשטן פלעגן אַזוי־אַרום — צוליב די עקספּלאָזיעס — אויפ־געהויבן ווערן אין דער לופטן. דאָס שווערערע גאָלד איז געפלויגן העכער און ביים אַראָפּפאַלן איז עס געבליבן ליגן אין דער הויך — אויפן אַש. נאָך יעדער עקספּלאָזיע איז לייכט געווען דאָס גאָלד צונויפצושאַרן.

„די באַראַק־פונדאַמענטן און די ערטער, ווו די אַרעסטאַנטן האָבן „געוווינט", זענען אַצינד אַממערסטן צעגראָבן. צווישן דער אַרומיקער באַ־פעלקערונג זענען פאַרשפּרייט געוואָרן לעגענדעס, אַז די אַרעסטאַנטן האָבן באַהאַלטן נעבן די באַראַקן פאַנטאַסטישע אוצרות — די באַרימטע ברי־ליאַנטן, געבראַכטע אַהער דורך די יידן פון אַמסטערדאַם.

שוין צוויי יאָר

„צי האָבן די לעגענדעס אַ גרונט?

„די נייע הייזער אין די אַרומיקע דערפער, די גרויסע באַוועגונג אין

די שענק פון קאָסאָוו, ווו נישט זעלטן צאָלט מען מיט גאָלדענע ציין, און די קומענדיקע פון אומעטום גאָלד־הענדלער, צו מאַכן דאָ קניות — וואָלטן געקאָנט וועגן דעם עפּעס־וואָס דערציילן.

„מען זאָגט, אַז זומער־צייט („אין סעזאָן") דערגרייכן די וועכנטלע־כע טראַנזאַקציעס פון קויף־און־פאַרקויף פונעם גאָלד די סומע פון צען מיליאָן זלאָטעס.

„די ערשטע „גאָלד־גרעבער" האָבן זיך געיאַוועט אין טרעבלינקע שוין אין יולי חודש 1944. צוויי יאָר זענען שוין פאַרביי און דער גאָלד־גרובן איז נאָך ווייטער טעטיק.

„איז באמת נישט פאַראַן דער כוח, וואָס זאָל זיאָס קאָנען אָפּשטעלן?

„שוין העכסטע צייט אַ סוף צו מאַכן צו דער פאַרברעכערישער טע־טיקייט פון מענטשן, וואָס גאָלד איז פאַר זיי אַלץ. די שאַרפסטע שטראָפן וועלן נאָך זיין צו־מילד פאַר די יעניקע, וואָס רויבן צו די רו אויך נאָכן טויט ביי די מיליאָנען דערמאָרדעטע קרבנות.

„די מענטשלעכע בעסטיע, וואָס באַווייזט זיך אויפן שטח פון לאַגער אין טרעבלינקע, אין איר אַממערסטן עקלהאַפטער געשטאַלט, מוז ווערן געצוימט.

י. קאַריצקי".

איך האָב דאָ געבראַכט די פולע איבערזעצונג פונעם רעפּאָרטאַזש, וואָס איז דערשינען אין דער וואַרשעווער אָוונט־צייטונג: „עקספּרעס וויע־טשאָרני" — אין יולי 1947. געשריבן האָט עס אַ פּוילישער זשורנאַליסט און זעם יידישן בלייבט כמעט גאָרנישט צוצוגעבן.

פאַראַן אפשר יידן אין דער וועלט, וואָס רעדן זיך איין, אַז די פּוי־לישע באַפעלקערונג פון די דערפער אַרום טרעבלינקע האָט מיט ווייטיק און צער נאָכגעקוקט די אימהדיקע טראַנספּאָרטן, וואָס האָבן געפירט אין זייער לעצטן וועג די מיליאָנען יידישע קרבנות. עמיצער האָט אפשר גע־גלויבט, אַז די פּוילישע פּויערים פון דער אַרומיקער געגנט האָט באַהערשט אַ געפיל פון רחמנות און זיי זענען נעכט נישט געשלאָפן, אַריינטראַכטנ־דיק און זוכנדיק אופנים ווי אַזוי צו הילף צו קומען די אומגליקלעכע יידן. טאָ זאָלן די דאָזיקע יידן לייענען דעם רעפּאָרטאַזש פון פּוילישן

זשורנאַליסט און געוווּר וועןרן וועגן וואָס עס האָבן באמת געטראַכט די פויערים פון די דערפער אַרום טרעבלינקע, וועלכע זענען „ריין און שיין פאַרבויט — ווי עס דערציילט אַן אַנדערער פוילישער זשורנאַליסט אויף די שפּאַלטן פון סאָציאַליסטישן „ראָבאָטניק", אייניקע טעג נאָכן רעפּאָר־טאַזש אין „עקספּרעס וויעטשאָרני".

„מיר זענען געגאַנגען איבער פעלדער, עד־היום פאַרשאָטענע מיט מענטשלעכע אברים. הענט, פיס, שאַרבנס, ביינדלעך. און צווישן זאַמד וואַקסן אויס מענטשלעכע האָר אנשטאָט גראָז. גייענדיק צוריק האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ גרופּע מענטשן מיט זעק, מיט לאַנגע דרענגער, צו וועלכע מען האָט צוגעטשעפּעט ספּעציעלע אייזערנע האָקעס — צום פונאַנדער־גראָבן די ערד.

„נאָך היינט, צוויי יאָר נאָכן פאַרענדיקן דעם קריג, בושעווען דאָ שאַקאַלן און היענעס, וואָס צעוואָרפן מענטשלעכע רעשטן, כדי אין זיי צו געפינען גאָלד און צירונג. אין דאָזיקן פוילישן קלאָנדייק *) ווערן אפילו געשאַפן ספּעציעלע קאָנסאָרציומס צום עקספּלואַטירן די באַזונדערע טיילן פון די טרעבלינקער פעלדער. איין חלק נאָכן אַנדערן פון די פעלדער ווערן פאַרדונגען, אויסגעדונגען, פאַרקויפט, אויספאַרקויפט. מען מאַכט געשעפט פון טויט, מען שענדעט די רעשטן פון קדושים".

דער זשורנאַליסט פון „עקספּרעס וויעטשאָרני" האָט זיין רעפּאָרטאַזש פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו דער פוילישער מאַכט זי זאָל מאַכן דערצו אַ סוף.

אָבער אָט וואָס עס שרייבט דער זשורנאַליסט פון „ראָבאָטניק":

„ווי רעאַגירט דערויף די מאַכט?

„מיט אַ יאָר צוריק האָט מען אַרעסטירט 150 אַזעלכע שאַקאַלן. דער פּראָקוראָר האָט זיי אָבער באַפרייט, אָנערקענענדיק, אַז ס'איז נישטאָ קיין יורידישער גרונט זיי צו משפטן. דער דאָזיקער פּראָקוראָר איז נאָך היינט ווייטער פּראָקוראָר.

„מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען דערעפנט דעם אומקום־מוזיי אין אָשוויענטשים. אויך אויפן שטח פון אָשוויענטשימער לאַגער האָבן אין

*) געמיינט די באַרימטע אַמעריקאַנער גאָלד־פעלדער.

אָנהויב שטראָפלאָז געבושעוועט שאַקאַלן. איז נישט פאַראַן קיין מיטל אַ סוף צו מאַכן צו דער צווייטער שאַנד — אין טרעבלינקע? ווי לאַנג נאָך וועט מען דאַרפן וואַרטן אויף אַן אַקציע מצד דער מאַכט, וואָס זאָל אָפּריינִיקן דעם שטח פון באַשעפּענישן, וואָס ברענגען אַ חרפה דעם נאָמען „פּאָליאַק"?

***

כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען דער „ראָבאָטניק" האָט דערמאָנט, אַז אויך אויפן שטח פון אָשוויענטשימער טויט־לאַגער פלעגן פאָרקומען שענדונגען פונעם אַש און אַז די מאַכט האָט דערצו געמאַכט אַ סוף, האָט אין קראָקע זיך אָפּגעשפּילט אַ פּראָצעס קעגן 17 פּוילישע וועכטער, וואָס האָבן גערדאַרפט היטן דעם לאַגער־שטח אין אָשוויענטשים.

די ספּעציעלע וואַך איז געשאַפן געוואָרן אין 1945 און איר אויפגאַבע איז געווען נישט צוצולאָזן צום אַש פון קדושים — די רויבער און שענדער.

נו, האָט די וואַך טאַקע נישט צוגעלאָזן צום אַש קיין אַנדערע רויבער און שענדער, נאָר... אַליין געטאָן דיזעלביקע גרויליקע מלאכה. די וואַך פלעגט אַליין צעגראָבן דאָס אַש, זוכנדיק אין אים גאָלד און בריליאַנטן און חוץ לזה האָט זי נאָך אָרגאַניזירט אַ האַנדל מיט אַש — אויף אַ גרויסן מאסשטאַב. די וועכטער האָבן, נעמלעך, פאַרקויפט דאָס אַש צו די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, נעמענדיק צו 10.000 זלאָטעס פאַר אַ וואָגן אַש. וואָס די גוטהאַרציקע פּוילישע פּויערים האָבן געטאָן מיטן אַש פון די קדושים — איז נישט שווער צו פאַרשטיין...

די 17 וועכטער מיט זייער קאָמענדאַנט יאַן פּיאָטראָווסקי בראָש, זענען פאַראורטיילט געוואָרן צו 3 יאָר תפיסה יעדער.

***

מען קאָן נישט זאָגן, אַז פאַר דער פּוילישער מאַכט זענען די רעפּאָרטאַזשן אין „ראָבאָטניק" און „עקספּרעס וויעטשאָרני" געווען אַ רעוועלאַציע און זי האָט פריער וועגן דעם נישט געוווסט.

ניין. זי איז געווען גוט אינפאָרמירט און דאָס שוין פון יאָר 1945 אָן.

אין ציוניסטישן וואָכנבלאַט „אָפּיניאָ" האָט דער באַקאַנטער יידישער היסטאָריקער ד"ר קערמיש דערמאָנט אין אַן אַרטיקל (פון 20סטן יולי 1947), אַז נאָך אין די טעג פון 5טן ביזן 7טן נאָוועמבער 1945 האָט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע באַזוכט די טרעבלינקער פעלדער. אין דער קאָמיסיע זענען אַריין פּוילישע אויספאָרשונגס־ריכטער און פּראָקוראָרן, פאַרשטייער פון דער אָרטיקער מאַכט ווי אויך עטלעכע געוועזענע טרעבלינקער קרבנות, וועלכע האָבן אויפן אָרט געגעבן די געהעריקע אויפקלערונגען. צו דער קאָמיסיע האָט געהערט ד"ר קערמיש און אויך די באַקאַנטע יידישע שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך.

די קאָמיסיע האָט דעמאָלט פעסטגעשטעלט — שרייבט ד"ר קערמיש אין דער „אָפּיניאָ" — אַז די אַרומיקע פּוילישע באַפעלקערונג דערלויבט זיך אויף אַן אומדערהערטן חילול־המת...

דער גענויער ראַפּאָרט פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע איז דערלאַנגט געוואָרן דער פּוילישער רעגירונג און אויך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוילישע יידן. אינעם ראַפּאָרט איז געפאָדערט געוואָרן, נאַטירלעך, תיכף אָנצווענדן די נייטיקע מיטלען אויף אָפּצושטעלן די אומדערהערטע שענדונג פונעם אָרט און פונעם אַש, וואָס איז הייליק פאַר אַלע יידן אין דער וועלט און קודם־כל פאַר די פּוילישע יידן.

ס'איז אָבער אַריבער אַ צייט און — גאָרנישט. אין אַ פּוילישער צייטונג האָט זיך באַוויזן די ערשטע באַשרייבונג, וואָס האָט געדאַרפט אויפרודערן די עפנטלעכקייט. נאָר דער רעפּאָרטאַזש איז בכלל נישט באַמערקט געוואָרן.

איז ווידער אַדורך אַ צייט. די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אין בראָשור־פאָרם אַ ממש אויפטרייסלענדיקן באַריכט־רעפּאָרטאַזש פון רחל אויערבאַך. האָט ער עמיצן אויפגעטרייסלט?

ווען אין סוף 1946 האָט אַ נייע פּוילישע דעלעגאַציע באַזוכט די טרעבלינקער פעלדער, האָט זי אויפן אָרט געטראָפן העכער 500 פּוילישע פּרויען, מענער און קינדער, פאַרטועוע אין דער שוידערלעכער „אַרבעט" פון גראָבן, זיפּן, זוכן... נאָכמער: די דעלעגאַציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ ריי מאַסן־קברים, וואָס זענען פריער געווען פאַרמאַכט, זענען לעצטנס

אויפגעבראָכן געוואָרן און מען האָט געשענדעט אויך די רעשטן פון די געציילטע קרבנות, וואָס זענען יאָ געקומען צו קבורה; די צאָל מענטש־לעכע ביינער, וואָס וואַלגערן זיך אַרום איבערן לאַגער־שטח איז נאָך גע־שטיגן...

***

האָט אַ גרויסע באַדייטונג דער המשך און סוף פון דער גרויזאַמער געשיכטע? איז דען וויכטיק צי עס האָט געמוזט דויערן נאָך אַ יאָר אָדער צוויי, ביז די פוילישע רעגירונג האָט אָוועקגעשטעלט אַ באַוואָפנטע וואַך, וואָס האָט באמת פאַרטריבן פון די אַש־פעלדער די „גאָלד־גרעבער", אָדער די אומגעהויער רייך געוואָרענע פּאָליאַקן האָבן אַליין אויפגעהערט צו קומען און אָפּגעשטעלט די „אַרבעט" פּשוט דערפאַר, ווייל זי האָט שוין מער נישט געגעבן דעם „געווונטשענעם רעזולטאַט" — דער „גאָלד־גרובן" איז אויסגעשעפּט געוואָרן?...

פאַרן כאַראַקטעריזירן די באַציאונג פון פּאָליאַקן צו די יידן און צו זייער גרויזאַמסטן אומגליק — די באַציאונג אין אירע פאַרשידענע אַס־פּעקטן און ניואַנסן — איז גענוג צו פאַרטראַכטן זיך אַביסל איבער דער עצם־מעגלעכקייט פון שאַפן זיך אַזאַ שטימונג, ווען טויזנטער פוילישע פויערים האָבן יאָרנלאַנג געשענדעט דאָס אַש נאָך מיליאָנען אומגעבראַכ־טע יידן און ווען די דערפער אַרום טרעבלינקע (און זיכער אויך אַרום אַשוויענטשים און מאַידאַנעק, אַרום סאָביבאָר און פלאַשאוו...) זענען רייך און שיין אויסגעבויט און לעבן זיך אַ פריילעכן און גוטן טאָג.

קאַפּיטל עלף

ד״ר קאַזימיעזש ווינצקאָווסקי ביי יידישע שרייבער

דער דעמאָלטיקער סעקרעטאַר פון יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין לאָדזש — משה גראָסמאַן — האָט אין אַ געוויסן האַרבסט־טאָג פון יאָר 1946 איינגעלאַדן די פאַריינס־מיטגלידער צו אַ גלעזל טיי, וואָס דער פאַריין האָט איינגעאָרדנט לכבוד דעם פוילישן דאָקטער קאַזימיעזש ווינצקאָווסקי.

די פאַרחידושטע פרעג־בליקן: — וואָס עפּעס אַ גלעזל טיי לכבוד אַ דאָקטער? — האָט גראָסמאַן באַרויִקט מיט דער אויפקלערונג:

— ס'איז אַ דאָקטער, וואָס האָט ביי זיך אויסבאַהאַלטן יידן... און צווישן זיי אַ נאָענטע פון אַ יידישן שרייבער...

איז מען זיך אָוונט־צו צונויפגעקומען אין שאָטנדיקן פאַריינס־זאַל אויף נאַרוטאָוויטשאַ־גאַס און מיט נייגיר און וואַרעמקייט זיך איינגעקוקט אין די מילדע פּנים־שטריכן אונטער מילך־ווייסע האָר פונעם פּוילישן דאָקטער, וועגן וועלכן עס איז געווען צו דערציילן אַזוי פיל גוטס.

נאָר איידער דאָס אַלץ איז נאָך דערציילט געוואָרן, האָט מען בייגעוווינט אַ סצענע אַ זעלטענע, וואָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם נייגיר און נאָך שטאַרקער אָנגעוואַרעמט די הערצער.

ווען אין זאַל איז אַריינגעקומען די שרייבערין רחל אויערבאַך און דער דאָקטער האָט זי דערזען, איז ער פּשוט אויפגעשפּרונגען און אויסגערופן אין העכסטער פאַרוווּנדערונג: — איר... איר זענט אַ יידישקע?!

אויך ביי רחל אויערבאַך האָט די אומגעריכטע באַגעגעניש ווי אָפּגענומ'ען הענט און פיס.

— און איר, וואָס טוט איר דאָ?

האָט די דעמאָלטיקע פרוי פון אפרים קאַגאַנאָווסקי געזאָגט צו רחל אויערבאַך:

— דאָס איז דער ד״ר ווינצקאָווסקי, וועגן וועלכן איך האָב אייך

שוין אָנגעהויבן צו דערציילן. ער האָט דאָס אָפּגעראַטעוועט מיין קוזינע, די פרוי פון ד״ר ראָזענבלאַט.

רחל אויערבאַך האָט גענומען דערמאָנען זיך:

— איז דאָס אפשר געווען יענע פרוי אין שוואַרצן, וואָס איך פלעג ביי אייך, הער דאָקטער, שטענדיק זען? דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל גראַד וווינען אין אַ שטוב ביי אייערס אַ שכן... און אַממערסטן פלעג איך מורא האָבן פאַר דער פרוי אין שוואַרצן, ווייל עס האָט זיך מיר תמיד אויסגעדאַכט, אַז זי קוקט אויף מיר עפּעס אַזוי מאָדנע...

— יאָ, יאָ, דאָס איז טאַקע געווען די פרוי ראָזענבלאַט... און איך קאָן אייך איצט אויסזאָגן דעם סוד... — האָט ד״ר וויענצקאָווסקי זיך צעשמייכלט צו רחל אויערבאַך — אַז זי פלעגט מיר אָנווייזן אויף אייך, ווען איר זענט פאַרבייגעגאַנגען דעם הויף, און זאָגן, אַז איר זעט אויס צו זיין די סאַמע פרומסטע קאַטוילישע פרוי פון אונדזער גאַנצן הויז און פאַר אייך ציטערט זי ממש...

נו, האָבן די פאַרזאַמלטע שרייבער מער נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן. זיי האָבן איבערגעריסן דאָס נישט אינגאַנצן קלאָרע געשפּרעך צווישן דאָקטער און דער שרייבערין. מען האָט זיך אַרומגעזעצט ביים טיש און איינגעהערט זיך אין אַ געשיכטע, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן:

ד״ר קאַזשימיעזש וויענצקאָווסקי שטאַמט פון אַן אַלט־אַריסטאָקראַטישער פוילישער משפחה, וואָס האָט געגרויסט זיך מיט איר פּאַלאַצל אין פּאַריז און מיט אַ ווילע אין ניצע. ער האָט געהערט צו די ערשטע ראַדיאָלאָגן אין פוילן און אין זיין מאָדערן־איינגעריכטעטן קאַבינעט אין דער אַלעיאַ־שוכא האָט ער אַפילו פאַרמאָגט אַ געוויסן קוואַנטום ראַדיום צו היילן קראַנקע אויף אַ ראַק.

בעת דער פאַרטיידיקונג פון לעמבערג אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג האָט ד״ר וויענצקאָווסקי זיך באַקענט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל מיטן וואַרשעווער יידישן כירורג — ד״ר ראָזענבלאַט. באַקענט זיך און — באַפריינדעט. און אַז אַן אמתן פריינד דערקענט מען אין אַן עת־צרה, האָט באַוויזן — דער צווייטער וועלט־שטורעם.

ווען עס איז אין יאָר 1939 אויסגעבראָכן די דייטש־פוילישע מלחמה,

איז ד״ר ראָזענבלאַט גלייך מאָביליזירט געוואָרן. צוזאַמען מיט אַ פעלד־שפּיטאָל איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון דער פּויליש־רומענישער גרע־נעץ. אויך דאָס ווייב זיינס מיט די צוויי טעכטערלעך האָט אין אַן אויטאָ פאַרלאָזט וואַרשע, בעת די בהלה־טעג פון 6טן און 7טן סעפּטעמבער, וועלנדיק אָנקומען צו אירע קרובים אין ראַוונע. אויפן וועג האָט אָבער אויסגעפּעלט בענזין און נאָך אַ פּיינפולער וואַנדערונג איבער די שאָסייען און וועגן איז זי אַ טויט־דערשעפּטע צוריקגעקומען קיין וואַרשע. ווען די פרוי מיט די קינדער האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות דערשלעפּט צו דער קרולעווסקע־גאַס, וווּ עס האָט אינעם הויז נומער 18 געפונען זיך זייער דירה, האָבן זיי אויפגעשוידערט פונעם בילד, וואָס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט: אַנשטאָט אַ הויז האָבן זיי דערזען אַ גרוי־שוואַרצע פאַרסמאַ־ליעטע חורבה, פון וועלכער ס'האָט זיך נאָך אַרויסבאַקומען אַ שטיקנדי־קער רויך. די פאַרשמאַכטע פרוי איז אַנידערגעפאַלן אויף די שטיינער און זיך ביטער צעוויינט...

און אינמיטן וויינען האָט זי פּלוצלינג דערפילט, ווי עמיץ נעמט זי מילד אָן פאַר דער האַנט.

— וואָס וויינט איר אַזוי? און וואָס זענט איר אַזוי פאַרצווייפלט?

— האָט געפרעגט ד״ר קאַזשימיעזש וויענצקאָווסקי, וועלכער איז דע־מאָלט גראָד דורכגעגאַנגען איבער דער פאַרוויסטער קרולעווסקע־גאַס און דערזעענדיק דאָס ווייב מיט די קינדער פון זיין פריינד — ד״ר ראָזענ־בלאַט — אויף די חורבות פון זייער היים, איז ער צוגעגאַנגען נענטער...

און׳מער האָט זיי שוין דער פּוילישער דאָקטער נישט פאַרלאָזט.

ווען פרוי ראָזענבלאַט איז צוזאַמען מיט אַלע וואַרשעווער יידן פאַר־שפּאַרט געוואָרן הינטער די הויכע געטאָ־מויערן, האָט ד״ר וויענצקאָווסקי עטלעכע מאָל צו איר זיך אַריבערבאַקומען און פאַרגעלייגט איר זי זאָל אַוועק אויף דער אַרישער זייט. אין אָנהייב האָט פרוי ראָזענבלאַט אָפּגע־זאָגט. „און וואָס וועט זיין מיט די שוועסטערן און מיט די ברידער? און ווי וועט דאָס עלטערע מיידעלע מיינס זיך קאָנען באַווייזן אויף די „אַרי־שע גאַסן” מיט איר, אַזוי טיפּיש־יידישן אויסזען?”... דער דאָקטער איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך ווידער געזיאַ־

וועט אין געטאָ און דאָ צונויפגערופן אַ מין „פאַמיליען־ראַט" פון אַלע ראָ־זענבלאַטס און זיי דערקלערט:

— איך האַלט פאַר מיין קריסטלעכן חוב צו ראַטעווען די פרוי און די קינדער פון מיין קאָלעגע... ווען איך וואָלט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו העלפן אייך אַלעמען, וואָלט איך דאָס זיכער געטאָן. נאָר לײדער בין איך נישט אימשטאַנד...

דער „פאַמיליען־ראַט" האָט זיך געזעגנט מיט אַ באַשלוס, אַז די פרוי עלאַ (ראָזענבלאַט) דאַרף אַרויס אויף דער אַרישער זייט.

דער דאָקטער האָט שוין געהאַט אַלץ צוגעגרייט: היות אין פויזן איז זיינס אַ ברודער געשטאָרבן עטלעכע יאָר פאַרן קריג, האָט ער פאַר דער פרוי אויסגעאַרבעט אַ דאָקומענט, אַז זי איז דעם ברודערס ווייב און זי גלייך איינגעמאָלדן אין די ביכער אַלס „פרוי יאַדוויגאַ וויענצקאָווסקאַ — אַ געקומענע פון פויזן".

און וואָס טוט מען מיט די צוויי מיידלעך?

ד״ר וויענצקאָווסקי געפינט פאַר זיי די זיכערסטע באַהעלטעניש. דער גלח פון קלויסטער אויפן זשאַליבאָזש איז זיינס אַן אַלטער ידיד. ער פירט אַהין די מיידלעך און זיי ווערן אָנגענומען אַלס יונגע „שוועסטער־לעך". כדי צו פאַרשאַפן ביי די מיידלעך אַן אינערלעכן זיכערהייטס־גע־פיל פאַלט דער דאָקטער איין אויף אַזאַ המצאה: איידער ער האָט זיי אַוועקגעפירט אין קלויסטער, האָט ער זיי מיט אַ פייערלעכער מינע באַ־שפריצט מיט וואַסער און דערביי דערקלערט: — מיט אָט דעם וואַסער האָב איך אייך געטויפט! פון אַצינד אָן זענט איר קריסטלעכע מיידלעך און דאַרפט מער פאַר גאָרנישט מורא האָבן...

דאָס עלטערע מיידל האָט טאַקע פאַר גוט גענומען די דאָזיקע „צע־רעמאָניע" און זיך זייער רואיק און געהאַרכזאַם אויפגעפירט אינעם קלויסטער, ווו מען האָט זי אַדאַנק די לאַנגע שוואַרצע האָר און טונקעלער הויט אָנגערופן „די איטאַליענערין". דאַקעגן האָט דאָס ייִנגערע מיידל עפּעס סקעפּטיש אויפגענומען דאָס „טויפן זי". זי האָט אין קלויסטער נישט געקאָנט זיך קיין אָרט געפונען און דאָס אומרואיקע געוויסן האָט

איר געמאַטערט, אַז זי טאָר נישט אָפּנאַרן די גוטע „שוועסטערן" און דעם ליבלעכן גלח.

און דאָס מיידעלע האָט טאַקע נישט אויסגעהאַלטן:

זי האָט אָפּגעוואַרט דעם ערשטן קריסטלעכן „ווידוי" ביים גלח און ווען יענער האָט צו איר געזאָגט:

— דערציייל דעם גאַנצן אמת וועגן זיך, מיין קינד... בעתן ווידוי טאָר מען גאָרנישט פאַרהוילן... באַהאַלטסטו גאָרנישט אויס פאַר מיר? — האָט דאָס מיידעלע געענטפערט מיט אַ ציטערדיק שטימעלע:

— יאָ, פאָטער, איך באַהאַלט אויס... נאָר מער קען איך נישט... איך בין אַ יידישקע!

ביים גלח האָט עס אַזש פאַרהאַקט דעם אָטעם. אין אַנהייב האָט ער זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת דייטלעך און אָנט־שלאָסן דערקלערט:

— און אויב דו שטאַמסט פון יידן, מיין קינד, איז וואָס? פאַר גאָט זענען מיר אַלע גלייך...

— יאָ, אָבער איך וויל מער נישט קיינעם אָפּנאַרן... — האָט זיך די מיידלשע שטים שטיל צעכליפּעט.

— אַ צייט איז היינט אַ שלעכטע... אַן אויסטערלישע... נישט אַלע־מאָל פאַרשטייען מיר גאָטס דרכים און אויך מיר מוזן אַמאָל גיין מיט אונטערוועגן... באַרואיק זיך און קער זיך אום צו די „שוועסטערן" דייגע. געדענק אָבער, אַז מער זאָלסטו קיינעם נישט אויסזאָגן דעם סוד, וואָס דו האָסט מיר אַנטפּלעקט. טראַכט בכלל נישט וועגן דעם און שטאַרק דיין גלויבן אין גאָט. ער וועט דיר אַלץ מוחל זיין, אויב דו וועסט קיינעם נישט טאָן קיין שלעכטס...

דאָס מיידל האָט זיך גענוי איינגעהערט אין גלחס ווערטער און האָט געפאָלגט, וואָס ער האָט באַפוילן. אַזוי איז זי צוזאַמען מיט דער שוועס־טער פאַרבליבן אינעם קלויסטער און דערוואַרט — די באַפרייאונג. דעם עלטערן מיידל איז אָבער, אָפּנים, נישט באַשערט געווען צו דערלעבן דעם סוף פונעם קריג. בעתן פוילישן אויפשטאַנד קעגן די דייטשן (אין יאָר

1944) איז זי אַרויס פון קלויסטער און ווי אַ קראַנקן־שוועסטער געטראָגן הילף די פאַרוווּנדעטע אויפשטענדלער. ווען זי האָט אונטערן דייטשן פייער זיך אָנגעבויגן איבער אַ פאַרוווּנדעטן פאָליאַק און אים גענומען באַנדאַזשירן די ווונד, האָט אַ קויל אַ סוף געמאַכט צו איר יונג לעבן...

**
*

מיט אַ פאַרכאַפּנדיקער געשפּאַנטקייט האָבן אַזוי די יידישע שרייבער אויסגעהערט די דערציילונג פונעם פוילישן דאָקטער און אים כסדר אונטערגעמונטערט, ווי נאָר ער האָט געפּרוּווט זיך אָפּשטעלן:

— נו, נו... דערציילט ווייטער! און ווי איז עס געווען מיט דער פרוי ראָזענבלאַט? צי איז עס אַלץ געגאַנגען כשורה, קיינער האָט נישט גע־מסרט, נישט שאַנטאַזשירט?...

— אָ, אָן שאַנטאַזש האָט עס גאָר נישט געקאָנט געמאָלט זיין. און אויב איר מיינט, אַז ס׳איז ווייניק געווען פוילישע „שמאַלצאָווניקעס״, זענען נאָך צוגעקומען יידן אויך...

— יידן? שאַנטאַזשיסטן?!

— יאָ, יאָ... אָט הערט אַ געשיכטע: איינע פון עלאַ ראָזענבלאַטס שוועסטערן פלעגט פון צייט צו צייט פאַרשאַפן זיך פאַר גראָב געלט אַ „פּזשעפּוסטקע״ (אַזאַ מין דערלויבעניש) און אַרויסקומען פון געטאָ, כדי אויף דער אַרישער זייט צו קויפן אַביסל שפּייז־פּראָדוקטן און דערנאָך זיי אַריינצושמוגלען אין געטאָ. מיט גרויס פאָרזיכטיקייט פלעגט זי אין אַזעלכע פאַלן באַזוכן די שוועסטער אירע און מיר האָבן איר געהאָלפן מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך געווען.

איז אויף איר איינמאָל געפאַלן דאָס פאַרשאָלטענע אויג פון אַ „שמאַלצאָווניק״. זי איז נאָכגעשפּירט געוואָרן אויף טריט און שריט און ווי נאָר זי איז אַריין אין דער וווינונג פון ד״ר וויענצקאָווסקי, זענען איר נאָכגעקומען צוויי חברה־לייט. מען האָט זיי געפּרוּווט פאַרהאַקן די טיר פאַר דער נאָז, אָבער זיי האָבן גענומען קלאַפּן מיט די פויסטן אָן דער טיר און געלאָזט פאַלן דאָס געשפּענסט־וואָרט: — געשטאַפּאָ!

פרוי עלאַ ראָזענבלאַט האָט זיך דערפילט ווי אַ געכאַפּטע אין דער

פּאַסטקע. נישט וועגן זיך אַליין און וועגן אייגענעם לעבן האָט זי אין יענער רגע געטראַכט, נאָר וועגן איידעלן דאָקטער, אויף וועמענס קאָפּ זי האָט געבראַכט אַזאַ אומגליק.

— ניין, זי טאָר בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז די געשטאַפּאָ־לייט זאָלן זי דאָ טרעפן און דערגיין, ווער זי איז... — האָט איר געדונערט אין די שלייפן. אַ באַהערשטע פון אַ פּלוצלינגן באַשלוס האָט די פרוי אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער און איז פון צווייטן שטאָק אַרויסגעשפּרונגען אויפן שטיינערנעם הויף...

דער יאושדיקער טאַט האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די געשטאַפּאָ־לייט זענען אַריין אין דער וווינונג און דאָ געטראָפן עלאַס שוועסטער און דעם דאָקטער וויענצקאָווסקי. מ׳ט איר איז דער חשבון געווען אַ קורצער: זיי האָבן געוווּסט, אַז זי קומט פון געטאָ און ערשט נאָך האַרבע דינגענישן זענען זיי גרויסמוטיק איינגעגאַנגען דערויף, אַז מאָרגן, 12 בייטאָג זאָל זי ברענגען דאָס אָפּגעשמועסטע אויסקויף־געלט. וואָס שייך דעם דאָקטער, איז הגם זיי האָבן אייגנטלעך גענוי נישט געוווּסט, מיט וואָס ער האָט זיך „פאַרזינדיקט" און אין וועלכער ריכטונג דעם שאַנטאַזש צו ווענדן, ווייל זיי האָבן די פרוי עלאַ נישט געפונען — האָבן זיי דאָך אַרויפגעלייגט אויף אים אַ „קאָנטריבוציע" פון גאַנצע 30.000 זלאָטעס, וועלכע ער האָט אויך געדאַרפט צושטעלן ביז מאָרגן — 12 בייטאָג.

ד״ר וויענצקאָווסקי האָט זיך מיט די חברה־לייט לאַנג נישט געאַמפּערט און נישט געדונגען און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס איז דער געדאַנק זיינער צוגעשמידט געווען צו דער אומגליקלעכער עלאַ, וועלכע איז נאָר וואָס אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און ער האָט נישט געוווּסט, צי זי לעבט נאָך בכלל; צווייטנס האָט אים סיי דער היתוך הדיבור און סיי די אויפפירונג פון די צוויי געשטאַפּאָ־אַגענטן אויסגעזען צו זיין מאָדנע און נישט געשטאַפּאָ־מעסיק. בעת דער גאַנצער אַמפּערניש האָט ער זיי נישט אויפגעהערט פאַרזיכטיק צו אָבסערווירן און ס׳איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק...

דערווייל אָבער האָט ער אַלץ געטאָן, כדי פון זיי וואָס שנעלער פּטור צו ווערן און וואָס גיכער צו קענען אַראָפּלויפן אויף הויף — צו עלאַ.

— אַלזאָ ביז מאָרגן! — האָבן די שאַנטאַזשיסטן ענדלעך זיך גע־זעגנט — פּינקטלעך 12 אַזייגער וועלן מיר ביידע דאָ אָהערקומען און מיר ראַטן אייך, אַז עס זאָל קיין פּרוטה נישט פעלן פון דער סומע, וואָס מ׳ר האָבן באַשטימט... אַ קאָפּיקע ווינציקער וועלן מיר נישט נעמען...

די יונגעלייט זענען נעלם געוואָרן און דער דאָקטער איז צוזאַמען מיט עלאַס שוועסטער אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף און דערזען דאָ די אומ־גליקלעכע — אַ באַוווסטלאָזע, אין אַ קאַלוזשע בלוט, וואָס האָט שוין אָנ־געהויבן זיך צו באַדעקן מיט אַ געדיכט טרוקן הויטל.

— איר זעט? — האָט דער דאָקטער שטיל געשעפּטשעט צו עלאַס שוועסטער, וואָס האָט אים געהאָלפן אונטערהייבן די פאַרחלשטע — אַלע שכנים פון הויף קענען מיך זייער גוט... אַלע האָבן זיכער געזען, אַז זי איז פון מיינס אַ פענצטער אַרויס... כמעט אַלע ווייסן איבעריקנס, אַז זי איז מיין ברודערס אַ ווייב... און דאָך, דאָך איז קיינער איר צו הילף נישט געקומען... זעט אויס, אַז מען איז עפּעס חושד... און שוין האָט מען פאַר־האַקט טיר און פענצטער... און אויך די הערצער...

עלאַ איז דורכן דאָקטער אַוועקגעפירט געוואָרן אין אַ שפּיטאַל, ווו ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט צעבראָכן אַ פוס אין פינף ערטער. עטלעכע מאָנאַטן איז די פרוי אָפּגעלעגן אין בעט און איז ענדלעך אַרויס אַ געזונטע, אָבער מיט איין פוס — אַ קורצערן.

די שוועסטער אירע האָט נישט אויסגעהאַלטן די נערוון־שפּאַנונג און נישט באַוויזן צו באַהערשן זיך נאָך דער שרעקלעכער איבערלעבעניש. זי האָט געזען, ווי דער דאָקטער האָט אַוועקגעפירט די טיף־פאַרחלשטע עלאַ אין שפּיטאָל אַריין און איז זיכער געווען, אַז זי וועט אַ ליאַדע מינוט אָפּ־שטאַרבן... זי האָט אויך קיין אַנונג נישט געהאַט, פונוואַנען צו נעמען דאָס אויסקויף־געלט, וואָס זי האָט געמוזט שאַפן ביז מאָרגן בייטאָג...

ווען זי האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי זי וועט נאָכן אומקערן זיך אין געטאָ דאַרפן אַלץ דערציילן אינדערהיים, דאָס אַלץ, וואָס האָט אייגנט־לעך פּאַסירט צוליב א י ר שולד, ווייל זי האָט דאָך געדאַרפט באַ־מערקן, אַז מען שפּיאָנירט זי נאָך, איז זי אַוועקגעלאָפן אויף דער קער־בעדזשאַ־בריק און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער ווייסל...

באַלד נאָכן אָפּפירן עלאַ אין שפּיטאָל איז דער דאָקטער אַוועק אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט און האָט געמאָלדן זיך צום קאָמיסאַר אַליין. ער האָט באַשלאָסן צו שפּילן „וואַ באַנק“:

— עס האָבן זיך אויף מיר אָנגעזעצט צוויי שאַנטאַזשיסטן... — האָט ער דערקלערט דעם פּוילישן פּאָליציי־קאָמיסאַר — וועלכע ווילן ביי מיר אויספּרעסן געלט...

— און מיט וואָס דראָען זיי, אויב איר וועט גאָרנישט געבן? — האָט געפרעגט דער קאָמיסאַר.

— איר ווייסט נישט, הער קאָמיסאַר, מיט וואָס מען דראָט היינט? מיט פאַרמסרן מיך, אַז איך האַלט ביי מיר אין שטוב אַ יידישע פרוי...

— אָ, דאָס איז אַ זייער שווערע באַשולדיקונג... באַהאַלט איר ביי זיך טאַקע אַ פרעמדע פרוי?

— יאָ... אָבער די „פרעמדע פרוי“ איז דאָס ווייב פון מיין אייגענעם ברודער, וועלכער איז, אגב, געווען אַ מאַיאָר פון דער פוילישער אַרמיי, אויף וועמענס ברוסט עס האָט געשיינט אַ „ווירטוטי מיליטאַרי“־קרייץ פון ערשטן קלאַס. זי איז אַן אַרישע פרוי און מיט יידן האָט זי קיין שום שייכות נישט. אַלס פּאָליאַק — האָט ווייטער דער דאָקטער גערעדט צום פּאָליציי־קאָמיסאַר — זענט איר אַפילו מחויב צו העלפן דער אַלמנה נאָך אַ מאַיאָר פון דער פוילישער אַרמיי...

דאָ האָט דער דאָקטער געטראָפן אין פּינטל. ביי אַלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געדינט דעם דייטש, איז אַמלייכסטן געווען אַ שפּיל צו טאָן אויף דער סטרונע פון נאַציאָנאַלע געפילן. אַלעמאָל האָט אין זיי געברענט דער געברויך זיך ריינצווואַשן פאַרן טאָג־טעגלעך באַגאַנגענעם נאַציאָנאַלן פאַראַט און גרייט געווען צו באַווייזן, אַז „זיי זענען נישט קיין ערגערע פּאָליאַקן, ווי אַנדערע“.

— און מיט וואָס וואָלט איך אייגנטלעך געקאָנט העלפן? — האָט געפרעגט דער קאָמיסאַר, אַרויסווייזנדיק אַ בפירושן ווילן זיך אַריינצומישן אינעם ענין — אויב געשטאַפּאָ נעמט זיך צו עמיצן, איז... איר פאַרשטייט דאָך אַליין... מיין אינטערווענץ גאָרנישט ווערט...

— יאָ, דאָס ווייס איך גוט... נאָר איך האַלט, אַז איר דאַרפט קודם

פעסטשטעלן, צי זענען די לייט צו מיר געשיקט געוואָרן טאַקע פון געש־טאַפּאָ. מיר דאַכט זיך גראָד, אַז דאָס זענען סתם שאַנטאַזשיסטן, מיט וועלכע איר וואָלט זיך יאָ געקאָנט אַן עצה־געבן...

איז, אַלזאָ, אָפּגעמאַכט געוואָרן, אַז צומאָרגנס, פאַר 12 בייטאָג, וועט אַ פּאָליציי־אישער פּאַטרול, מיטן קאָמיסאַר בראש, „צופעליק" פּאַטרולירן די אַלעיאַ־שוכא, וווּ דער דאָקטער האָט געוווינט, און פאַרהאַלטן די צוויי חברה־לייט, ווען זיי וועלן קומען נאָכן אויסקויף־געלט.

אַזוי איז עס טאַקע געשען. דער פּאַטרול האָט זיך אָנגעשטויסן אויף די צוויי יונגע הערן, בעת זיי האָבן געוואָלט שנעל אַריינגיין אין טויער.

— האַלט! — האָט זיי פלוצלינג אויסגערופן דער פּאָליציי־קאָמי־סאַר — וווהין גייט איר און צו וואָס?

— מיר גייען צום דאָקטער וויענצקאָווסקי...

— גוט, וועלן מיר גיין צוזאַמען...

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז מיטגעגאַנגען מיט די צוויי הערן אין דער וווינונג פונעם דאָקטער און דאָ אויפגעפאָדערט די לייט זיי זאָלן באַ־ווייזן ווער זיי זענען. לכתחילה האָבן זיי שאַרף אָפּגעענטפערט, אַז אַלס געשטאַפּאָ־שליחים אונטערליגן זיי נישט דעם קאָנטראָל פון דער פּויליי־שער פּאָליציי און זענען נישט מחויב צו ווייזן זייערע דאָקומענטן, אָבער ווען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן און גענומען דראָען, אַז ער וועט זיי לאָזן אָפּפירן אין דער געשטאַפּאָ־קאָמענדאַטור, האָבן די צוויי הערן שנעל אַרויסגעכאַפּט פון די טאַשן פּאַפּירלעך, פון וועלכע עס האָט אַ שוואַרצן שיין געטאָן דער אַזוי גוט און טרויעריק באַ־קאַנטער געשטאַפּאָ־שטעמפּל, מיטן אָדלער און מיט האַקנקרייץ.

— נו, און איצט גלייבט איר שוין? — האָבן זיי טריאומפירנדיק און פון אויבן אַראָפּ אָנגעקוקט דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר, וועלכער האָט שוין אָנגעהויבן חרטה צו האָבן הלמאי ער האָט זיך אַריינגעמישט אין גאַנצן עסק. פון אמתדיקע געשטאַפּאָ־לייט, האָט ער געוווּסט פון דערפאַרונג, איז גלייכער צו האַלטן זיך פונדערווייטנס. און ער האָט שוין גענומען אויסקרימען דאָס פּנים אין אַ חניפהדיק שמייכלען, ווען ד"ר וויענצ־קאָווסקי, וועלכער האָט מיט טיפער געשפּאַנטקייט נאָכגעפאָלגט די סצע־

נע, האָט אים אָנגעכאַפּט אַן אויפגערעגטער ביי דער האַנט און אויסגערופן:

— אָבער הער קאָמיסאַר! דערלויבט מיר געטרייער אַריינצובליקן אין די דאָקומענטן, וואָס די הערן האָבן אָקאָרשט באַוויזן...

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס? — האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר אַ בייזן ברום געטאָן. היות אָבער איינער פון די צוויי לייט האָט נאָך גע־האַלטן אין האַנט דאָס פּאַפּירל און מיט אים גדלותדיק געפאָכעט, האָט דער קאָמיסאַר עס אַרויסגענומען פון זיינע פינגער און דערלאַנגט דעם דאָקטער, כדי זיך פון אים ענדלעך אָפּצוטשעפּען. דער דאָקטער האָט גע־נומען לייענען דעם דאָקומענט און פון גרויס איבעראַשונג האָבן די אותיות אָנגעהויבן טאַנצן פאַר זיינע אויגן. ער איז גבהל־ונשתומם געוואָרן, לייע־נענדיק דעם דאָקומענט. דאָס איז געווען אַ פּשוטע באַשטעטיקונג, אַז דער און דער אַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין דער שטאָטישער... באַד און אַלס אַזעלכער האָט ער דאָס רעכט אַרויסצוגיין פון... געטאָ און צו געפינען זיך אויף דער גאַס נאָך דער פּאָליצייאישער שעה. דער מעכטיקער און אימה־דיקער געשטאַפּאָ־שטעמפּל האָט באַשטעטיקט נאָר דאָס און מער גאָר־נישט...

פאַרשטייט זיך, אַז די לייט זענען גלייך אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָ־ליציי־קאָמיסאַריאַט, ווו עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם צווייטנס „דאָ־קומענט" איז געווען פון דעם זעלבן סאָרט. דער צווייטער האָט, נעמלעך, געאַרבעט אין דער שטאָטישער בעקעריי און האָט דעריבער אויך געהאַט דאָס רעכט צו באַטרעטן די וואַרשעווער גאַסן אין דער פאַרבאָטענער צייט. בעת דער פּערזענלעכער רעוויזיע האָט מען ביי די יונגעלייט גע־פונען אַ גרויסע צאָל בריליאַנטענע רינגלעך, קידושין־רייפלעך, גאָלדענע זייגערלעך און בראַסלעטן.

— ווען איך האָב דערזען אָט די אַלע חפצים — האָט ווייטער דער־ציילט ד״ר וויענצקאָווסקי — האָט מיך אַ גרויל אַרומגענומען, ווייל עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז די רויך־שטיינער אין די פינגערלעך דאָס זענען פאַרגליווערטע טראָפּנס יידיש בלוט און די בריליאַנטן — פאַר־גליווערטע טראָפּנס יידישע טרערן...

— און איר האָט נישט געפּרוווט דערגיין, ווער די יונגעלייט זע־

נען געווען, פון וועלכע יידישע קרייזן זיי האָבן געשטאַמט? — האָט עמיץ געשטעלט אַ שטילע פראַגע.

— איך האָב אין דעם נישט געדאַרפט לאַנג אַריינטראַכטן — האָט דער דאָקטער געענטפערט — ביים באַזוכן די שאַנטאַזשיסטן האָט מען ביי זיי געפונען לעגיטימאַציעס פון דער באַקאַנטער יידישער גימנאַזיע אין וואַרשע, פון „אַסקאָלאַ״, און עס איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז אַלס גימנאַזיסטן שטאַמען זיי פון דורכשניטלעכע באַלעבאַטישע היימען... אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן זיי געוויס געפירט אַן אָרנטלעך לעבן פון אַן אינטעליגענט, אָדער האַלב־אינטעליגענט, אָבער געקומען זענען טעג, ווען די גרויזאַם־שווערע נאַציסטישע לאַפּע האָט געבראָכן נישט בלויז מענטשלעכע לעבנס, נאָר אויך — מענטשלעכע כאַראַקטערן. קיינער וועט שוין דאָס זיכער קיינמאָל נישט אויפקלערן, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טראַגישע אַראָפּקייקלען זיך פון די צוויי יידישע גימנאַזיסטן, וועלכע זענען אַראָפּגעפאַלן ביזן מצב פון „שמאַלצאָווניקעס״... אָבער פאַר יידישער געשיכטע־פאָרשונג איז עס זיכער וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז צווישן די היענעס, וואָס האָבן געלויערט אויף יידישע קרבנות, כדי זיי אכזריותדיק אויסצוזויגן און שפּעטער אויסצוליפערן דער געשטאַפּאָ, האָבן זיך, ליידער, געפונען אויך יידן. און נישט בלויז — אונטערוועלטניקעס, נאָר אויך יידן פון אָנשטענדיקע, אָרנטלעכע שטובן און פאַמיליעס.

— און וואָס איז געשען מיט די פאַרברעכערישע יונגעלייט?

— אָ, אין אַזעלכע פאַלן האָט די פּאָליציי זיך נישט געצערטלט... זיי זענען דערשאָסן געוואָרן נאָך דעם זעלבן טאָג און ווער ווייסט וויפל יידן אויף דער אַרישער זייט זענען אַדאַנק דעם אויסגעלייזט געוואָרן פון ווייטערדיקע פּייניקונגען און פאַרפאָלגונגען. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר איז מיר געבליבן אַ פריינד (דאָס גאַנצע געפונענע צירונג האָט ער אַראָפּגעלאָזט אין אייגענעם טאַש אַריין!) און ער פלעגט צו מיר אָפט קומען מיט בקשות, אַז איך זאָל אים פאַרטייטשן פאַרשידענע אינסטרוקציעס און באַפעלן, וואָס ער האָט באַקומען אין דער דייטשער שפּראַך; גלייך ווי דער רוב פּוילישע פּאָליציי־אָפיצירן האָט ער נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט דייטש און דאָס האָבן טאַקע אויסגענוצט כלערליי פּיפיקע חברה־לייט,

וועלכע פלעגן אָפט זיך באַנוצן מיט דייטשע דאָקומענטן, וואָס זענען גאָר קיין דאָקומענטן נישט געווען.

אין דער אָקופּאַציע־צייט האָט אַ נענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אַ פּאָ־ליציי־קאָמיסאַר געקאָנט נאָר ברענגען נוצן און אָפטמאָל אויך ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן. אין דאָזיקן אמת האָט זיך ד״ר וויענצקאָווסקי אי־בערצייגט אין אַ צייט אַרום, ווען דאָס לעבן פון פרוי ראָזענבלאַט האָט ווידער געהאָנגען אויף אַ האָר. דאָס מאָל איז דאָס אומגליק געקומען פון־דערווייטנס — אַזש פון ארץ־ישראל:

ווי עס איז שוין פריער דערציילט געוואָרן, איז ד״ר ראָזענבלאַט באַלד נאָכן אָנהייב פון דער פויליש־דייטשער מלחמה אָוועק צוזאַמען מיט אַ פעלד־שפּיטאָל אין דער ריכטונג פון דער פויליש־רומענישער גרענעץ. אין אַ פּאַסיקן מאָמענט האָט דער דאָקטער זיך אַריבערגעכאַפּט אויף דער רומענישער טעריטאָריע און נאָך לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען איז ער ענדלעך אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. ד״ר ראָזענבלאַט האָט נישט פאַר־געסן אָן זיין פרוי און קינדער, וואָס זענען פאַרבליבן אין וואַרשע און נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען האָט ער פאַר זיי אַרויסבאַקומען אַ סערטי־פיקאַט. נישט האָבנדיק קיין אָנונג וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט ד״ר ראָזענבלאַט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַנשטאָט צו שיקן דעם סערטיפיקאַט אין געטאָ אַריין, איז גלייכער אָנצוגעבן דעם אַדרעס פון אַ פוילישן פריינד. און וועלכן פריינד, מיינט איר, האָט ד״ר ראָזענבלאַט אויסגעוויילט? פאַרשטייט זיך, אַז דעם ד״ר וויענצקאָווסקי!

איז, אַלזאָ, אָנגעקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון געשטאַפּאָ אין בערלין צו געשטאַפּאָ אין וואַרשע אַ סערטיפיקאַט פאַר פרוי ראָזענבלאַט — „ביים ד״ר קאָזשימיעזש וויענצקאָווסקי אויף אַלעיאַ־שוכאַ 3״. ווען געשטאַפּאָ שיקט דעמאָלט דירעקט אירע שליחים צום ד״ר וויענצקאָווסקי און זיי טרעפן דאָרט אָן „די פרוי פון זיין ברודער״ — וואָלט עס זיך ווי־דער געקאָנט טראַגיש פאַרענדיקן. צום גליק אָבער האָט געשטאַפּאָ — נישט געקוקט דערויף, וואָס איר הויפּט־לייטונג האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער אַלעיאַ־שוכא, וו עס האָט אויך געוווינט דער דאָקטער —

נישט געווענדט זיך דירעקט צו אים, נאָר איבערגעגעבן דעם ענין דער פּוילישער פּאָליציי. דאָ זענען די פּאַפּירן אָנגעקומען צו דער האַנט פון יענעם פּאָליציי־קאָמיסאַר, וואָס האָט שוין אַמאָל געהאַט געשלאָסן פריינד־שאַפט מיטן ד״ר וויענצקאָווסקי. מיט דער הילף פון דאָזיקן קאָמיסאַר איז געלונגען דעם ענין צו פאַרייבן און פאַרווישן...

די פּוילישע פּאָליציי האָט געמאָלדן דער געשטאַפּאָ, אַז „עס איז איר נישט געלונגען אָפּצוזוכן די פרוי ראָזענבלאַט און ד״ר וויענצקאָווסקי איז נישט אימשטאַנד אויפצוקלערן, פאַרוואָס עס פיגורירט זיין אַדרעס אויף אַ סערטיפיקאַט פאַר אַ פּערזאָן, וועלכע ער קען לחלוטין נישט״... און דער סערטיפיקאַט איז געבליבן ליגן אינעם אַרכיוו פון פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

באַלד נאָך דער באַפרייאונג האָט מען טאַקע דעם סערטיפיקאַט צו־ריק אַרויסגעשלעפּט פונעם אַרכיוו און פרוי ראָזענבלאַט איז צוזאַמען מיט דער יונגערער טאָכטער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין קלויסטער אויפן זשאָליבאָזש — אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווו זיי געפינען זיך הייגט־צו־טאָג.

***

די געשיכטע פון פרוי ראָזענבלאַט און איר רעטונג שעפּט נאָך נישט אויס אַלץ, וואָס עס איז כדאי צו דערציילן וועגן ד״ר וויענצקאָווסקי. ווייל אויסער דער דאָזיקער פרוי האָט זיך ביי אים אין דער וווינונג אויסבאַ־האַלטן און אָפּגעראַטעוועט נאָך איין יידיש לעבן. און געשען איז עס אַזוי:

ווען דער הימל איבער וואַרשע איז פאַרצויגן געוואָרן מיטן שוואַרצן רויך פון די געברענטע יידישע הייזער, איז צום ד״ר וויענצקאָווסקי אַריינ־געקומען אַ קליין יינגעלע. ער האָט דערלאַנגט אַ בריוועלע און געבליבן שטיין, אויסוואַרטנדיק אַן ענטפער. דאָס בריוועלע איז געשריבן געווען דורכן דאָקטער זאַלצבערג, אַ שוואָגער פון ד״ר יאַכוועדס, דעם באַקאַנטן אָרדינאַטאָר פון יידישן שפּיטאָל אויף טשיסטע אין וואַרשע. ד״ר וויענצ־קאָווסקי איז געווען באַפריינדעט סיי מיט ד״ר זאַלצבערג און סיי מיט ד״ר יאַכוועדס. און אָט האָט ער געלייענט אין בריוועלע דריי איינציקע ווערטער, וואָס האָבן אָבער מער אינהאַלט געהאַט, ווי נישט איין דיק בוך: „ראַטעוועט אונדזער קינד״...

— און ווו וועל איך דיך באַהאַלטן? — האָט ד״ר וויענצקאָווסקי גענומען אַרומקוקן זיך איבער דער וווינונג. געפֿונען אַ באַהעלטעניש האָט — דער קליינער אַליין. ער איז אַריינגעקראָכן הינטער דער וואַנע אין באָד־צימער און דאָרט פֿאַרבליבן אַ גאַנצן טאָג, באַוויינדיק דערמיט, אַז אין פֿאַל פֿון אַ רעוויזיע וועט ער האָבן ווו זיך צו פֿאַרשטעקן. ער האָט טאַקע אין אָט דער באַהעלטעניש אויסגעהאַלטן נישט איין רעוויזיע און קיינעם איז נישט איינגעפֿאַלן, אַז צווישן דער וואַנע און דער וואַנט דאַרף מען אויך זוכן.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די שטוב פֿון דאָקטער איז נישט אויסגעשטעלט געוועז אויף אַ געפֿאַר צוליבן ייִנגעלע.

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען ד״ר וויענצקאָווסקי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער געפֿונען אַ פּויליש צעטעלע, וואָס איז דורך עמיצן אַריינגעשטופּט געוואָרן אין דער טיר־קליאַמקע. אַן אומבאַקאַנטער האָט צו אים געשריבן בזה הלשון: „אויב דו וועסט תיכף־ומיד נישט ליקווידירן דעם זשידזשיאַק, וואָס דו באַהאַלטסט ביי זיך, וועלן מיר דיך אָפּרוימען צוזאַמען מיט אים״...

די לאַגע איז געווען גאַנץ ערנסט, ווייל קומענדיק נאָכן ייִנגל וואָלט מען דאָך געטראָפֿן די פֿרוי ראָזענבלאַט און דאָס האָט קיין גוטס נישט געקאָנט ברענגען.

איז ד״ר וויענצקאָווסקי געפֿאַלן אויף אַזאַ המצאה: אינמיטן העלן טאָג, ווען דער הויף איז געווען פֿול מיט מענטשן און פֿון אַלע פֿענצטער האָבן אַרויסגעקוקט די שכנים, האָט דער דאָקטער אַרויסגעפֿירט דאָס ייִנגל פֿון שטוב. „דאָ האָט איר דעם זשידזשיאַק״ — האָט דאָס געהייסן — „און זעט, אַז איך פֿיר אים אַוועק צו געשטאַפּאָ! איר זענט צופֿרידן?״...
און ווען דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן און אַ טונקעלער שאָטן האָט איינגעהילט די גאַס און דעם הויף און די שטיגן, האָט דאָס ייִנגל זיך צוריק אַריינגעשלייכט אין דער וווינונג אַריין. דער דאָקטער איז בעת־מעשה געשטאַנען אויף דער וואַך און אָפּגעהיטן, אַז קיין בייז אויג זאָל דאָס, חלילה, נישט באַמערקן.

באַלד נאָכן אומקערן זיך אין דער וווינונג האָט דאָס ייִנגל אויסגע־

טאָן די שיך און איז אַרומגעגאַנגען באָרוועס, כדי אַ שכן זאָל נישט דער־הערן דעם אָפּהילך פון זיינע טריט. ער פלעגט וואָכנלאַנג נישט עפענען דאָס מויל און נישט אַרויסברענגען, אַפילו שעפּטשענדיק, קיין וואָרט. טאָמער ווערט דאָס קול אויפגעכאַפּט דורך אַ פרעמד אויער.

און אַזוי האָט דער זון פון ד״ר זאַלצבערג איבערגעהאַלטן. און אַזוי איז ער געבליבן לעבן.

***

ביז שפּעט ביינאַכט האָט זיך פאַרצויגן דאָס גלעזל טיי, וואָס דער פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין לאָדזש האָט איינ־געאָרדנט לכבוד דעם ד״ר קאַזשימיעזש וויענצקאָווסקי. עס זענען געהאַלטן געוואָרן פאַרשידענע רעדעס. מען האָט הויך באַוואונדערט זיין מוט, עק־שנות און אָפּפערוויליקייט. בקול רם האָט מען אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט געהאַנדלט אַזוי ווי אַ מ ע נ ט ש האָט געדאַרפט האַנדלען.

און שטילערהייט האָט נישט איינער ביי זיך געטראַכט:

— הייסט עס, אַז ווען דער פּאָליאַק האָט ג ע וו אָ ל ט, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו ראַטעווען נישט בלויז איין יידישע פרוי, נאָר נאָך דריי יידישע קינדער...

ניין, נישט וויענצקאָווסקי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פונעם פּאָליאַק צום געראָדפטן ייִדן

(נאָכוואָרט)

.1

דאָס קאַפּיטל „ד״ר וויענצקאָווסקי״ האָב איך בכיוון געבראַכט צום סוף פונעם בוך אַלס לעצטן אַקאָרד: זאָל ביים לייענער, אין מאָמענט פון פאַרמאַכן דאָס בוך פאַרבלייבן אין זכרון איינער פון די צען צדיקים, וואָס וואָלטן געקאָנט אויסלייזן סדום.

אָבער באַלד האָט זיך אין מיר גענומען אַלץ בונטעווען און קעגנשטעלן — ווער האָט דיר געגעבן דאָס רעכט איבערצולאָזן ביים לייענער דווקא אַזאַ איינדרוק? צי ווערט דערמיט גאָרנישט געפעלשט פון דער ווירקלעכקייט? צי ליידט דערפון נישט דער א מ ת? צי פּרוּווסטו נישט פאַרגלעטן דאָס, וואָס דאַרף נישט און טאָר נישט פאַרגלעט ווערן?

איך האָב זיך נאָכאַמאָל אַריינגעטראַכט אין דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס ס׳האָט זיך ביי מיר אין מוח און אין האַרץ און אין די נאָטיץ־ביכלעך אָנגעזאַמלט במשך פון מיין אַנדערהאַלבן יאָר ווידערזיין אין פּוילן.

אַרומגענומען מיטן געדאַנק האָב איך דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב געלייענט ביי די פּוילישע שרייבער, וועלכע האָבן אַמבעסטן געקענט אָבסערווירן דאָס, וואָס קומט פאָר אויף דער אַרישער זייט. זיי האָבן עס פאַרפיקסירט אונטערן פרישן איינדרוק און דאָס וועט בלייבן אַלס אויטענטישער דאָקומענט לעולם־ועד. וועט דען עמיץ קאָנען אָפּפרעגן אַזעלכע דאָקומענטן, ווי די אויפטרייסלענדיקע נאָוועלע פון יעזשי אַנדזשעיעווסקי „וויעלקי טידזשען״ (די וואָך פון קריסטלעכן פּסח), אָדער די באַזונדערע פאַרצייכענונגען, עפּיזאָדן און סצענעס, וואָס מען געפינט סיי ביי די פּאָליאַקן: זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, סטאַניסלאַוו רעמבעק, מיכאַל רו־

שינעק און אַנדערע, און סיי ביי די יידן, וואָס שרייבן פּויליש: אַדאָלף רודניצקי, אַרטור סאַנדויער, מיעטשיסלאַוו יאַסטרון און נאָך אַנדערע?

ניין, נישט קאַזשימיעזש וויענצקאָווסקי איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציאונג פון פּאַליאַק צום געררודפטן ייד אין די צייטן פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן.

2.

לייענענדיק דאָס בוך האָט זיך אפשר נישט איינער געשטעלט די פראַגע, צי ווערט אַמאָל אין די שילדערונגען נישט דערמאָנט צו אָפּט דער פּוילישער שאַנטאַזשיסט — דער „שמאַלצאָווניק", די זעלבע פראַגע האָב איך פיל מאָל געשטעלט אי מיין הויפּט־דערציילער, אי די יידישע פרויען און מאַנסלייט, מיט וועלכע איך האָב געפירט לאַנגע שמועסן מכוח זייערע איבערלעבונגען אויף דער אַרישער זייט.

דערהערנדיק די פּראַגע פלעגט יעדער פון זיי זיך פאַרטראַכטן, ווי צונויפזאַמלענדיק אין רעיון אַלע „פראָ" און „קאָנטראַ"־אַרגומענטן. און אַלע אָן אויסנאַם האָבן זיי געגעבן די זעלבע תשובה. אַ תשובה, פון וועלכער עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אויב מען קאָן רעדן וועגן אַ דערשיינונג, וואָס האָט דעם בולטסטן חותם געלייגט אויפן גאַנצן קאַפּיטל פון אויסטערלישער יידישער וועגעטאַציע, וואָס הייסט „אַרישע זייט" — איז עס נאָר דער „שמאַלצאָווניק" און דווקא דער „שמאַלצאָווניק".

אָט האָב איך, שוין אין פּאַריז זייענדיק, איבערגעשריבן זיך מיט מיין קוזינע, וועלכע האָט דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי־גהינום פון דער אַרישער זייט אין וואַרשע. איך האָב זיך געווענדעט צו איר מיט אַ פאָרשלאַג: קלער זיך אַריין אין דיינע איבערלעבונגען פון יענע יאָרן און באַשרייב מיר דאָס, וואָס עס האָט זיך אַמשאַרפסטן איינגעקריצט אין זכרון.

די דאָזיקע פרוי, גינאַ הערמאַן הייסט זי און וווינט איצט אין ישראל (רמת גן), האָט נישט געוווסט, צו וועלכן צוועק איך בעט זי אָנצושרייבן אַזאַ פראַגמענט פון אירע איבערלעבונגען. זינט דעם מלחמה־אויסברוך האָב איך זי דעמאָלט נישט געהאַט געזען און זי האָט במילא נישט גע־

קאָנט קיין אַנונג האָבן וועגן מיינע באַטראַכטונגען און וועגן די מסקנות, צו וועלכע איך בין דערגאַנגען מכוח דער ראָל פון פוילישן געשטאַפּאָ־העלפער.

און אָט איז די באַשרייבונג פון פרוי נינאַ הערמאַן, ווערטלעך:

„דער זומער פון יאָר 1943 איז געווען באמת אַ פּרעכטיקער. די ידיעה, אַז איטאַליע האָט זיך אונטערגעגעבן, האָט דעם זומער געמאַכט נאָך שענער און רייצנדיקער. די וואַרשעווער גאַס האָט מיט אַ זעלטענער איינשטימיקייט אָפּטימיסטיש קאָמענטירט די דאָזיקע וויכטיקע פּאָליטישע געשעעניש. פאַר אונדז, פאַר די דערשעפּטע און פאַרמאַטערטע יידישע „אַריער", איז איטאַליעס קאַפּיטולאַציע געוואָרן אַ נייער קוואַל, פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט פרישע כוחות און דערמוטיקונג צום ווייטערדיקן קאַמף — פאַרן לעבן.

יאָרנלאַנג האָבן מיר שוין געפירט דעם קאַמף, וואָס האָט געפאָדערט איבערמענטשלעכן אויסדויער, מוט, קאַלטע באַהערשונג — שטאָלענע נערוון. יאָרנלאַנג האָט אונדזערע הערצער געפרעסן דער אימהדיקסטער פּחד, אָבער דעם פּחד האָט מען געמוזט מיט אַלע כוחות אויסבאַהאַלטן, איינגראָבן וואָס טיפער אין זיך, כדי זיינע שפורן זאָלן, חס־וחלילה, נישט באַמערקט ווערן דורך די פאַרשנדיקע אויגן פון די פּוילישע שכנים. ווייל זיי האָבן נאָר געוואַרט דערויף, זיי האָבן געטשאַטעוועט אויפן מינדסטן אויסדרוק פון שוואַכקייט מצד אַזאַ איינעם, וואָס זיי האָבן חושד געווען, אַז ער איז אַ „זשידזשיאַק", אָדער אַ „זשידובע". אויפן ראָג פון יעדער גאָס האָבן חברה־לייט געלויערט אויף קרבנות...

דאָס אויסהאַלטן זיך אין וואַרשע האָט דעמאָלט געקאָסט זייער פיל געלט, אָבער פאַר אַ טייערן פּרייז האָט מען געקאָנט באַקומען ממש אַלצדינג. נישט געווען אַזאַ לוקסוס־אַרטיקל, וואָס ס'זאָל נישט זיין בנמצא אינעם אָקופּירטן וואַרשע. אָבער פונוואַנען נעמט מען אַזוי פיל געלט? דאָס געטאָ איז שוין ליקווידירט געוואָרן, איז אַלזאָ אָפּגעפאַלן אַזאַ שמאַלץ־גרוב, אַזאַ פּרנסה־קוואַל, וואָס מען האָט געהאָפט, אַז ער וועט זיך קיינמאָל נישט אויסשעפּן. האָט מען אויסגעפונען אַ נייעם קוואַל, אַ

פרישן אופן פון נתעשר ווערן. די יידן, אַנטרונענע פון געטאָ — אַט דאָס איז געווען דער קוואַל, פון וועלכן מען האָט געצאַפּט און געצאַפּט...

די אַזוי גערופענע „אַרנטלעכע״ פּאָליאַקן פלעגן אַריינגעמען צו זיך יידן און אויסבאַהאַלטן זיי פּאַר אַ פאַנטאַסטיש הויך דירה־געלט. זיי פלעגן רואיק און אָרנטלעך זיך אויפפירן לגבי זייערע יידישע „לאָקאַ־טאָרן״ אַזוי לאַנג, ווי דאָס דירה־געלט איז רעגלמעסיק און פּינקטלעך געצאָלט געוואָרן. ווי נאָר דאָס געלט האָט זיך ביים ייד אויסגעשעפּט, פלעגט דער באַלעבאָס אַרויסוואַרפן דעם „פּאַרך״ אויף דער גאַס אַרויס און — פּטור.

אַנדערע ווידער, ביי וועלכע עס האָט נישט געסטאַיעט אַפילו דער שמץ עטיק, וואָס האָט זיך נאָך געפונען ביי די „אָרנטלעכע״, פלעגן איינ־מאָנען דאָס גאַנצע דירה־געלט פאָרויס און באַלד צומאַרגנס אונטערשיקן די „שמאַלצאָווניקעס״, מיט וועלכע זיי האָבן זיך געטיילט מיטן אויסגע־פּרעסטן „פאַרדינסט״.

צו די לייכסטע און פּאָפּולערסטע מלאכות האָט אָבער געהערט דאָס טשאַטעווען אויף די גאַסן. די פּראָצעדור איז געווען אַ גאַנץ איינפאַכע: דער „שמאַלצאָווניק״ האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער גאַס, שפּאַצירט איבער די פּלעצער, געפאָרן זיך געלאָסן אין די אויטאָבוסן און טראַמווייען. יעדן דורכגייער און פּאַסאַזשיר האָט ער אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן אַריין און אָבסערווירט, ווי אַזוי ער רעאַגירט דערויף. די מינדעסטע גרי־מאַסע אויפן פּנים פון אָבסערווירטן, דער מינדסטער ציטער אָדער דאָס אינסטינקטיווע פינטל מיטן אויג — איז געווען גענוג צו שאַפן אַ חשד. דאָס פאַרגעניגן אונטערזוכט צו ווערן פלעגט אָפט טרעפן אויף „עכטע אַריער״, אָבער ביי זיי האָט זיך אַלעמאָל געענדיקט מיטן אַנזידלען דעם צודרינגלעכן שאַנטאַזשיסט. דערפאַר פלעגט ער זיך אָפּנעמען — ביים פּאַקן אַ ייד. אויב דער ייד האָט געהאַט גענוג געלט אויף אויסקויפן זיך פון די גיריקע לאַפּעס — איז געווען זיין גליק. וויפל יידן האָבן אָבער נאָך לאַנגע יאָרן אויסבאַהאַלטן זיך געענדיקט זייער לעבן אין די קעלערן פון געשטאַפּאָ אויף אַלעיאַ־שוכא — נאָר צוליב דער שולד פון די „שמאַל־צאָווניקעס״? ווער וועט דאָס פעסטשטעלן?

וויפל מאָל האָב איך געהערט, פאַרנדיק אין טראַמוויי, אָדער שטייענ־דיק אין אַ מאַגאַזין, ווי פּאָליאַקן האָבן זיך מיט גרויס הנאה און סאַטיס־פאַקציע איבערגעגעבן פון מויל צו מויל:

— האָסט געהערט אַ מעשה? מען האָט נעכטן ווידער געכאַפּט אַ „זשידזשיאַק” אויף דער סענאַטאָרסקע־גאַס... אויפן אָרט האָט מען אים פאַרטיק געמאַכט...

— זע נאָר, ווי זיי זענען זיך, די „זשידעס”, פונאַנדערגעקראָכן אי־בער דער גאַנצער שטאָט, ווי די ווערים...

און איך האָב נאָך געמוזט מיטשמייכלען, פּונקט אַזוי ווי אַלע צו־הערער פונעם שמועס און נאָך צובאַמקען: — יאָ, יאָ... ווי די ווערים...

און ווען אין אַ טאָג־צוויי נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון איטאַליע האָט זיך אויך ביי מיר אין האַרצן אָנגעצונדן אַ קליין פלעמעלע פון האָפענונג, אַז אפשר... טאָמער... וועט זיך די פאַרשאָלטענע מלחמה אינגיכן ענדיקן און איך וועל בלייבן לעבן, האָט עפּעס אַ פּויסט פּלוצלינג אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און אַ יונגערמאַן אין אַ ציוויל־אַנצוג האָט זיך אַריינגעשאַרט אין מיין צימער. מיטן אינסטינקט פון אַ געפּאַלענער חיה האָב איך גלייך דערפילט: אַ שונא.

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. דערנאָך האָט ער מיך לאַנג אָנגעקוקט מיט גרינע שלאַנג־אויגן און פּאַמעלעך אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש אַ פּאָליציי־קאַרטע. לאַנגזאַם זי אַרויסגעצויגן, אָבער שנעל מיר מיט איר אַ שיין־געטאָן אונטער די אויגן, כדי כ׳זאָל באַמערקן, וואָס דאָס איז און נישט קאָנען איבערלייענען זיין נאָמען.

דער אַגענט: — אייער „קענקאַרטע”?

איך: — ביטע, זייער...

דער אַגענט: — איר הייסט אַנטאָניאַ קאָוואַלסקאַ? הע, הע... — די גרינע אויגן האָבן זיך פאַרזשמורעט, פאַרבליבן זענען בלויז שפּעלטלעך, ווי מעסער־שניט. מיט אַן איראָניש שמייכעלע האָט ער מיר אונטערגע־טראָגן אַ פראַגע: — ווו געפינען זיך אייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער?

איך: — זיי לעבן נישט מער...

דער אַגענט: — און ווו האָט מען זיי באַגראָבן? איך וואָלט גערן באַזוכט זייער קבר אויפן קאַטוילישן צמענטאַזש...

איך: — דאָס איז, לײַדער, נישט מעגלעך!...

ער: — אַוודאי איז דאָס נישט מעגלעך. אָבער גענוג זיך געחכמהט! צו לאַנג אַרבעט איך אין דער פּאָליציי, אַז כ'זאָל זיך נישט קענען אויף אַ יי ע ר ע קאָמבינאַציעס. איר זענט אַ „זשידוווקע"... פּרוווט נישט לייקענען... אָט דעם דאָקומענט אייערן (ער האָט אים נאָכאַמאָל גוט באַ־קוקט) האָט איר זיך פּאַר גראָב געלט געשאַפן אין דער עווידענץ־אָפּטיי־לונג פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט אויפן סמך פון אַ טויף־שיין פון אַנ־טאָנינאַ קאָוואַלסקאָ, וועלכע איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן.

איך זע, אַז כ'האָב אָנגעטראָפן אויף אַ ראַפינירטן חברה־מאַן, וועל־כער האָט שוין מסתמא אויף זיין געוויסן נישט איין יידיש לעבן. די „קענקאַרטע" האָב איך טאַקע באַקומען אויף אַזאַ אופן, ווי דער אַגענט האָט עס געטראָפן. ער אַליין האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן און דער־ציילן וועגן די אַלע וועגן און אופנים, מיט וועלכע יידן אויף דער אַרישער זייט באַנוצן זיך, כדי מיט כלערליי דאָקומענטן צו כשרן זייער עקזיס־טענץ. ער רעדט און איך רייס אים כסדר איבער מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז דאָס אַלץ איז מיך נישט נוגע, ווייל איך — נישט, איך בין נישט קיין „זשידוווקע".

ער ווערט בייז. רוקט אַריין אין טאַש אַריין מיין „קענקאַרטע" און הייסט מיר גיין מיט אים.

— אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט וועט מען שוין פעסטשטעלן, ווער איר זענט באמת און ווער האָט אייך געהאָלפן באַקומען דעם פאַלשן דאָקו־מענט!...

איך פאַרגעס אין גרויס אויפרעגונג, אַז אין גאַס איז זייער הייס און איך נעם אָנטאָן מיין מאַנטל. ער באַמערקט עס און גיט אַ סיקע: — וואָס דאַרפט איר דעם פאַלטן? דאָרט, וווהין איר גייט און פונוואַנען מען קומט שוין נישט צוריק, דאַרף מען קיין מאַנטל נישט...

אויפן וועג עסט ער זיך ווידער איין מיט די אויגן אין מיר. איך דער־זע אין זיי אַזאַ תהום פון שנאה, אַז כ'האָב נישט דעם מוט אָנצוהייבן די

אונטערהאַנדלונגען וועגן אויסקויפן זיך. מיר דערנענטערן זיך צום פּאָ־ליציי־קאָמיסאַריאַט. ער איז זיך אָבער מיישב:

— וואָס דאַרפן מיר גיין צו דער פּאָליציי און זיי זאָלן אייך שיקן אין געשטאַפּאָ, גלייכער באַלד אין געשטאַפּאָ אַריין...

אַ ציטער כאַפּט מיך אַרום. טראָפּנס שווייס רינען מיר איבער דער פּלייצע. דאָס וועטער איז וואונדערבאַר שיין. אויף די באַלקאָנען רויטלען זיך פּעלאַרגאָניעס. איך דערפיל דעם ריח פון געלע נאַסטורציעס, וואָס כ׳האָב אַזוי ליב. עס טאַנצן מיר פאַר די אויגן די פּנימער פון טאַטע־מאַמע און פון די צוויי ברידער, וועלכע איך וועל שוין קיינמאָל נישט זען... איטאַליע האָט זיך אונטערגעגעבן... איך בין די איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפּחה... איך האָב איבערגעלעבט ביז היינט... די איינציקע... די לעצטע. איך דערמאָן זיך דעם מאָמענט, ווי מען האָט מיך געטריבן צום „אומשלאַגפּלאַץ" דאָס העסלעכע פּנים פונעם אוקראַינישן מיליציאַנט, וואָס האָט מיך געהאַלטן אין איין שמייסן מיט אַ שפּיצרוט, גיסט זיך צונויף מיטן געזיכט פון מיין איצטיקן באַגליי־טער... דעמאָלט האָט מיך אַ נס געראַטעוועט. איך בין אַנטלאָפן אין דער לעצטער רגע... און שפּעטער, וויפל האָב איך שפּעטער זיך אַנגעליטן, שוין אויף דער אַרישער זייט... און דאָס אַלץ זאָל גיין לאיבוד?

אומגעריכט הייבט ער אַליין אָן צו רעדן:

— איר ווייסט, אַז די מלחמה וועט זיך בקרוב ענדיקן? און אַזוי פיל יידן פאַלן נאָך אַלץ אַריין... וויפל יאָר האָט איר סך־הכל? 23? הם... הם... אַ שאָד אַזאַ יונג לעבן...

מיר זענען שוין עטלעכע טריט פאַרן טויער פון דער געשטאַפּאָ. איך ווייס, אַז אויב טרעט איך איבער דעם־אַ טויער — וועט זיין פאַרפאַלן. אין מוח בליצט מיר אויף דער באַשלוס צו ענדערן מיין טאַקטיק. ביז איצט האָב איך עקשנותדיק געטענהט, אַז כ׳בין אַ פּאָלקע, כ׳האָב מיט יידן קיין שייכות נישט. דאָס האָט צו גאָרנישט דערפירט. ביי אַ פּאָלקע קאָן דער חברה־מאַן גאָרנישט פאַרדינען...

— יאָ, איך בין אַ יידישקע, נאָר וואָס וועט איר האָבן דערפון, ווען מען וועט מיך דערהרגענען? זייט זיך מרחם...

די גרינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. אין אָנהייב — מיט גויאישן כעס און רציחה:

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג געלייקנט? איצט איז שוין צו שפּעט... אַצינד געהערסט דו שוין צו זיי און נישט צו מיר...

ער וויל מיך שלעפּן צום טויער פון געשטאַפּאָ, אָבער איך פיל, אַז ער טוט עס אַזוי, דאָס כ'זאָל קאָנען — נישט לאָזן זיך.

די אונטערהאַנדלונגען הייבן זיך ענדלעך אָן. עטלעכע מאָל רייסט ער זיי איבער און נעמט מיך ווידער שלעפּן אַהינצו. איך ווייס, אַז יעדע רגע קאָן עמיץ פון אַ פענצטער אין געשטאַפּאָ־בנין באַמערקן אונדזער אַמפּערניש און איך וועל זיין פאַרלוירן. איך זאַמל צונויף דאָס לעצטע ביסל כוח, שטרענג אָן דעם זכרון און ברענג אַרויס אַלע אַרגומענטן און טענות, וועלכע האָבן מיר שוין געהאָלפן אין די פיל אַנדערע שאַנטאַזש־פאַלן, וואָס כ'האָב איבערגעלעבט.

לסוף דערהער איך דעם אורטייל: אין אַ שעה אַרום דאַרף איך זיך שטעלן אין דערבייאיקן קאַפע און אָוועקלייגן די קיילעכדיקע סומע פון 10.000 זלאָטעס. מיין „קענקאַרטע" פאַרבלייבט ביי אים און זאָל איך פרווון נישט קומען...

די אָנגערופענע סומע האָט אין יענער צייט באַדייט אַ גאַנץ פאַר־מעגן. דער פּרייז פון אַ דורכשניטלעכן, „נאָרמאַלן" שאַנטאַזש האָט באַ־טראָפן אַן ערך פון 500 זלאָטעס. מיין פאַל איז, זעט אויס, געווען — אַן אויסערגעוויינלעכער און כ'האָב געוווסט, אַז דאָס געלט מוז איך שאַפן. קיין געלט באַזיץ איך נישט. איך מוז זיך שיידן מיט מיין מאַמעס אוי־ערינגלעך. דאָס לעצטע שטיקל צירונג, וואָס כ'האָב באַהאַלטן אויף דער ערגסטער צייט. נישט געגעסן צו דער זעט, געאַרבעט און געהאָרעוועט, אָבער קיינמאָל אַפילו נישט דערלויבט זיך אַ טראַכט צו טאָן וועגן פאַר־קויפן די אויערינגלעך.

איך לויף צום יובעליר. ער באַמערקט גלייך מיין אויפרעגונג, הייבט אָן חושד צו זיין, אַז איך האָב עס געגנבעט. מיין „קענקאַרטע" קאָן איך נישט באַווייזן, ווייל זי איז פאַרבליבן ביים שאַנטאַזשיסט. טרערן שטיקן מיך אין האַלדז. עס ווילט זיך מיר וויינען. און שרייען. טויזנטער פינ־

גערלעך, אויערינגלעך, בראַנסלעטן און זייגערלעך ווערן טאָג־טעגלעך צו־גערויבט ביי יידן. די נייע „באַלעבאַטים" זייערע פאַרהאַנדלען זיי ביי די יובעלירן און קיינער פרעגט זיי נישט, פונוואַנען דאָס שטאַמט און קיינער איז נישט חושד, אַז דאָס איז — גנבה... יאָ, דאָס איז טאַקע קיין גנבה נישט, נאָר רויב. און דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. איך פאַרשטיי ענד־לעך, אַז דער יובעליר מאַכט די אַלע באַוואָרענישן נאָר כדי צו באַצאָלן מיר אַ קלענערן פּרייז. ער האָט, אַפּנים, גלייך זיך געכאַפּט, ווער און וואָס — און וויל אויך געניסן.

די אויערינגלעך זענען געווען פון זעלטענער שיינקייט און פון גרויסן ווערט. דער יובעליר טוט מיר אַ גרויסע טובה, אויסצאָלנדיק מיר פינף מאָל ווייניקער, ווי איך וואָלט באַקומען ביי אַנדערע אומשטענדן. איך האָב אָבער די נייטיקע סומע אויף צו באַצאָלן פאַר מיין לעבן.

אין אַ ווינקל פונעם קאַפע האָט מיין „באַקאַנטער" שוין אויף מיר געוואַרט. ער שמייכלט צו מיר העפלעך און פאַרפירט אַ פריינדלעך, גע־מיטלעך געשפּרעך. באַוויליקט אויסצודריקן זיין פאַרוווּנדערונג, הלמאי איך נוץ נישט אויס די געלעגנהייט פון „האָטעל פּאָלסקי", כדי „אַרויס־צופאָרן קיין אויסלאַנד". עטלעכע גלעזלעך בראָנפן מאַכן אים נאָך „היי־מישער" מיט מיר און ער נעמט שיטן מיט נעמען פון די אַלע „אַריער", וועלכע ער האָט אין דער לעצטער צייט אַנטדעקט און...

ער דערזאָגט נישט וואָס מיט זיי איז געשען, אָבער זיינע ווערטער „איך האָב צו זיי גאָרנישט געהאַט, נאָר פאַרוואָס האָבן זיי זיך אַזוי איינ־געעקשנט און נישט געוואָלט באַצאָלן?..." — נייטיקן זיך נישט אין קיין דערגענצונג. צווישן די אויסגערעכנטע דורך אים האָב איך דערהערט נע־מען פון מיינע נאָענטע באַקאַנטע, מיט וועלכע כ'פלעג זיך אָפט טרעפן. יאָ, ס'איז שוין טאַקע אַ לאַנגע צייט, וואָס כ'האָב זיי נישט געזען... און וועל שוין מער קיינמאָל נישט אָנקוקן... אין האַלדז שטיקן מיך ווידער טרערן. איך פּרוּוו אַ זופּ טאָן פונעם פאַרצעלאָגענעם שעלעכל מיט קאַווע, אָבער זי ברענט מיך, ווי זאַלץ־זויער. איך וויל וואָס שנעלער אַנטלויפן. איך דערלאַנג דאָס געבראַכטע געלט. ער ווייזט אַרויס גרויסמוטיקייט;

ציילט נישט איבער, צי עס שטימט און ווי אַ גוט דערצויגענער און ריי־טערלעכער הער באַצאָלט ער פֿאַר מיין קאַווע.

— איך פֿאַרזיכער אייך... — האָט ער ביים געזעגענען דערקלערט, פֿאַרנייגנדיק זיך טיף פֿאַר מיר — און צו מיין וואָרט קאָנט איר האָבן צו־טרוי, איך בין אַ דזשענטעלמען... אַז פֿון מיין זייט וועט איר מער קיינ־מאָל קיין צרות נישט האָבן... אָבער איך מוז אייך וואָרענען פֿאַר אַנדע־רע. פֿאַר די מעשים פֿון די אַנדערע בין איך נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט זיך מיר איינגעגעבן דורך אַ צו־פֿאַל צו דערגיין, ווער דער חברה־מאַן איז געווען. איך האָב זיין נאָמען גלייך געמאָלדן דער פּוילישער אונטערערדישער פּאַרטיי, מיט וועלכער איך האָב געהאַט אַ געוויסע פֿאַרבינדונג. איך האָב באַשריבן די שאַנ־טאַזש־געשיכטע און געפֿאָדערט, אַז מען זאָל אים תיכף־ומיד אָפּרוימען.

דער ענטפֿער פֿון דער פּוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע האָט געלויטעט:

„ווען איר וואָלט צוליב אים אומגעקומען, וואָלטן מיר אים פֿאַר־משפּט און ליקווידירט"...

***

אין דער צייט, ווען מיין קוזינע נינאַ הערמאַן האָט געקעמפֿט פֿאַר איר לעבן אויף די „אַרישע" גאַסן אין וואַרשע, האָט מיך געברענט די גליענדיקע זון פֿון אוזבעקיסטאַן. שוין דאָרט אַהין זענען אָנגעקומען די ערשטע בשורות וועגן בראָד, וואָס האָט געטראָפֿן אונדזערע נאָענטע און טייערע, וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזן אין פּוילן. שוין דעמאָלט האָבן מיר מער פֿאַראויסגעפֿילט, ווי פֿאַרשטאַנען, אַז פֿריער פֿון אַלץ וועלן מיר מוזן שטעלן די פֿראַגע: און ווו איז געווען דאָס פּוילישע פֿאָלק? ווי אַזוי האָבן די פּאָליאַקן אויפֿגענומען דאָס אומגליק פֿון זייערע מיטבירגער, וועלכע זענען צוזאַמען מיט זיי געבוירן געוואָרן אויף איין ערד, במשך פֿון הונדערטער יאָרן געאָטעמט מיט דער זעלבער לופֿט, וואָס זיי? שוין דעמאָלט האָבן מיר געפֿיבערט פֿון אומרו, נישט קאָנענדיק באַגרייפֿן, פֿאַרוואָס איז גראָד די פּוילישע ערד אויסגעקליבן געוואָרן דורכן נאַציש משחית פֿאַר די מאַסן־שחיטות און מאַסן־קברים אויך פֿאַר יידן, וועלכע

מען האָט ספּעציעל דערצו געבראַכט פון די ווייטסטע ווינקעלעך אין איי־ראָפּע. שוין דעמאָלט איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז ביים פאַרענטפערן אָט די האַרבע קשיא איז נישט אָן אַ באַדייטונג, — די באַציאונג פון דער פּוילישער געזעלשאַפט און די שטעלונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג.

מיט נינאַ הערמאַן האָב איך, ווי געזאָגט, נישט געזען זיך און נישט גערעדט זינט דעם יאָר 1939. אָבער ווען כ׳האָב פון איר באַקומען דעם ערשטן בריוו — פון אַ לאַגער אין דייטשלאַנד — און זי האָט מיר גע־שריבן: „איך האָב איבערגעלעבט אויף דער אַרישער זייט״, האָב איך זיך גלייך פאָרגעשטעלט ווי זי זעט אויס: מיט העל־געפאַרבטע האָר, מיט אָנדולירטע לאָקן, מיט דער שרעק אין די אויגן און מיטן אייביק־מאַ־טערנדיקן און נאָגנדיקן פחד אין האַרצן. מיטן פחד — פאַר וועמען?

פאַרן פּאָליאַק, וועלכער איז דער איינציקער בּיכולת געווען אויסצו־שפּיאָנירן, אַז זי איז נישט קיין עכטע „שיקסע״.

די שילדערונג, וועלכע זי האָט פאַר מיר אָנגעשריבן און וואָס איך האָב אָקאָרשט ציטירט, האָט באַשטעטיקט, אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. זי האָט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט דאָס אַלץ, וואָס כ׳האָב געהערט פון צענדליקער נינאַ הערמאַנס, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט.

אָבער וויפל האָבן נישט געהאַט דאָס גליק צו פאַרמאָגן דער מאַמעס טייערע אויערינגלעך, אָדער דעם טאַטנס גאָלדענעם זייגער מיט דער שווערער קייט?...

נינאַ הערמאַן האָט אין איר שילדערונג — נישט ווילנדיק — גע־געבן נאָך איין באַשטעטיקונג פון דער ראָל, וואָס עס האָט דאָ געשפּילט די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג.

אַוודאי — היסטאָריקער וועלן קומען און טענהן, אַז געווען איז אַ ז אַ אונטערערד און אַ ז אַ אונטערערד. ד י האָבן געהאַנדלט אַזוי און י ע נ ע — אַזוי.

איך בין נישט קיין היסטאָריקער. צי האָט עקזיסטירט אַן אונטערער־דיש פּויליש געריכט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן טויט־אורטיילן אויף „שמאַל־

צאָווגיקעס״ און מען האָט זיי טאַקע תיכף ליקווידירט? מעגלעך, אַז יאָ. מעגלעך...

דאַקעגן ווייס איך דאָס זיכער, אַז עס איז ריכטיק די דערציילונג, וועלכע איך האָב איבערגעגעבן אין איינעם פון די קאַפּיטלען, וועגן פּויליש אונטערערדישן געריכט, וואָס האָט יאָ עקזיסטירט און אַזעלכע אור־טיילן באַמיט זיך נישט אַרויסצוטראָגן און נישט אויספירן, און אַז דווקא די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דאָס געריכט אויסגעבילדעט און מיט אים אָנגעפירט, האָט געהאַט די גרעסטע און דעצידירנדיקע השפּעה אויף דער פּוילישער געזעלשאַפט.

ווייל לאָמיר זיך פאַרטראַכטן:

אַ קאָלאַבאָראַציע בפרהסיא האָט סוף־כל־סוף געהערט אין פּוילן צו די זעלטענע דערשיינונגען. אין גרעסטן רוב פאַלן האָבן די פּוילישע מיט־העלפער פון געשטאַפּאָ געטאָן זייער שמוציקע מלאכה בסוד־סודות, מאַס־קירט זיך, פאַרשטעלט זיך מיט פרעמדע נעמען. צוליב וואָס און ווען האָבן זיי אַזוי געהאַנדלט? דער עיקר — אויס מורא פאַר דער אונטער־ערד מיט אירע געהיימע משפּטים, מיט די טויט־אורטיילן, וואָס פלעגן אויסגעפירט ווערן שטרענג און פּינקטלעך.

פאַרוואָס, אַלזאָ, האָבן די „שמאַלצאָווניקעס״ און אַלערליי אַנדערע שאַנטאַזשיסטן, די געלט־ און בלוט־צאַפּער ביי יידן — נישט מורא גע־האָט צו טאָן זייער „אַרבעט״ פראַנק און פריי? פאַרוואָס האָבן זיי זיך אָפן אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, געטשאַטעוועט אויף די ראָגעס, פאַר־טשעפּעט אָפטמאָל אויך פּאָליאַקן — „ריינע אַריער״ — וואָס האָבן צום שלימזל געהאַט אַ „שלעכטן אויסזען״, אַ לאַנגע נאָז מיט אַ הויקער, אָדער שוואַרץ־געקרייזלטע האָר און אומעטיקע אויגן? איז זיי דען נישט איינ־געפאַלן, אַז זיי קאָנען זיך לייכט אָנשטויסן אויף אַן אָנגעהעריקן צו דער אונטערערד און אַזוי אַרום זיך אויסגעבן אַלס בפירושער קאָלאַבאָראַ־טאָר?

אויף די אַלע קשיות קאָן געגעבן ווערן דער איין־און־איינציקער ענט־פער: דער „שמאַלצאָווניק״ האָט געפילט אַרום זיך אַן אַטמאָספערע פון סימפּאַטיע, ער האָט געזען די רעאַקציע פון דער פּוילישער גאַס אין מאַ־

מענט, ווען ער האָט געפּאַקט אַ „זשיד“, אָדער „זשידוווע“, ער האָט גע־ווּסט, אַז די געזעלשאַפֿט שעלט אים נישט, נאָר זי בענטשט אים און אַז אויך מצד דער אונטערערד דראָט אים כמעט גאָרנישט...

און עס זיכער אמת, אַז פרוי נינאַ הערמאַן האָט באַקומען פון דער אונטערערדישער פּוילישער אָרגאַניזאַציע די תשובה, אַז ווען זי ווערט דערשאָסן צוליב יענעמס מסירה, וואָלט ער אָפּגערוימט געוואָרן.

נאָר — ווער וואָלט נאָך איר אומקום אַריינגעטראָגן די אָנקלאָגע? און ווו וואָלט מען גענומען די נייטיקע צוויי עדות?

3.

אין אַפּריל 1946 בין איך צוריקגעקומען פון מאָסקווע קיין וואַרשע צוזאַמען מיט די דיכטער רחל קאָרן און יוסף רובינשטיין און מיטן זשור־נאַליסט פון „מאָמענט“ יצחק באָרענשטיין. צוליב עפּעס אַ מיספאַרשטענ־דעניש האָט דער צוג מאָסקווע־בערלין אָפּגעשטעלט זיך ווייט הינטער וואַרשע און מיר האָבן דאָרט געמוזט אויסשטייגן. זוכנדיק אַן אויטאָ, וואָס זאָל אונדז ברענגען אין שטאָט אַריין, האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ פּוילישן באַן־וועכטער, וועלכער האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט מיט אַ ביקס אויפן אַקסל.

עס האָט פון אים געשטונקען פון שלעכטן בראָנפן און פון אַזעלכע רייד:

— איר זענט געקומען מיט די וואַנקעס (געמיינט די רוסן)? איר האַלט מיט זיי, הייסט עס? (ער האָט, אַפּנים, נישט דערקענט, ווער כ׳בין) נו גוט... וועט איר האָבן אַ מיאוסן סוף צוזאַמען מיט זיי... און צוזאַמען מיט די „זשידעס“, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן און וואָס קריכן איצט אַרויס פון אַלע לעכער... דערווייל מוזן מיר שווייגן, ווייל וואַנקע הערשט ביי אונדז און וואַנקע באַזיצט גוטע האַרמאַטן...

דאָס איז געווען דער ערשטער פּאָליאַק, מיט וועלכן איך האָב זיך נאָך 7 יאָר צונויפגעטראָפן אויף פּוילישער ערד.

דערנאָך האָב איך זיך געטראָפן מיט אַנדערע פּאָליאַקן. אין חרובן וואַרשע האָב איך לאַנג געזוכט אַ צימער און ענדלעך געפונען אין דער

דירה פון אַ פּוילישן זשורנאַליסט, אין אַ הויז באַוווינט פון בלויז פּאַ־ליאַקן.

אַ שטאָך אין האַרצן האָט מיר געגעבן, ווען איך האָב אַ בליק געטאָן אויפן שילדל מיטן נומער פונעם הויז און דערזען, אַז דאָס הויז געהערט צו אַברהם געפּנער, דעם לאַנגיעריקן פּאַרזיצער פון יידישן סוחרים־פּאַר־באַנד אין וואַרשע. צו אברהם געפּנער, וועלכער האָט אין דער אימהדי־קער געטאָ־צייט זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון העכסטער נאַציאָנאַלער העלדישקייט.

אין היינטיקן וואַרשע איז דער נאָמען פון אברהם געפּנער פאַרבליבן נאָר און אויסשליסלעך אויפן שילדל מיטן נומער פונעם הויז נומער 10 אויף דער סמוליקאָווסקעגאָ־גאַס, נעבן ווייסל־ברעג...

אַנדערטהאַלבן יאָר האָב איך געוווינט אין אַ הויז, וואָס אַ ייד האָט אויסגעבויט — פּאַר פּאַליאַקן. געטראָפן זיך מיט פּוילישע לאַקאַטאָרן טאָג־טעגלעך, געפירט מיט זיי שמועסן, וויכוחים. כ׳בין אָפט געפאָרן קיין לאָדזש, געווען אויף קבר־אבות אין מאַידאַנעק און אָשוויענטשים. מיט הונדערטער פּאָליאַקן באַגעגנט זיך אין די באַנען און אויטאָבוסן, אין די קאַפע־הייזער און אין רעסטאָראַנען, אויף פאַרזאַמלונגען און קאָנפע־רענצן. אָנגעהערט צום פּוילישן זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד און באַקענט זיך מיט די מיינונגען פון פּוילישע קאָלעגן. כ׳האָב זיך איינגעהערט אין די ווערטער פונעם פּוילישן פריזירער, וואָס האָט מיך ראַזירט, פון פּוילישן סוחר, וועלכער איז אַרויפגעקומען אין אַמאָליקן געוועלב, פון פּוילישן אינטעליגענט און האַלב־אינטעליגענט. כ׳האָב געהערט זייערע ווערטער און אַריינגעטראַכט אין זייערע טראַכטענישן. און איבערצייגט זיך:

נישטאָ אין פּוילן דער פּאַליאַק, וואָס זאָל אייך נישט דערציילן וועגן יידן, וועלכע ע ר אַ ל יי ן האָט געראַטעוועט.

נאָר — ווו זענען דאָס די געראַטעוועטע?

אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן פלעגט מען דערציילן אַזאַ ווערטל:

— איר ווייסט, אַז אייגנטלעך פעלט נאָך אין פּוילן אַ... 17 מיליאָן יידן?

— פאַרוואָס עפּעס?

— ווייל מיט וועלכן פּאָליאַק איר זאָלט נישט רײדן, דערציילט ער אײך, אַז אַלע יידן האָט ער טאַקע פיינט, נאָר א יי ן ייד האָט ער גערן. דאָס איז זיין שכן, זיין סוחר, שוסטער אָדער שניידער; אָט דער־אָ „מאַשעק" זיינער איז זייער אַ ווילער, ערלעכער און פיינער ייד. אַלע איבעריקע יידן — טויגן נישט, נאָר זיין „מאַשעק" איז גוט. נו, איז אויב יעדער פּאָליאַק האָט זיך זיינס אַ „מאַשעק", וועלכן ער האָט ליב, און פּאָ־ליאַקן זענען פאַראַן אַ 20 מיליאָן, פעלט דאָך צו די 3½ מיליאָן יידן נאָך אַ 17 מיליאָן „מאַשעקס", כדי ס'זאָל סטאַיען פאַר אַלע פּאָליאַקן...

זאָגן איצט די יידן, וועלכע האָבן די אָקופּאַציע איבערגעלעבט אויף אַרישער זייט:

— וואָלט כאָטש דער פּאָליאַק געמיינט ערנסט מיט דער „ליבע" צו זיין „מאַשעק". און אים — אויב שוין נישט באַשיצט און געשטיצט — נאָר לכל־הפחות געווען גייטראַל, נישט געמסרט און נישט אויסגעליפערט אים צום טויט. אָ, וויפל יידן וואָלטן דעמאָלט אין פּוילן פאַרבליבן!

4.

ווי איך האָב דערמאָנט, בין איך קיין וואַרשע צוריקגעקומען צוזאַ־מען מיטן „מאָמענט"־זשורנאַליסט יצחק באַרענשטיין. ער איז געווען צווישן אונדז דער גליקלעכסטער: האָט געהאַט אַן אַדרעס, וווהין אַריינ־צוגיין. שוין קיין מאָסקווע האָט צו אים דערלאַנגט די פריידיקע בשורה, אַז זיין שוועסטער האָט זיך געראַטעוועט. זי וווינט אין דער פאָרשטאָט פון וואַרשע — אין גראָכאָוו, און הייסן הייסט זי — אַליציאַ זאַוואַדזקאַ. זי האָט, אַלזאָ, איבערגעלעבט „אויף אַרישע פּאַפּירן" און דערווייל נאָך פאַרבליבן ביים „אַרישן" נאָמען.

יצחק באַרענשטיין איז דעריבער גלייך אַוועקגעפאָרן קיין גראָכאָוו, צו דער שוועסטער זיינער. און אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען זיין אַריינקומען אין דער ערשטער פּוילישער דירה — אויף פּוילישער ערד.

ער האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר פון אַן אָרעם וווינונגל אין אַ קליין פּעריפעריע־הייזל און דערזען אינעווייניק עטלעכע פּוילישע עלטע־

רע פרויען, שכנטעס, זעט אויס, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אויף צו „מוטלען". דערהערנדיק דעם טיר־סקריפּ — האָבן די פרויען אויסגע־דרייט די קעפּ און אָנגעשטעלט אויפן אַריינקומענדיקן אויגן, אָנגעפולטע מיט נייגיר. באַרענשטיין האָט גאָר „נישט קיין גוטן" אויסזען און שווער נישט צו דערקענען, ווער ער איז. האָט ער גלייך דערפילט דעם חידוש:

— ווי קומט עפּעס דאָ אַהער אַ יידָ?

— וועמען זוכט איר דאָ? — האָט איינע פון די עלטערע פרויען קאַלט און האַרט געפרעגט.

— צי וווינט דאָ אַליציאַ זאַוואַדזקאַ?

— יאָ, זי וווינט דאָ, אָבער זי איז אַרויסגעפאָרן אויף עטלעכע טעג... אָבער צו וואָס דאַרפט א י ר זי האָבן?

— איך בין איר ברודער...

ווי אַ דונער וואָלט אַריינגעפאַלן אינעם ענגן דירהלע אויפן גראַ־כאָוו, אַלע פרויען האָבן צוזאַמען אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש. די פרוי, וואָס האָט געשטעלט די פראַגן, זעט אויס די באַלעבאַסטע פון דער וווינונג, האָט פאַרגלאָצט די אויגן און איז געפאַלן אין חלשות. אַנשטאָט צו ראַ־טעווען זי האָבן די איבעריקע פרויען זיך אויפגעהויבן פון די שטולן און זיך גענומען אַריינפּאַקן אין דער טיר אַריין, כדי וואָס שנעלער אַרויס־צוקריגן זיך אין הויז אַריין. באַרענשטיין איז דאַן אַריין אין קליינעם קיכל און געבראַכט פון דאָרט אַביסל וואַסער, כדי צו דערמינטערן די פאַרחלשטע. זי האָט געעפנט די אויגן, געקוקט אויף אים מ'יט שטוינונג און געשעפּטשעט:

— אָ לאַ באָגאַ... אָ לאַ באָגאַ... יעזושיע קאָכאַני... טייערער יעזוס מיינער, ווער וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז פּאַננאַ אַליציאַ איז נישט קיין פּאָלקע, נאָר אַ זשידוווקע...

דערווייל האָט זיך אויף די שטיגן דערהערט אַ טופּעניש פון צענד־ליקער שיך. אַלע שכנים פון הויז האָבן אָנגעהויבן אַריינצושטעקן די קעפּ, כדי מיט די אייגענע אויגן אָנצוקוקן דעם ברודער פון דער „פּאַננאַ אַלי־ציאַ", וועלכע האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן צו זיין אַ „זשידוווקע"...

ווען באָרענשטיין האָט זיך ענדלעך געטראָפן מיט דער שוועסטער זיינער, האָט ער איר געפרעגט:

— און די באַלעבאָסטע דיינע האָט טאַקע נישט געטאָרט וויסן, אַז דו ביסט אַ יידישקע?

— אַוודאי האָט זי נישט געטאָרט... נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב שווער געהאָרעוועט און זי כמעט איינגאַנצן אויסגעהאַלטן פון מיין אַרבעט, האָט אָפילו אַ שפור פון חשד נישט געטאָרט אַנטשטיין אין איר מוח, ווייל אויב נישט זי אַליין, וואָלט זיך שוין געפונען צווישן די שכנים דער, וואָס וואָלט געמסרט צו געשטאַפּאָ...

***

ווען עמיץ שטעלט היינט דער אַלטער גויע אויפן גראָכאָוו אַ שאלה:

— וואָס האָט איר געטאָן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע? — וואָלט זי תיכף געענטפערט: איך האָב געראַטעוועט יידן. ביי מיר האָב איך אויסבאַהאַלטן די שוועסטער פון יידישן זשורנאַליסט באָרענשטיין, דאָס לעבן פאַר איר איינגעשטעלט... און זי אָפּגעראַטעוועט אויך...

צווישן דעם אָרעמען ביסל לעבנגעבליבענע אויף דער אַרישער זייט זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע אַליציאַ זאַוואַדזקאַס. געראַטעוועטע ביי פּאָליאַקן, אָבער נישט דורך פּאָליאַקן.

5.

פון דעם אַלעם, וואָס כ'האָב אין זיך איינגעזאַפּט בעת מיין צוזאַמענלעבן מיט די פּאָליאַקן נאָך דער מלחמה, איז מיר אויך קלאָר געוואָרן אָט־וואָס:

נישטאָ ביי די פּאָליאַקן קיין שום געפיל פון חרטה פאַר די מעשים לגבי יידן. אַזאַ געפיל קומט אַלנפאַלס אויסערלעך נישט צום אויסדרוק. דער מאַנגל אין חרטה־געפיל איז אַ דירעקטער פועל־יוצא דערפון, וואָס די פּאָליאַקן זענען זיך בפרהסיא נישט מודה צו קיין שולד. זיי זענען גאָט די נשמה שולדיק. די נאַציס האָבן געמאָרדעט, די אוקראַינער, לעטן, ליטווינער — געהאָלפן, אָבער זיי? זיי האָבן געראַטעוועט...

איז דער פּאָליאַק זיך נישט מודה צו קיין זינד, קאָן ער במילא נישט האָבן קיין חרטה און דאַרף ער נישט טראַכטן וועגן אָפּוואַשן פון זיך דעם פלעק. שאַפט זיך ביי אים דער שולד־קאָמפּלעקס, וועגן וועלכן עס שרייבט אַזוי פיל פּראָפעסאָר פרויד.

איינער פון אונדזערע פּסיכאָלאָגן, וועלכער איז אויך אַ באַגאַבטער שרייבער און קריטיקער, ד״ר יחיאל האָפער, האָט אין אַ ריי אַרטיקלען אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט ליידט אויף אַ שולד־קאָמפּלעקס לגבי דעם יידישן פאָלק און אַז „דאָס נישט באַפרייען זיך, נישט אָפּרייניקן זיך פונעם שולד־געפיל ציט נאָך זיך אַ גאַנצע קייט פון אַלץ גרעסערע פאַרברעכנס״. דערוויַיזנדיק, אַז דורכן אומקערן דעם יידישן פאָלק זיין אַלט פאָטערלאַנד האָט די מענטשהייט באַקומען די מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון אָט דעם קאָמפּלעקס, שרייבט ד״ר האָפער צווישן אַנדערן אַזוי:

„דאָס, וואָס מען האָט נישט געצוווּנגען די דייטשן אָפּצורייניקן זיך פונעם זינד־געפיל, פונעם געפיל, אַז זיי זענען די שולדיקע אין אַרויס־רופן דעם ערשטן וועלט־קריג; דאָס, וואָס מען האָט דערלויבט די דייטשן צו לעבן אין ליגנס, וואָס מען האָט זיך צוגעהערט צו זייערע פאַרפידע באַ־הויפּטונגען, אַז נישט זיי האָבן אונטערגעצונדן די וועלט־שריפה, — האָט גורם געווען און דערפירט צום היטלער־פאַרברעך. די וועלט גיט זיך נאָר־נישט אָפּ קיין חשבון דערפון, וויפל פאַרברעכנס זי וואָלט זיך געקאָנט איינשפּאָרן און וואָס זי וואָלט געהאַט צו פאַרדאַנקען די יידן, ווען זי נוצט אויס די געגעבענע איר געלעגנהייט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די לאַסט פון שולד־קאָמפּלעקס״ (געמיינט: דורך שאַפן אַ יידישע מדינה).

אויף אַ צוזאַמענטרעף פון שרייבער מיט די וויסנשאַפטלעכע מיט־אַרבעטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש האָט ד״ר האָפער אַן ענלעכן געדאַנק אַרויסגערוקט אויך לגבי די פּאָליאַקן.

— די פּאָליאַקן — האָט ער געזאָגט — האָבן זיך נישט באַפרייט פון שולד־קאָמפּלעקס לגבי די יידן. נישט אַלס פאָלק און נישט, ווי יחי־דים. און ווער עס ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ פאַרוויסטונג אין דער פּסי־כיק פון אַ מענטש עס רופט אַרויס דאָס געפיל פון שולד לגבי וועמען —

זאָל שטודירן די ווערק פון פּראָפעסאָר פרויד. און ווער עס ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ פּאַרוויסטונג אַזאַ געפיל מאַכט אָן אין אַ פאָלקס־אָרגאַניזם, דער זאָל פּאַמעלעך און מיט דבקות שטודירן די געשיכטע פון זיין אייגן פאָלק״...

— דער פּאָגראָם אין קעלץ — האָט נאָך ד״ר האָפער צוגעגעבן — איז אויך געקומען אין רעזולטאַט פון שווערן שולד־קאָמפּלעקס לגבי די יידן.

***

אין איינער פון די פיל קאָרעספּאָנדענצן, וואָס איך האָב געשיקט פון פּוילן אין אַ ריי יידישע צייטונגען אין אויסלאַנד, האָב איך געהאַט דער־ציילט פאָלגנדיקע אמתע געשיכטע:

אַ יידישע פרוי האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע־צייט ביי אַ פּוי־לישער פרוי אין פּראַגע. פיל מאָל האָט זי, ליגנדיק באַהאַלטן אינעם קליינטשיקן קעמערל אין אַ ווינקל פון בוידעם, געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט אייגנטלעך באַוויגן די פּוילישע פרוי זי אויסצובאַהאַלטן און דערנערן. קיין סך געלט האָט די יידישע פרוי נישט פאַרמאָגט, נישט דאָס האָט, אַלזאָ, געקאָנט זיין דער מאָטיוו פון יענערס טאַט. נאָר וואָס דען?

אַ צופאַל האָט אַנטפּלעקט דעם סוד. ווען ס׳האָט שוין מיט מזל גע־האַלטן דערביי, אַז אַ ליאַדע טאָג זאָלן די דייטשן פאַרטריבן ווערן פון וואַרשע, איז דער יידישער פרוי אויסגעקומען נישט ווילנדיק אונטערצו־הערן אַ געשפּרעך צווישן איר רעטערין און עפּעס אַ פּוילישער שכנטע.

— איר זענט אַלע געווען חכמים — האָט די איידעלע רעטערין גע־טענהט צו יענער — און צוגעלייגט אייערע הענטלעך צום פּטור ווערן פון די „זשידעס״. גוט, געטאָן. בפרט נאָך, ווען מ׳ען האָט זיך דערביי גאַנץ פיין „אָבלאָוויעט״ (פאַרדינט)... אָבער קליגער פאַר מיר איז קיינער נישט געווען. אַהאַ... איך האָב מיר באַהאַלטן אויפן בוידעם אַ „זשידוווע״. איר הערט? אַ „זשידוווע״. איצט, אַז מ׳ען וועט נאָר אַרויסטרייבן דעם דייטש, וועל איך מיר אַרויסנעמען פון בוידעם מיין יידישקע און... וואָס מיינט איר, ס׳וועט זיין אַ שלעכט געשעפט צו פאַרמאָגן די איינציקע יידישקע

אין אייראָפּע? מען האָט דאָך זיי אַלע אויסגעראָטן, ווי די מייז. אַלע ביז איינעם... יאָ, ביז די איינע, וואָס איך האָב מיר באַהאַלטן. וועל איך די דאָזיקע זשידוווקע אַרומפירן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, נאָט אייך, קוקט און צאָלט פאַר איינטריטס־בילעטן. אַ שלעכט געשעפט וועט דאָס זיין? וואָס?

האָט ערשט דעמאָלט די יידישע פרוי פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איר הער־מאַניטאַרע רעטערין האָט איר אַזוי לאַנג געגעבן בחינם צו עסן...

אָט די געשיכטע האָב איך דערציילט אין איינער פון מיינע קאָרעס־פּאָנדענצן.

איז דעמאָלט די צייטונג, וואָס איז אין לאָדזש אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יידיש דורך דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַרויס מיט אַן אַרטיקל קעגן מיר און מיך פאַרמסרט, אַז איך — באַשמוץ דאָס פּוילישע פאָלק אין אויסלאַנד. „דער ה׳ לענעמאַן — האָט די „פאָלקס־שטימע״ געשריבן — ווייסט און וויל נישט דערציילן וועגן הונדערטער און טויזנ־טער פּוילישע אַרבעטער און פּויערים, וועגן אינטעליגענטן־דעמאָקראַטן, וועגן טיף־גלייביקע קאַטאָליקן, וועלכע האָבן געראַטעוועט יידן נאָר מחמת זייער באַוווסטזיין פון קאַמף קעגן היטלעריזם, אָדער צוליב הומאַניטאַ־רער מענטשלעכער באַציאונג. דאַקעגן דערציילט לענעמאַן יאָ וועגן אַ פּאָלקע, וואָס האָט געראַטעוועט אַ יידישע פרוי נאָר צוליב מאָטיוון פון מאַטעריעלן נוצן. ווי קאָן מען אָנרופן אַזאַ אופן פון אינפאָרמירן, אויב נישט באַוווסטזיניק ווארפן שמוץ אויפן פּוילישן פאָלק?״...

ביים פאַרענדיקן אָט די קאַפּיטלען טראַכט איך איצט וועגן יענעם אַרטיקל פון דער יידיש־קאָמוניסטישער צייטונג אין פּוילן און איך פרעג ביי זיך און ביים לייענער:

— צי האָב איך טאַקע באַשמוצט? צי הייסט — שרייבן דעם אמת: באַשמוצן?

און איך דערמאָן זיך די טרעפלעכע באַמערקונג, וואָס דער שוין ציי־טירטער דורך מיר יחיאל האָפער האָט געמאַכט אויף דער דערמאָנטער באַראַטונג פון יידישע שרייבער און היסטאָריקער:

— וויכטיק איז אויך דאָס, וואָס יידן טוען גאָרנישט, כדי צוצוהעלפן

די פּאָליאַקן זיך צו באַפרייען פון שולד־קאָמפּלעקס. די יידן רוקן נישט אַרויס קיין שום טענות צו די פּאָליאַקן (אין דער ליטעראַטור, למשל); פאַרקערט, די יידן פאַרבאָרגן גאָר די מעשים פון די פּאָליאַקן און באַהאַלטן, טראָגן די תרעומות טיף אין האַרצן, אַנשטאָט זיי אַרויסצוברענגען. נישט צוהעלפנדיק די פּאָליאַקן ביים באַפרייען זיך פון שולד־קאָמפּלעקס טוען די יידן זיי (און זיך) — אַ בערישע טובה...

ד״ר האָפער האָט, אמת, גערעדט אין אַ פּאַראַלגעמיינערטער פאָרם: „זיי, די יידן, טוען גאָרנישט״..., ווייל ער איז קודם־כל אויסן געווען אַרויסצוברענגען דעם פּראָבלעם גופא פון שולד־קאָמפּלעקס, וואָס איז וויכטיק און אינטערעסאַנט פון ריין־פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט אויך.

די אָנטיילנעמער אין דער באַראַטונג האָבן אָבער אויסגעצייכנט געוווסט, אַז נישט וועגן אַלע יידן האַנדלט עס זיך. נישט אַלע יידן אין פּוילן וואָלטן וועלן טאָן די פּאָליאַקן אַזאַ „בערישע טובה״, ווי דאָס רופט אָן דער פּסיכאָלאָג.

די יידן, וועלכע האָבן געלעבט אויף דער אַרישער זייט, וואָלטן וועלן דערציילן וואָס מער, זיי ווילן שרייען, אַלאַרמירן, באַשולדיקן, מאָנען יושר, פאָדערן אַ שטראָף פאַר די שולדיקע.

זיי שווייגן אָבער.

און מוזן שטומערהייט צושאָקלען מיט די קעפּ, ווען אַזאַ איינער קלאַפּט זיך מיט דער פויסט אין דער ברוסט און שרייט: — איך האָב געראַטעוועט!

ווייל אַנדערש וואָלט עס געהייסן, אַז זיי „באַשמוצן דאָס פּוילישע פאָלק״.

און זאָל לסוף צום שבח פון פּוילישן פאָלק געזאָגט ווערן:

עס איז נאָך קיין איין פּ ו י ל י ש ע ר שרייבער, קיין איין פּ ו י ל י ש ע ר זשורנאַליסט אין איצטיקן פּוילן נישט געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז ער זאָל אונטערנעמען זיך אויפצווייזן די ראָל, וואָס פּאָליאַקן האָבן געשפּילט אין דער אַקציע פון אומברענגען דאָס פּוילישע יידנטום.

די איינציקע פּעדערס, וועלכע האָבן ביז איצט אַזעלכע פּאַרטיידי־קונגס־ווערטער אָנגעשריבן, שטעקן אין די הענט פון יידישע קאָמוניסטן.

6.

די ערשטע האָבן נאָכן חורבן גענומען זיך צו דער הייליקער אַרבעט פון פאַרייביקן אין שריפט די תקופה פון אומקום — די היסטאָריקער. צו־נויפגעזאַמלט האָבן זיי די דאָקומענטן, פאַרשריבן גביית־עדותן, געמאַכט סטאַטיסטיקן און וויסנשאַפטלעכע אויספירן. זייער אַרבעט דויערט און דאַרף דויערן — פאַר דער געשיכטע.

דערנאָך האָבן צו דער אַרבעט זיך געשטעלט — די שריפטשטעלער. אין אַ קינסטלערישער פאָרם ראַמען זיי איין און פורעמען אויס אַרטיס־טיש דאָס גרויזאַמע און טראַגישע פּנים געשעענעם, די דערהויבנקייט און געפאַלנקייט, דאָס ריין הומאַניטאַרע און אויך דאָס חיהשע, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט און אויפגעלייזט איבעם מענטשן גופא. דאָס טוען זיי און דאַרפן טאָן — פאַר דער אייביקייט.

האָט אויך דער זשורנאַליסט געוואָלט צוטראָגן זיין באַשיידענעם צו־שטייער. אַחוץ דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון באַריכטן וועגן דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזען און געהערט אין נאָך־חורבנדיקן פּוילן — אין דער צייט פון אַפּריל 1946 ביז אָקטאָבער 1947 — האָב איך אויך צונויפ־געזאַמלט מאַטעריאַל, לויט מיינע מעגלעכקייטן, וועגן דעם ווי אַזוי יידן האָבן געליטן „אויף דער אַרישער זייט“, ווו זיי האָבן זיך געפונען צווישן פּאָליאַקן און געפילט זיך ווי צווישן וועלף און היענעס.

**
*

און נאָכמער נוצלעך און נייטיק איז מיר אויסגעקומען צו פאַרציי־כענען און פאַרפיקסירן די אַלע מאַטעריאַלן נאָכדעם ווי איך האָב פאַר־לאָזן פּוילן און זיך באַזעצט אין פּאַריז. אויך דאָ איז נאָך פריש אין זכרון געווען ביי אַלעמען די נאַר־וואָס איבערגעלעבטע שוידער־תקופה פון דער נאַציסטישער אָקופּאַציע. אויך דאָ, אין פראַנקרייך, האָבן יידן געליטן.

אויך פון פּאַריז האָט מען פאַרשלעפּט יידן צו דעפּאָרטאַציע, צו אומקום. אויך דאָ האָט אייגנטלעך עקזיסטירט אַן „אַרישע זייט“.

נאָר גלייך די ערשטע דערציילונגען, וואָס כ'האָב געהערט און באַלד די ערשטע פאַקטן, וואָס כ'בין וועגן זיי געוווּיר געוואָרן פון עדי־ראיה, האָבן מיך איבערצייגט, אַז אין פראַנקרייך איז עס געווען גאָר, גאָר אַנ־דערש ווי אין פּוילן. און אַז די פראַנצויזן האָבן אויף אַ גאָר, גאָר אַנדערן אופן זיך באַצויגן צו די גערודפטע יידן. און דאָס האָט מיך באַפעסטיקט אין מיין טיפער איבערצייגונג, אַז — אויך אין פּוילן וואָלט עס זיך גע־קאָנט פאַרלויפן גאָר אַנדערש. ווען דער פּאָליאַק וואָלט בעצם געווען אַן אַנדערער.

האָב איך איינע פון מיינע ערשטע קאָרעספּאָנדענצן, אַרויסגעשיקטע פון פּאַריז אין יאַנואַר 1948, געווידמעט אָט דעם פאַרגלייך, וועלכער דאַרף אַריינגעשטעלט ווערן אַלס נאָך איין פּאָזיציע אינעם לאַנגן חשבון, וואָס ציט זיך און וועט זיך נאָך ווייטער ציען — צווישן יידישן און פּוי־לישן פאָלק. דאָס איז גלייכצייטיק אויך אַ פּאָזיציע אינעם חשבון צווישן יידישן און פראַנצויזישן פאָלק.

אָט איז די קאָרעספּאָנדענץ, דער פאַרגלייך:

צוויי מענטשן — צוויי פעלקער?

אַנשטאָט אַ בריוו פון פּאַריז — אַ פּעליעטאָן אַזאַ

אין די הויפּטשטעט פון צוויי אייראָפּעיִשע מלוכות זענען צוויי מענטשן על־פּי־צופאַל, אָדער בעסער געזאָגט — צוליב נאָך־אָקופּאַציע־פאַרפּלאָנטערנישן — אין אַ געוויסן טאָג געשטעלט געוואָרן אין דער זעלבער, גאַנץ אויסטערלישער לאַגע. ביי די זעלבע אָביעקטיווע און אַפילו סוביעקטיווע באַדינגונגען — האָבן די צוויי מענטשן געהאַנדלט גאַנץ אַנדערש, און וועגן דער דאָזיקער אַנדערשקייט איז טאַקע כדאַי צו דער־ציילן און איבער איר ווערט זיך צו פאַרטראַכטן:

היינטער פּאַריז

ווען דער פראַנצויזישער פּאָסט־באַאַמטער פּיער לאַנסואַ איז צוריק־געקומען אין זיין היים־שטעטל, נישט ווייט פון פּאַריז, פון דייטשן פּלען, וואוהין ער איז אַריינגעפאַלן אַ שווער פאַרוואונדעטער בעת דער טראַגישער קאַמפּאַניע אין יאָר 1940, האָבן אים אַלע אויפגענומען, גלייך ווי ער וואָלט געקומען פון יענער וועלט.

— איר לעבט גאָר? — האָבן זיך אַלע געחידושט — און דער ווירט פונעם הויז וו איר האָט פאַרן קריג געוווינט, האָט דאָך אַלעמען דער־ציילט, אַז איר זייט „געפאַלן אין פראַנקרייך"...

אַרויסגעוויזן האָט זיך דאַן, אַז די פראַנצויזישע מיליטערישע מאַכט האָט על־פּי־טעות אַריינגערעכנט פּיער לאַנסואַ צווישן די אומגעקומענע אויפן פראָנט און וועגן זיין „העלדישן טויט" געמאָלדן דעם באַלעבאָס פון זיין דירה, ווייל קיין נענטערע קרובים האָט ער — דער איינזאַמער — נישט פאַרמאָגט.

נו, האָבן פריינד און באַקאַנטע געמאַכט אַ „לחיים" לכבוד דעם „תחיית־המתים" פונעם פּאָסט־באַאַמטן און ער האָט זיך צוריק גענומען צו זיין אַרבעט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז פּיער לאַנסואַ אַוועק צו דער מיליטערישער מאַכט, כדי דאָרט פאָרמעל דורכצופירן זיין תחיית־המתים און אַרויסצובאַקומען דעם געהעריקן דאָקומענט.

האָט זיך אָבער דאַן אַרויסגעשטעלט, אַז נישט בלויז ער איז בשעתו אויסגעמעקט געוואָרן פון צווישן די לעבעדיקע, נאָר ס'זענען פון די אַר־כיוון בכלל נעלם געוואָרן אַלע זיינע דאָקומענטן. פאַרשטייט זיך, אַז דער באַאַמטער האָט גענומען נענטער פאַרשן דעם געהיימניספולן ענין און דע־מאָלט האָט אים דער ממונה איבערן מיליטערישן אַרכיוו בסוד־סודות דערציילט דעם אמת:

לאַנגע יאָרן האָט ער, דער אַרכיוו־פאַרוואַלטער, זיך געהיילט ביי אַ יידישן דאָקטער אין פּאַריז. דער דאָקטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסע מעלות און ער האָט אים געשעצט און שטאַרק ליב באַקומען.

ווען ער איז אַמאָל, אין דער שוואַרצער אָקופּאַציע־תקופה, געקומען

צום דאָקטער זיינעם, איז ער געוואויר געוואָרן, אַז דער דאָקטער ווערט גע־זוכט דורך געשטאַפּאָ און מוז זיך באַהאַלטן. דעם דאָקטערס נאָענטע האָבן נאָך צוגעגעבן, אַז ווען ס׳געלינגט צו שאַפן פאַרן דאָקטער „לינקע דאָקו־מענטן״, וואָלט אים פיל לייכטער געווען זיך צו ראַטעווען.

וואָס טוט דאַן דער אַרכיוו־לייטער? ער לויפט צו זיינע שענק מיט דאָקומענטן, נעמט פון דאָרט אַרויס די פּאַפּירן פון פּיער לאַנסואַ, וועגן וועלכן עס איז גראָד דעם זעלבן טאָג אָנגעקומען אַ מעלדונג, אַז ער איז געפאַלן — און טראָגט די דאָקומענטן אַוועק צו יענעם יידישן דאָק־טער.

פּיער לאַנסואַ הערט אויס שווייגנדיק די גאַנצע מעשה און בעט נאָר אויפצוגעבן אים דעם דאָקטערס אַדרעס.

אין עטלעכע טעג שפּעטער איז אין דאָקטערס קאַבינעט פאָרגעקומען אַזאַ געשפּרעך:

— איר זייט דער דאָקטער?...

— יאָ, איך בין עס, און מיט וועמען האָב איך דעם כבוד?

— איך הייס פּיער לאַנסואַ!

— ווער? ווער זייט איר? איר שפּאַסט, מיין הער? פּיער לאַנסואַ איז געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק...

— אַנו... נעמט אַרויס דעם דאָקומענט און וואַרפט אַ בליק אויף זיין אויפנאַמע. צי בין צו איר נישט ענלעך?...

מיט ציטערדיקע הענט האָט דער דאָקטער גענומען זוכן די דאָקו־מענטן, אָבער זעענדיק זיין אויפרעגונג, האָט דער באַאַמטער אים באַרו־איקט, דערקלערנדיק:

— חשובער דאָקטער! מיינט נישט, אַז איך בין צו אייך, חלילה, גע־קומען מיט בייזע כוונות. איך פיל זיך גליקלעך, וואָס אַדאַנק מיינע דאָ־קומענטן האָט אַ מענטש זיך געראַטעוועט פון די נאַצישע נעגל און נאָך דערצו אַזאַ ווערטפולער מענטש, ווי איר.

פּיער לאַנסואַ האָט צוריקבאַקומען זיינע פּאַפּירן און צווישן אים און דעם דאָקטער האָט זיך פאַרבונדן אַ פּאַדים פון אויפריכטיקער פריינד־שאַפט.

דער „העפּי־ענד" פון דעם באַשריבענעם פאַל וואָלט אונדז געשיינט צו זיין פּשוט, פאַרשטענדלעך און נאַטירלעך, ווען נישט דער פאַרלויף פון צווייטן פאַל, וועלכער האָט פּאַסירט

אין אַ געגנט הינטער וואַרשע.

די צווייטע געשיכטע איז ענלעך צו דער ערשטער. ענלעך און — נישט ענלעך: יאַנינאַ מאַראַווסקאַ, אַ פּאָלקע פון אַ פּריציש אינטעליגענטישער משפּחה, האָט זיך דאָ נישט לאַנג אומגעקערט קיין פּוילן פון דער מלחמה־עמיגראַציע אין ענגלאַנד. באַלד נאָכן אָנקומען קיין פּוילן איז זי אַוועק אין גמינע־אַמט אין דער געגנט הינטער וואַרשע, וווּ זי האָט געוווינט ביזן קריג און געבעטן זי צוריק איינצומעלדן. ווי דערשטווינט איז זי געוואָרן, דערהערנדיק, אַז „יאַנינאַ מאַראַווסקאַ איז שוין איינגעמאַלדן זייט אייניקע יאָרן און קיין אַנדערער קען מען דעריבער אונטערן זעלבן נאָמען נישט איינמעלדן"...

די דורכגעפירטע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די יידישע פרוי פייגע דינער האָט אין דער פינצטערער אָקופּאַציע־צייט פאַרשאַפן זיך „אַרישע דאָקומענטן", וועלכע האָבן זיך איצט אַרויסגעוויזן אַלס די אָריגינעלע פּאַפּירן פון דער דערמאָנטער יאַנינאַ מאַראַווסקאַ.

און — דאָ קומט דאָס כאַראַקטעריסטישע:

ווי, מיינט איר, האָט רעאַגירט די פרוי מאַראַווסקאַ? צי איז זי אויך צופרידן דערמיט, וואָס אַדאַנק איר דאָקומענט האָט אַ מענטש געראַטעוועט זיך דאָס לעבן?

כ'ווייס נישט צי זי איז יאָ, אָדער נישט געווען צופרידן.

דאַקעגן איז באַוווּסט, אַז זי האָט גענומען ביי פייגע דינער פאָדערן אַ ריזיקע געלט־סומע פאַר באַנוצן זיך מיט איר דאָקומענט. די יידישע פרוי האָט אָפּגעזאָגט אָן דאָס צוליב צוויי טעמים: קודם דערפאַר, וואָס זי האָט אַזאַ סומע נישט פאַרמאָגט, און צווייטנס, ווייל זי האָט דאָך בשעתו באַצאָלט דעם „מאַכער" וואָס האָט איר פאַרקויפט די דאָקומענטן, די געהעריקע, זיכער נישט צו קליינע, סומע.

יאַנינאַ מאַראַווסקאַ איז אָבער נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט די פרוי,

פייגע דינער, אָנגעקלאָגט פאַרן וואַרשעווער שטאָטישן געריכט לויט אַ פּאַראַגראַף אין שטראָף־קאָדעקס, וואָס זעט פאָר אַ גאַנץ האַרבע שטראָף פאַר „אַריינפירן אין אַ טעות דורך באַנוצן זיך מיט דאָקומענטן פון אַן אַנדערער פּערזאָן".

בעתן פּראָצעס אין וואַרשע, האָט פייגע דינערס פאַרטיידיקער, דער אַדוואָקאַט יודקאָווסקי, איבערצייגט דאָס געריכט, אַז די האַנדלונג פון דער יידישער פרוי קען נישט באַטראַכט ווערן אַלס פאַרברעכן, ווייל זי האָט דאָס געטאָן אין „באַדינגונגען פון העכסטער נויטווענדיקייט". דער קאָדעקס־פאַרפאַסער האָט נישט געקענט פאָרויסזען אַזאַ אויסטערלישע לאַגע, ווי די דייטשע הענקער האָבן געשאַפן פאַר דער יידישער באַפעלקע־רונג אין פוילן, און מען קען דעריבער נישט אָנווענדן געגנוי די קאָדעקס־פאַרשריפטן לגבי דער אָקופּאַציע־צייט.

דאָס געריכט האָט טאַקע פרייגעשפּראָכן פייגע דינער, פאַרווערנדיק איר בלויז אויף להבא צו באַנוצן זיך מיט די דאָקומענטן פון יאַנינאַ מאַ־ראַווסקאַ. דאָס געריכט האָט אָנערקענט, אַז די נישט־עכטע יאַנינאַ מאַ־ראַווסקאַ איז ריין פון יעדער שולד. אָבער ווער וועט ריינוואַשן דאָס גע־וויסן פון דער עכטער יאַנינאַ מאַראַווסקאַ?

***

ביידע באַשריבענע פאַלן זענען אויטענטישע. פּיער לאַנסוא איז אַ לעבעדיקער מענטש, וואָס אַרבעט עד־היום אויף דער פּאָסט אין אַ שטעטל ביי פּאַריז און דער גרעסטעווערטער יידישער דאָקטער וווינט אין פּאַריז און האָט דאָ זיינס אַ קאַבינעט. דאָס איז, אגב, מיינס אַן אייגענער ברו־דער.

אויך יאַנינאַ מאַראַווסקאַ איז אַ לעבעדיקער נפש. איר פּראָצעס קעגן פייגע דינער האָב איך בייגעוווינט אין אַ וואַרשעווער געריכט, אייניקע טעג פאַר מיין פאַרלאָזן פוילן.

פאַרענדיק איך דעריבער מיין בוך מיט אָט דעם פאַרגלייך צווישן דער האַנדלונג פון צוויי מענטשן. צוויי מענטשן — צוויי פעלקער.

און אַ סך, אַ סך מחשבות.

— סוף —

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) **זרובבל** — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) **חיים גראַדע** — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער **געטאָ**

31) **שמחה פאליאקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פּאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פּאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פּאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**

(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַו פּאַולאָ, בראַזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר

(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)

80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)

84) **יוסף אַקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראַקע**)

95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן

(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערן

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפּט־מאַגנאַטן

(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס 1955).

102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)

105—106—107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פאַפּירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (**היסטאָרישער ראָמאַן**)

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — אין וואַרשע און אין לאָדזש

(פרעמירט מיט דער האָפּער־לייב־פרעמיע ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק 1956).

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות

(פרעמירט מיט דער מרדכי סטאָליאַר־פרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס 1956).

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
114) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון די ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) **אליעזר וויזל** — ...און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
(פּרעמירט דורך פּראָפ. הערש־פאָנד, ביים קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל (ראָמאַן)
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) **בער י. ראָזען** — פּאַרטרעטן
123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) **משה קאַגאַנאָוויטש** — די מלחמה פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען...
(פּרעמירט דורכן ב. אייסוראָוויטש־ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1957)
128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) **דוד פלינקער** — נייע צייטן (ראָמאַן)
131) **מ. י. שעליובסקי** — אין דער וועלט אַריין...
132) **ד״ר י. שוואַרצבאַרט** — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלייבט אָפן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

מלך באַקאַלטשוק־פעלין — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

עס גרייט זיך צום דרוק:

שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
פנחס וועלנער — דערציילונגען
י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)

פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

א. ליס שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס בוך „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" („אונדזער היינט", תל־אביב, 17טן יוני 1955):

ס'איז אונדז שוין אויסגעקומען צו דערמאָנען אָט דעם אָריגינעלן בוך, פון מאַרק טורקאָוו, וואָס איז דערשינען ווי דאָס הונדערטסטע בוך, אין דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן אין אַרגענטינע גיט אַרויס. זיי האָבן באַוויזן אַוועקצושטעלן דעם פאַרלאַג, ווי דעם צענטראַלן פאַרלאַג פון דער יידישער חורבן־ליטעראַטור.

אָנגעהויבן האָט זיך טאַקע די ביכער־סעריע מיט טורקאָווס אַ באַשרייבונג, מיט אַ גבית־עדות פון אַ ניצול געוואָרענער פרוי, וואָס האָט זיך נאָך דער באַפרייאונג זיך דערשלאָגן קיין אַרגענטינע, און האָט דערציילט פון איר יסורים־וועג, אירע איבערלעבונגען פון דעם גרויל פון יענע טעג. פון ערשטן בוך „מלכה אָווישאַני דערציילט..." ביז דעם ניט לאַנג דערשינענעם „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" פון מאַרק טורקאָוו, האָט דער פאַרלאַג געבראַכט נישט נאָר די בלעטער פון פּיין און יסורים און פון דער פאַרלענדונג פון יידיש־פאָלק אין אייראָפּע, זכרונות און שילדערונגען פון דער תקופה פון לעצטן חורבן. — נאָר האָט אויך געבראַכט שאַפונגען און ווערק פון יידישע שרייבער־קדושים, וועמענס שאַפונגען ס'זענען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט זיי, און ביכער וואָס דערציילן אויס פון יענע יאָרן ווען דער מעכטיקער יידישער ישוב אין פּוילן האָט געלעבט, געהאָפט און זיך געראַנגלט אין די הונדערטער און הונדערטער שטעט און שטעטלעך...

אָט צווישן דעם ערשטן בוך פון מאַרק טורקאָוון און דעם לעצטן מיט וועלכן ס'ווערט אָפּגעשלאָסן די הונדערט ביכער פון פאַרלאַג, ליגט אַן אוצר פון יידיש וויסן, יידישע מחשבה און יידישער געמיט, ס'גייט אויף מיט פרייד פון לעבן און באַשאַף און ווידער ווי פאַרטרונקען אין טיפער עצבות פונעם היינט, אין דער טראַגיק פון דער לעצטער תקופה.

„די לעצטע פון אַ גרויסן דור" זענען מאָנאָגראַפיעס פון יידישע משפחות אין פּוילן, פון משפחות אין דער שטאָט וואַרשע. משפחות מיט אַן אייגענעם לעבנס־אַרט און לעבנס־שטייגער. ווי ביי יעדן פאָלק האָט זיך אויך ביי יידן אַרויסגעהויבן און זיך אַרויסגעקענטיקט משפחה ־ דינאַסטיעס, וועלכע האָבן אין משך פון דורות באַאיינפלוסט און אָפּגעצייכנט זייער השפעה אויפן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן, אויפן

רעליגיעזן און גייסטיקן לעבן פון ברייטערע ספערן אין פאָלק. פון די עלטסטע צייטן אין אונדזער געשיכטע ביז אַנומלטן, און אַפילו ביזן היינטיקן טאָג זענען מיר דאָך עדות ווי קראַפט און מאַכט גייט איבער בירושה און ווי אָט די ירושה ווערט אַמאָל פאַרטיפט און אויסגעברייטערט אָדער זי ווערט גאָר פאַרפלאַכט און צעגטרענצלט און דאָס דעראָבערטע פון דורות ווערט ממש צו פרוך און פראָך. ס'איז שוין אַ באַקאַנטע שטייגער־פראָבלעם און נישט אומזיסט זענען די פראָצעסן און אומוואַנדלונגען פון משפחות, אַזוי אָפט אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ גוטער בעלעטריסטישער שטאָף אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין דער ליטעראַטור ביי יידן.

מאַרק טורקאָווס באַשרייבונגען פון די רייכע, השפעה־פולע און צווישן זיי אַסימילירטע פאַמיליעס פון דער אַמאָליקער, גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפע, איז אַ שטיק געשיכטע פון אַ באַדייטנדיקן קלאַס אינעם פוילישן יידנטום. אַ קלאַס, וואָס האָט אין משך פון עטלעכע דורות געשפילט אַ וויכטיקע ראָלע אינעם יידישן לעבן, געווען אָנזעעוודיק מיט זיין גבירישאַפט, מיט זיין געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט און מיט זיינע אַסימילאַטאָרישע אַמביציעס. און הגם דער דראַנג צו אַסימילאַציע און דער ווילן זיך אָפצופרעמדן איז געווען ביי די לעצטע פון די וואַוועלבערגס ווי ביי די זין פון די אייגערס, איז דאָך פאַראַן אַ קענטיקער אונטערשיד אינעם כאַראַקטער און אופן, אינעם באַנעם און אויפפירונג. טורקאָוו שילדערט דעם אָפשטאַם, דעם אויפשטייג, די אַנטוויקלונג און דעם אויסלאָז און פאַנאַנדערפאַל פון די דאָזיקע נאָטאַבלען־משפחות. טורקאָוו איז אַליין אַ זון פון אַן איינגעזעסענער וואַרשעווער פאַמיליע און ער קען נישט נאָר גרינטלעך די געשיכטע פון וואַרשעווער יידישן ישוב, נאָר מען שפירט אַרויס זיין אינערלעכן אָפשיי, דעם אומעט און אומרו, וואָס יוירט אין אים ביים באַשרייבן „די לעצטע פון אַ גרויסן דור". אָבער להיפוך צו דעם, ווי ס'קאָן זיך דאַכטן, גראָד דורך אָט דעם ציטער און דורך דעם וואַרעם־סוביעקטיוון טאָן, וואָס באַגלייט די באַשרייבונגען גייט אויף בולטער און פאַרנעמיקער דאָס בילד, די צייט, די באַדינגונגען, ס'מינערט נישט זייער געשיכטלעכן ווערט.

טורקאָוו האָט דעם רוב פון די משפחה־מיטגלידער געקענט פון דער נאָענט, געקומען מיט זיי אין באַרירונג סיי ווי אַ צייטונגס־מענטש און עסקן, בפרט אין די לעצטע יאָרן אין וואַרשע, אין קרייז פון זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אין דער טעטיקייט פון דעם אַנטי־היטלער־קאָמיטעט, פון דעם באָיקאָט־קאָמיטעט. אין יענע יאָרן איז שוין די אַמאָליקע, אַסימילאַטאָרישע פעסטונג געלעגן אַ צעטרייסלטע. די נאַצי־תורות האָבן זיך גערן אָנגענומען אין לאַנד פון דער ווייסל און די אידייען פון פאַרפוילישונג, פון אַסימילאַציע, פון יידן־פאָליאַקן און פאָליאַקן פון משהס גלויבן האָבן זיך געוואַלגערט צעטראָטענע און צעשטויבטע. טורקאָוו שילדערט אויף אַ בילדערישן אופן ווי די נייע ווירקלעכקייט האָט געווירקט און

געענדערט די באַציאונג און דעם אָרט דענקען פון דעם לעצטן הייפל אַסימילאַטאָרן אין וואַרשע. אַזוי דערציילט ער בהרחבה וועגן דער משפחה אייגער, וועגן די וואַוועלבערגס, וועגן די בערגמאַנס, זין און אייניקלעך פון יידן גבירים, וואָס זייער רייכקייט האָט זיי געפירט צו פאַרפרעמדונג, וואָס זייער נגידישאַפט האָט זיי דערווייטערט פון שטאַם. זיי, וואָס האָבן אַזוי געגלייבט אין דער נייטיקייט און אינעם כוח פון אַסימילאַציע האָבן זיך מיטאַמאָל דערזען אויסגעהוילטע, און אָפגענאַרטע אַפילו פון זייערע נאָענטע פוילישע פריינד.

איינע פון די אינטערעסאַנטסטע מאָנאָגראַפיעס איז וועגן דער פאַמיליע אייגער, וועמענס שטאַם־פאָטער ס׳איז געווען דער באַרימטער פויזנער רב ר׳ עקיבא אייגער.

ווי אין אַלע געבראַכטע מאָנאָגראַפיעס שילדערט אויך דאָ טורקאָוו די הויפּט־מיטגלידער פון דער משפחה, זייער גאַנג און אויפשטייג, זייערע אויפטוען און דערגרייכונגען, זייערע אַמביציעס און קאָמפּלעקסן, אַזוי שטייגעריש און בהדרגהדיק דערפירט ער צו די לעצטע פון דעם אייגער־צווייג מיט וועמען ער איז אין אַ טראַגישער און גורלדיקער צייט געקומען אין פערזענלעכן קאָנטאַקט. מיט עמאָציאָנעלער שפּאַנונג דערציילט טורקאָוו פון די לעצטע וואַרשעווער אייגערס, פון דער מוטער דיאַנאַ, וועלכע ווערט אַריינגעצויגן אין יידיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, קומט אויף יידישע פאַרזאַמלונגען, ווידמעט זיך יידישע הילפּס־אַרבעט און דערפילט אַליין אַזוי שניידיק זעם אויסלאַז, ווען איר זונדל קאַזשימיעזש, אַן אור־אור־אייניקל פון גרויסן רב האָט זיך אָפגעשמדט נאָך זייענדיק אַ שילער, בכדי זיך צו פילן באַקוועמער צווישן זיינע קריסטלעכע חברים. אויך די אַנדערע צוויי קינדער פון באָלעסלאַוו און דיאַנאַ אייגער האָבן זיך געשמדט, דער עלטערער זון, וואָס האָט געשריבן פוילישע לידער און עסייען און זיך גערופן סטעפאַן נאַפיערסקי און די טאָכטער מאַרילאַ, וועלכע האָט יאָרן אויף יאָרן זיך אָפגעוואַלגערט אין די שווערע פוילישע תפיסות פאַר קאָמוניסטישע זינד.

איינמאָל — דערציילט טורקאָוו — קומענדיק צו אַ זיצונג, האָט אים פרוי אייגער איבערגעגעבן בסוד־סודות, „אַז עס איז געקומען צו איר אין וווינונג אַ פוילישער אַרבעטער, עפּעס אַ פרימיטיווער יונג מיט ביינער, ווי זי האָט עס געזאָגט, און געבראַכט אַ בריוול פון איר טאָכטער, וואָס האָט זיך דאַן לויט אַ געריכטס־אורטייל געפונען אין דער פרויען־תפיסה אין בידגאָשטש, און ער האָט דערקלערט, אַז מאַריאַ האָט מיט אים חתונה געהאַט און ביי דער „שוויגער“ געפאָדערט געלט. טאַקע אַ גרעסערע סומע, אויפן חשבון פון דער ירושה, וואָס עס קומט דער טאָכטער... — וואָס זאָגט איר צו דעם איידעם פון ר׳ עקיבא אייגערס אור־אייניקל?...“ — האָט זי געפרעגט מיט ווייטיק און סאַרקאַזם.

צוזאַמען מיט פרוי אייגער האָט זיך דערנענטערט צו די פּראָבלעמען פון יידישן כלל איר פלימעניק אַנטאָני אייגער, ער איז געווען פריער

אינגאַנצן פאַרפוילישט און זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט זיינע אינטערעסן, ווי אַ דערפאָלגרייכער כעמיקער. אַנטאָני אייגער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש, געוואָרן אַ מיטגליד פון דער יידישער אַגענץ, באַזוכט עטלעכע מאָל ארץ־ישראל און געפּלאַנט אויסצובויען גרעסערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין לאַנד. ער איז געווען מסתמא דער איינציקער און לעצטער פונעם אייגער־שטאַם, וואָס האָט באַזוכט די פּויזנער שול און איז געזעסן אויף דער שטול אויף וועלכן ס'האָט מיט דורות צוריק געזעסן זיין גרויסער זיידע ר' עקיבא.

פון די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון די אייגערס, וועלכע האָבן געלעבט אין וואַרשע, איז פאַרבליבן נאָר דער יינגסטער קאַזימיעזש, אויך ער האָט דערפילט דעם ביטערן טעם פון פאַרפאָלגונג און נע־נד־זיין. אין די אָנהייב מלחמה־יאָרן איז ער געווען אויף אַ שיף צוזאַמען מיט אַנדערע פיר צענדליק פאַרצווייפלטע פּליטים, וועמען קיין איין לאַנד פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן. טורקאָוו גיט איבער די באַמיאונגען, וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט געמאַכט צו העלפן די אומגליקלעכע פּליטים פון דער שיף „דער עק פון דער גוטער האָפענונג“ און זיינע באַמיאונגען צו העלפן דעם יונגן אייגער. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט שוין אייגער די אַלע באַמיאונגען נישט געדאַרפט. ער האָט שוין נישט נייטיק געהאַט זיך צו פאַררופן אויף דעם יחוס פון זיין משפחה און פון זיין גרויסן זיידן ר' עקיבא. להיפוך, אָט דעם יחוס וואָלט זיכער אין זיין נייער סביבה, אין דער סביבה פון אַ יעזואיטן־קלויסטער אין באָגאָטאַ געווען פאַר אים אַ שטער...

ס'איז אָבער ביז גאָר טשיקאַווע ווי אַזוי די אַסימילאַנטן האָבן געבויט אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, שפּיטעלער און שולן, פאַרשטייט זיך, אין גייסט און כאַראַקטער פון זייערע אידייען, אָבער אַזעלכע פילאַנטראָפּן און געזעלשאַפטלעכע טוער ווי די וואַוועלבערגס, ווי די בערגמאַנס, האָבן דאָך געטאָן קאָנסטרוקטיווע און וויכטיקע אַרבעטן אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ביז היינט טראָגט אַ „ייקאַ“־קאָלאָניע אין אַרגענטינע דעם נאָמען „וואַוועלבערג“ אויפן נאָמען פון דעם, וואָס האָט פינאַנסירט די נסיעה און דאָס איינאָרדנען זיך פון די ערשטע קאָלאָניסטן.

מיט אַ סך וואַרעמקייט דערציילט מאַרק טורקאָוו די געשיכטע פון די יידישע משפחות דאַווידזאָן, שערעשאָווסקי וועמענס אָנזען ס'איז געווען גרויס סיי אויפן עקאָנאָמישן געביט, סיי אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון יידן אין פּוילן. וועלכער ייד האָט עס נישט געוווסט פון דער שערעשאָווסקי־באַנק און פון סענאַטאָר דאַווידזאָן? ווער האָט עס נישט געהערט פון דעם מערקווירדיקן עסקן און אויגן־דאָקטער נח דאַווידזאָן און דעם באַנקיר רפאל שערעשאָווסקי?

טורקאָוו ברענגט אַרויס כאַראַקטעריסטישע פּרטים און פּאַסירונגען פון זייער לעבן. טייל קאַפּיטלען, די שילדערונגען פון די מענטשן, זייערע טואונגען און די ספערן אין וועלכע זיי

האָבן פאַרקערט, לייענען זיך ווי גוטע דערציילונגען, הגם ס'איז גאָר קיין ספק נישט, אַז אין זיי איז אָפּגעהיט דער געשיכטלעכער אמת.

טורקאָוו האָט מיט זיינע מאָנאָגראַפיעס אָפּגעראַטעוועט פון פאַרגעסנקייט אַ שיכט מענטשן, וועמענס גורל ס'איז געווען ווי דער גורל פון פּוילישן יידנטום. מיט דעם בוך האָט ער אויך אויסן געווען אויסצודריקן זיינס אַ געזעלשאַפטלעכע כוונה, דהיינו: אַז די רייכע יידן, אין דעם נייעם קאָנטינענט, אַז די יידישע משפּחה־דינאַסטיעס, וואָס ווערן דאָרט איצט אויפגעשטעלט, זאָל אַרויסציען פון די געבראַכטע שילדערונגען „עפּיזאָדן און פאַקטן — דעם מוסר־השכל פאַר אונדזער היינטיקן יידישן לעבן...“

טאָ לאָמיר חלילה נישט זיין קיין אַפּיקורסים... און גלייבן מיט מאַרק טורקאָוון, אַז דער ערלעכער, גוטער ווונטש וועט מקויים ווערן...

י. אַקרוטני שרייבט וועגן ברוך האַגערס בוך „מלכות חסידות“

(„די אידישע צייטונג“, בוענאָס־איירעס, 19טער אויגוסט 1955):

א.

ברוך האַגער, דער יידיש־שרייבער, וואָס גיט זיך אָפּ היינט צו טאָג איינציק נאָך מיטן חסידישן מאָטיוו, האָט אונדז איצט אונטערגעטראָגן זיינס אַ ספר מיטן טיטל „מלכות חסידות“. נישט מער — דאָס מלכות חסידות, דאָס סאַמע קיניגרייך פון דער דערהויבענער פרומער יידישקייט, וואָס האָט איר היכל אינעם הימל פון גאָט ברוך־הוא און איר קרוין איז די תורה הקדושה.

אין תוך זענען די מעשיות פון ברוך האַגערס ספר אָן צעוויקלטן סיפּור־המעשה. גיכער איז זיינע אַ מעשה אַ קינסטלערישע טוש־צייכענונג מיט אַ בפירושן נמשל. דער משל איז ס'רוב מטושטש, דער נמשל — פאַרקערט — ליגט אויבנאויפיק, דאָ און דאָרט צאַפּלט ער זיך אין אַ פּרעציז אַרויסגעבראַכטן רמז אָדער פּסוק, אין וועלכן עס לעבט סיי די כוונה, סיי די מסקנה פונעם סיפּור. ב. האַגערס דרך איז דאָס קינסטלערישע עקספּאָנירן, דאָס בילד, די זאַכן און סיטואַציעס, וואָס לאָזן זיך ממש אָנטאַפּן, אַ דאַנק די רעליעפע פאַרגלייכן. ווינציקער איז ער פאַרדמיונט, הגם די מאָטעריע זיינע איז אַ פאַנטאַזיעפולע, האָט צו טאָן מיט מיסטיק און אַלע אַקסעסואַרן פון יידישלעכער גייסטיקייט. ווי דער קינסטלער, וואָס איז זיך באַוווסט פון זיין ראָל, האַמערט האַגער די באַטרעפנדיקע עפּיזאָדן און סוזשעטישע אילוסטראַציעס, איז זיי משתתף מיט אויפגעלעבטע געשטאַלטן און צוזאַמען באַוועגט ער זיי — די סיטואַציעס מיט די מענטשן — איבער די נעצן פון זיינע אידייען. מיט דעם קען מען דערקלערן ברוך האַגערס מצמצם זיין מיטן וואָרט און דאָס אָפטע נישט דערזאָגן, וואָס אָפט מאָל איז עס אויך אַ מעלה. אדרבא, זאָל דער קורא נכבד אַביסל

קנייטשן דעם שטערן, זאָל ער אַ טראַכט טאָן וואָס דער מחבר האָט מכוון געווען.

דער תוכן פון האַגערס ספר, וואָס איז געשריבן אין יידיש־קודש, איז דער מהות פון דער יידישקייט, ווי זי איז אויסגעשטאַלטיקט געוואָרן במשך דורות אין רבישע הייף און האָט זיך איינגעפורעמט אין שיטות פון חסידות, וואָס איר וועג איז — דינען גאָט. און עבודת הבורא מיינט כולה כוונה, געלייטערט געמיט, אויסטאָן זיך פון דער אַלטעגלעכקייט. היטן פרומע יידישקייט מיינט דאָסגלייכן פאַרלאָזן משפחה פון וועגן תורה לערנען, הייסט וואַרפן אויפן ווייב דעם עול פרנסה פאַרן הויזגעזינד, גאַנצע זמנים קנייטשן די באַנק אין רבינס בית־המדרש, שפל וואַרטן אויף דעם „זאָגן" פון אים זאָל לעבן. פשוטע יידן, למדנים און פרושים, גלות־אָפריכטער און צדיקים באַוועגן זיך אויף דער רייכער, אייגנאַרטיקער קאַנווע פון די 31 דערציילונגען, וואָס גייען אַריין אין ספר פון דעם נעמלעכן חסידיש־רבנישן מיליע. אמת, די מעשה פון דעם דאָזיקן לעבן איז ניט דער סאַמע עיקר ביי האַגערן, הגם אומעטום דערציילט זיך באַלערנדיקס. דאָס עיקרשטע איז די קינסטלערישע כוונה, וואָס איז אָנגעקליידט מיטן גייסט פון אמונה־יידישקייט. ביי האַגערן, ס'הייסט ביי זיינע פערסאָנאַזשן, איז טאַקע קענטיק די גרויסע אינספיראַציע פון דער עכטער פרומקייט. באַגלייך מיט דער מיסטעריע פון טיפסטן גלויבן, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין יעדער דערציילונג, פירט אונדז אַריין דער מחבר אין אַן אַטמאָספער פון מענטשישן אויפלייזן זיך אין התרוממות פון אָפגעבן דעם גוטוויליקן קרבן פאַרן זין פון טראָגן דעם נאָמען ייד.

פונאַנדערנעמען די פעדים פון ברוך האַגערס אַ ווערקל איז כמעט אוממעגלעך, מחמת דער קערן און די שאָל זענען פון איין נוס. עס איז פונקט אַזוי ווי עס איז נישט מעגלעך ממשותדיק איבערצוגעבן דאָס פסיכישע רעפלעקסירן פונעם פונקען־אָפלויכט פון דער שעפערישער אינספיראַציע אינעם נערוון־צענטער פון דעם קינסטלער: אָט אָנגעבליצט, אָבגעקלאַפט אין טיר און טויער פון מוח און האַרץ און אָט זיך צעשטראַלט, אויסוויברירט, פונאַנדערגעצויגן די וויזיע. פאַרקערט, דעם לייטפאָדעם פון אַ יעדער האַגערישער מעשה לאָזט זיך שטענדיק אַרויספירן, און דאָס אַדאַנק דער אידייע, וואָס דער מחבר האָט געלייזט אין יסוד פון זיין קינסטלערישן אויסבליק.

מעשה מעשיות... לגבי די זאַכן פון „מלכות חסידות" נוצן מיר בכיוון די דאָזיקע באַצייכענונג פאַר די דערציילונגען מחמת זיי באַוועגן זיך רק אין שטח פון אמונה און היעראָגליפן פון דער מיסטיק וואָס לעבן אינעם טאָג און נאַכט פון די מענטשן, ווען עס איז גלייכגילטיק די האַרטע רעאַליטעט, הגם זי לאָזט זיי נישט אָפ, ציט אַריין אין די נישטיקייטן פון דער זינדיקער ערד.

ניכטער אויפהייבן דעם בליק איבער ברוך האַגערס דערציילן, שלאָגט זיך אַרויס ווי אַן עיקר דאָס שרייבערישע עקספאַנירן, די פלאַסטישקייט פון זיינע געמאָלן. דאָס מאַכט אונדז

צום נאָענטסטן מיט האַגערס דער־
ציילונגען. אַנאַליזירן די באַזונדערע
טיילן פון זיין דערציילקונסט, אויס־
געפינען וועלכע עס זענען די צום
מ׳ערסטן ווירקעוודיקע עלעמענטן?
ביי האַגערן איז תמיד אַ פּאַרמעסט
צווישן דעם אַרכיטעקט און דעם בעל־
מוח. אַמאָל פאַרכאַפּן אונדז די ממש
אַנטאַפּעוודיקע פאַרגלייכן, אויף אַן
אַנדער אָרט — די פאַלקסטימלעכע
צייכענונג וואָס אַנטפּלעקט זיך אין
אַ קלאָרער טראַנסקריפּציע פון אַ באַ־
קאַנטער לאַנדשאַפט אין לגמרי נייע
ליניעס און קאָלירן. צום שטאַרקסטן
דאָמינירט, דאַכט זיך, דער וואָרצלדי־
קער יידיש, אַ געצאַמטער פון דענ־
קענדיקן קינסטלער. באַשיימפּערלעך:
ווי אַ געניטער גערטנער שטייט ברוך
האַגער איבער זיינע פלאַנצן, ער
וואַכט איבער זייער אויפגיין, צום
יידישן לשון, ווי דאָס אינטעגראַלע
חומר און רוח פונעם וואָרט־קינסט־
לער, גיט אָפּ ברוך האַגער דעם אויבנ־
אָן, אין מלכות פון זיינע געשטאַלטי־
קונגען. און אויף דעם שטאַפּל דאַרף
מען זוכן זיינע עיקר־דערגרייכונגען.
אין לשון־יידיש איז ער אָפּט מאָל
דערפרישנדיק.

ב.

אַוודאי נאָך פּרצן דעם אַנטפּלעקער
פונעם מהות פון חסידות, נאָך מ. י.
בערדיטשעווסקיס כתבים פון חסידי־
שן לעבן, איז שווער דער וועג פאַר
אַ קינסטלער פורעמ׳ער פון אַט־דער
מאַטעריע, וואָס איז כולה גייסט און
גייסטיקייט; שווער, אויב נישט
שטרויכלדיק. ברוך האַגער, מוז מען
זאָגן, איז פון דעם וועג אַרויס אַ ניט
געניזוקטער, און לויטער. זיין שריי־
בערישער כוח איז נעמלעך אין דעם
דערציילעריש־מעשהדיקן, אין דעם
נישט טעגלעכן, פאַר וועלכן ער האָט
געפונען פורעם און געשטאַלט, הגם
ביי אים ליגט דאָס מעשה־האַפּטיקע
נישט אויף דער פלאַך פון אַ ר׳ נחמן
בראַצלאַווערס באַלעגנדיקער און דאָך
לירישער מעשה און זי איז ווייט פון
די אַנדערע מעשהדיקע נוסחאות. ב.
האַגערס נאַראַציע וויקלט זיך אויס
אַזוי צו זאָגן נאָענט צו דער ערד און
נישט ווייט פון די הימלען? פשוט:
האַגער איז וועלטלעכער מחבר מיט
אַ פאַרליבע צום חסידישן סוזשעט.
וועדליק זיין השקפה און קינסטלערי־
שער אַנלאַדונג איז ער גיכער פון אַלץ
קרובהש צו פרצן פון „חסידיש״,
אָבער דאָך אַנדערש. נוסח־האַגער איז
אַנדערש, אייגן.

די וועלט איז אויפגעקומען באַ־
גלייך מיט דער מעשה: בראשית
ברא... און דאָס מעשהדיקע באַגלייט
דעם מענטש אומעטום: „אַמאָל איז
געווען״ דער ויהי איז די לערנונג
פאַרן מענטש היינט און ער פירט אים
אַוועק זיכן דאָס ליכט פון ווייטן
נעכטן. מיטן „ויהי״ הייבט זיך אָן
דאָס ספר פון די נביאים ראשונים:
ויהי אחרי מות משה און דער „ויהי״
ברענגט אונדז אַריין אין כתובים את־
רוגים: ויהי אחרי הכות אַלכסנדרוס
מלך מקדוניא —— דערנאָך, דעם
ד ע ר נ אָ ך, דעם אחרי נאָכן ג ע־
ו ע ן פענט די פערספּעקטיוו פאַר
דער פאַנטאַזיע פונעם מעשה־האַפּ־
טיקן, וואָס גייט נאָך דעם מענטש
מכל יום ויום און זי פירט אויך דעם
קינסטלער צו שעפערישן שווונג.
דער תמצית פון חסידות און אירע

וועגן האָבן אויך ב. האַגערן געבראַכט צו די שטאַפּלען פונעם „געוועזן". ניט בלויז דערפאַר וואָס ס'אמונהדיקע יידישקייט אין די מאַסן האָט אויסגעצאַנקט, נישט בלויז פאַר דאָס און יענץ. טאַקע פאַר דעם וואָס עס איז געשען אַזוי גרויליק, טאַקע ווייל אַ ווונדערלעכער חלום פון יידן איז אַזוי אכזריותדיק צעטראָטן געוואָרן, קלאַמערט זיך די בענקשאַפט צום דערהויבענעם „וואָס איז געווען". פון אָט דעם טיפן געפיל איז דער שרייבער דער פירשפּרעכער פון דורות פאַר דורות, דער גאַליקער ביסן איז זיין לעבנס־אידייע. מהאי טעמא האָט ער דערציילעריש געמוזט דעם מהות פון חסידות אויפנעמען מעשה־האַפּטיק — אַמאָל אויך פאָלקסטימלעך — און ווי אַזאַ אונדז דערנענטערט די דאָזיקע שיטה אין מערער מאָטיוון, כלערליי וואַריאַנטן.

„די תכסיסי מלחמה האָט ר' אורי סטרעליסקער געלערנט ביי זיין רבין, ר' שלמה קאַרלינער: זע נאָר, קוק דיך גוט איין, אורי, דאָרטן, הינטערן עמוד, מיט געפּאַנצערטער ברוסט און מיט צעלאָזטע שטאָלענע פליגל ש ט ע ל ט ער זיך אַוועק און פרווט פאַרשפּאַרן דעם וועג. איז — דאַווי, דאַווי זשאַרי!"

„ר' יהודה־הערש סטרעטענער, אַז ער פלעגט זאָגן ברוך שאמר, זענען סטאַדעס (טשאַטעס?) טויבן און פייגל זיך צונויפגעפלויגן און מיט פרום־אָנגעבויגענע קעפּלעך געשוועבט איבערן בית־המדרש ווי אַ צעשפּרייטע חופה" — —

אָט־אָט אויך אין איינוועגס אַן עדות פאַרן דערציייל־אופן פון ברוך האַגער. ער אידעאַליזירט נישט די מענטשן און די האַנדלונגען אויפן פאָן פון חסידות, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט און פאַרוואָרצלט צווישן יידן אין וואָלעכיע, גאַליציע און אַנדערע ערדן. אים גייט נאָר אין אויפשטעלן בילדער וואָס לייכטן ווי אַ יסודותדיקער נאָכבלייב פון דורות גייסטיקער יידישער שיינקייט. דער יידישער מענטש און זיין וועלט איז עס דער טורעם וואָס פירט דעם שרייבער. יאָ, מ'זעט ווי דעם מחבר איז ליב־טייער יעדע שילדערונג, די סביבה וואָס האָט געקענט יידן דערהייבן פון שפלות און עניות. דאָ איז חסידות די לייטער (און נישט דווקא דעם שרייבערס מעדיום) פאַר דעם מענטשנס דערהייבונג בפועל ממש נישט וויכטיק די שיטה, ס'עיקרשטע איז דער תוך, דער ציל — דער גלויבן, וואָס אימאַגינירט דאָס יופי.

„ר' מענדעלע קאָסאווער האָט פונעם סטרעליסקער עניות געוווסט, נאָר אויף אַזוי ווייט נישט געגלייבט. און אַז ער האָט עס איצט דערזען, דאָס אָרימקייט, אין דער גאַנצער באַשיימפּערלעכער גרויס: אויסגעווייקטע, פאַרהונגערטע פּנימער, אָפּגעריסענע מלבושים אויף איינגעטריקנטע לייבער, איז ער געווען צעקאָכט און איבערגענומען ביז גאָר.

— היתכן! ווי אַזוי דערלאָזטו עס, אַז יידן, יראים ושלימים ווי דיינע, זאָלן עס אַזוי אָפּקומען אויף דער וועלט?

— גלייב מיר, שוואָגער־לעב, — פאַרענטפערט זיך ר' אורי אַ זייער התנצלותדיקער — איך האָב חס

ושלום, אין דעם קיין שולד נישט, אַז ס׳פעלט זיי נישט!״

אויבנאויפיק רוקט עס אַן דעם פאַרגלייך מיט דער באַגעגעניש צווי־שן בריסקער רב און דעם ביאַלער רבין (פרץ), נאָר בלויז אַן ענלעכ־קייט פון דער אידייען־אַסאָציאַציע. ביי פרצן גייט עס בעיקר אין דער פילאָזאָפיע פון אמונה, ביי האַגערן — אין דער אמונה גופא. ביי פרצן קומט אַרויס דאָס חסידות אין אַ קריטיציסטיש הייטל מיט אַ ליריש פילאָזאָפישן הויך, און האַגער ברענגט עס אין דעם אייגנטלעכן צאַפּל פון אַן אידייע וואָס האָט גענומען אויף זיך פלייש און ביין.

איבערדערציילן אינהאַלטן? בנוגע ב. האַגערס דערציילונגען איז עס נישט שכיח, אַקוראַט ווי עס איז ניט מעגלעך איבערצוגיסן אין פשוטן וואָרט דעם קלאַנג און ריח פון טריפּנ־דיקן נעקטאַר. דעם טעם פון אַ מוסר־השכלדיקער מעשה מוז מען אַליין דערווישן, מכל שכן פון אַ חסידישער דערציילונג, וואָס איז איבערגעגעבן מיט קינסטלערישער רמיזה, ווי ס׳איז דער שטייגער ביי ברוך האַגער.

ג.

אויף די קינסטלערישע מיטלען פון ב. האַגער איז כדאַי באַזונדער צו שטעלן דעם טראָפּ. מפונקים מוזן באַלד זיך כאַפּן אויף דעם; שטאַרק איז ער מקפיד אויפן וואָרט, אַנגע־צילט אויפן בילד, דער אויסדרוק־אופן אַ רעאַליסטישער, כאָטש נישט אַן אינטעלעקטואַליסטיש - לומדישן קנייטש.

ס׳הויפּט־געוויכט אָבער לייגט דער שרייבער אויף דער שילדערונג און אויפן וויזועל־אַפּאָריסטישן, וואָס ער קריגט אַרויס פון זיין רייכער יידיש־פּאַלעטע.

אויף די רמזדיקייט פון זיין סגנון.

ברוך האַגער



מירן אויף טשיקאַוועס לאָזן ברוך האַגערן עפּענען די לעפּצן:

— סטרעליסק איז אַ לייטער, וואָס שפּאַרט גלייך אין הימל אַריין.

—צום צדיק קומט מען תפילה טאָן און תפילה באַדאַרף אַ בגד — צדקה. מוז יעדער איינער זיך מצרף זיין; און ווער עס גיט נישט מיטן גוטן, באַצאָלט מיט קנס.

— דאָס שטריימל שפּאַרט אַן ביים האַלדז און נאַקן, די צעלאָזטע פּאות שוועבערן און פלאַנטערן זיך איבערן צעהיצטן פּנים, ס׳טונקעלע בערדל דראַפּעט זיך שפּיציק צו דער לאַנגער פּאַרריסענער נאָז אַרויף. און אין גאַנצן זיצט ער ווי אַן אַנגעהייצטער קעסל.

— אין דרויסן איז חושך. די זאַ־ווערוכע פּאַטשט מיט בייסיקן פראָסט וואַרפט מיט שנייענע בערג און דרייט די ערד ווי אויף רעדער.

— שוין פון דער וויטנס טראָגט זיך אַ געברום ווי פון איבערפלייצנ־דיקע כוואַליעס: דער רבי זאָגט „הו־דו" — און צעפנט די הימלען.

— דאָס הימל האָט זיך פלוצים אָנגעקנייטשט, פינצטער און שפּאַלט זיך פון בליצן און צעטראָגנדיקע דו־נערן. און עס מבולט, און אַ שטורעם ווילדעוועט און הייבט די ערד פון די אַקסן.

— צעפלאָכטענע בערד הענגען פון וואַקסענע ליכט אַראָפּ און מאָלן ווילד צעצויגענע קריכערס איבער די פאַררויכערטע ווענט.

עד כאן. באמת שוין פאַרכליניע זיך אין ליבשאַפט צום בילד, וואָס עס האָט איבערגעענטפערט „מלכות חסי־דות" און ברוך האַגער פאַרלאָקט סיי מיט זיין שטילן ליידנשאַפטלעכן טראָט, סיי מיט דער עכטקייט פון זיי־נע רעליעפן, זיינע טריב־יידישע קאָ־לירן און די טרעפלעכע, נייטיקע ליכט־ און שאָטן־פלעקן וואָס קענט איר זיך העלפן, אַז האַגער גיט זיך אַ שרייב: „די נאַכט פאַרבלויט זיך טונ־קעלער" און איר זענט אותו רגע פאַרכאַפּט פון אַ ניי אומעטיקלעך, אמתדיק־יידיש בילד, וואָס שניידט זיך אַריין אין מיטן פון אַן אָנגרייפנ־דיקער יידישער שטימונג?

און ערשט די שפע אינעם לשון וואָס האַגער מעסט און וועגט! נאָר מער ווילן מיר נישט מאריך זיין. דער בעלן אויף איידלקייטן, וואָס קענען געגעבן ווערן מיט דער הילף פון יידי־שן וואָרט, מעג זיך אַליין פאַרגינען דעם תענוג־רוח. ס'אַ ווערטפול בוך.

:: :: ::

קאַלאַמ'וטנע אונדזער וועלטל, האָט מען עס איינגעהילט אין אַ מעשה, און זי פירט אונדז — אונטער כלער־ליי לאַמטערנעס. ברוך האַגער, וואָס איז מלא וגדוש מיט וואַרימער יידיש־קייט, האָט זיך אָנגעצונדן אַן אייגע־נע לאַמטערנע און זי לייכט אונדז אַריין אין אַנדערע עולמות, און דאָס איז שוין כוח, זיין כוח.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 133

Copyright by
LEÓN LENEMAN, París

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de diciembre de 1957, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S.R.L., Corrientes 1976, Bs. Aires

LEON LENEMAN

La Cuenta Permanece Abierta...

▼

Editado por la
Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Buenos Aires, 1958